לעיתים רחוקות קיימנו גם תחרויות כדורגל עם נערי הנוצרים, על פי רוב בימי ראשון בשבוע, על מגרש מחנה הצבא. יריבינו היו מגיעים למשחק כשהם בגילופין והתרברבו כי פרט למשחק ירביצו בנו כדבעי, "כי את היהודים חייבים אנו להרוג..." אליבא דאמת פחדנו מהם. סוף סוף היינו "צוציקים" בני 16–17, כמעט ונמנענו מלשחק אתם בתירוצים שונים. אולם המבוגרים שבינינו, כמו לייבל פורמן – קפיטן הקבוצה, לייבל פאלאנט, מאיר אהרציק אקמן ואחי יעקב גיטלזון עליו השלום, הצליחו להפיג את חששותינו ולהרגיע אותנו כי אין מקום לפחד. לייבל פורמן היה אומר: "ינסה מישהו מהם להגיע אלי ומייד יירגע! ..." וכך היו הדברים לאשורם. כאשר הגיע תוך כדי משחק בריון מתרברב כזה, התגלגל עם הכדור והתהפך פעמים מספר ובקושי יכול היה לקום על רגליו ולהתאושש. לתחרות כזו היינו מגיעים בעגלה. חלק מאתנו ישב בעגלה והשאר צעדו ברגל. כמעט כל הנוער בעיירה עסק בספורט ובתרגילי התעמלות. זה היווה גם חלק מפעולות הסתדרויות הנוער. ולא רק בכדורגל; היו תרגילי־סדר ואימוני־שדה ליליים וכל מיני משחקים צופיים. כאשר היינו מהלכים בעת לילה בשולי השדות והשבילים, היו פוגשים בנו לפעמים השוטרים הרכובים על סוסיהם והיו מזהירים אותנו ומתרים בנו, לא להרעיש יתר על המידה. הן עיירת־גבול היא עיירתנו ואסור להתאמן בלילות.

כל הסתדרויות הנוער הציוני נרשמו בזמנן ע"י השלטונות הפולניים כהסתדרויות "צופים" – סקויטים או "Harcerstwo" בלע"ז. היה זה הרבה יותר נוח וקל יותר הן כלפי חוץ והן מסיבות אירגוניות וחינוכיות.



גם אם ניתנו רשיונות להסתדרויות נוער, צריך היה להקפיד במשנה זהירות ולא כל שכן, כאשר עוד המשכנו בהתכנסויות ובעבודתנו החינוכית ללא אישור. קירבת העיירה לגבול בריה"מ מחד גיסא והתגברות תסיסה מהפכנית בקרב הנוער בסביבה ומגמות תנועת ה"אוסאדניצטווא" הלאומנית מאידך גיסא – החשידו כל נסיון של התארגנות כלשהי. פעולה ציונית רגילה כגון "ערבי שאלות ותשובות" וסתם התכנסויות נחשבו במקרים מסויימים כמעוררות חשדות בעיני המשטרה. מבחינה זו היתה עבודתנו קשה מאוד – עד לקבלת הרשיון. וכשהיינו מתכנסים בחשאי בפינה כלשהי, היה הכרח להעמיד צופים בכל פינות הרחובות. הם היו "צופים רצים" אשר תפקידם היה לדווח על כל שוטר המנסה לצעוד לכיוון מקום ההתכנסות. הדבר נמסר מהאחד לשני כמו ב"מירוץ שליחים" ומיד היו כולם מתפזרים. כך חגגנו לא פעם את חג **האחד במאי**; התכנסנו ביער תוך העמדת שומרים ואופניים לרשותם. הם היו רוכבים על האופניים בכל השבילים והמשעולים והיו מדווחים על כל תנועת־פתע. אסיפה ביום האחד במאי בצל הדגל האדום ובחשאי, בתוך יער וללא רשיון, עלולה היתה להסתיים בכמה שנות מאסר לכל משתתף בה (אפילו ניתן רשיון מיוחד לאסיפה כזו, היה זה

חשוד בעיני המשטרה). אולם כאמור, ניתן לנו בסופו של דבר הרשיון ויכולנו לקיים את עבודתנו החינוכית באין מפריע.

כהסתדרות נוער צופית חוייבנו להשתתף במאורגן בחג השלושה במאי (יום החוקה – הקונסטיטוציה – של מדינת פולין, משנת 1791 – בין חלוקתה הראשונה לבין השנייה ע"י רוסיה, פרוסיה ואוסטריה). צריכים היינו להשתתף במסדר הכבוד ובמצעד החגיגי אל מול בימת ההצדעה, עליה ישבו מושל המחוז, קציני צבא ומשטרה, ראשי ה"אוסדניקים" וכל מיני מוזמנים ומכובדים. זכורני מצעד כזה בו השתתפנו וקן השומר הצעיר עמד כולו לפקודתי. צעדתי בראש לקול צלילי תזמורת הכבאים והדגלים המתנוססים, תוך הליכתנו בסדר מופתי ולקול מחיאות כפיים סוערות הן מצד הקהל שנאסף והן מצד היושבים על הבמה. לאחר המצעד נערכה כמקובל קבלת פנים חגיגית למוזמנים במועצת העיירה. היינו כבר לאחר שובנו לאולם הקן והנה באו לחפש אותי. נתבקשתי בשם מושל המחוז לבוא לאולם המועצה ולהיות נוכח בטכס קבלת הפנים. נעניתי כמובן והלכתי לשם. בהיכנסי לאולם נתקבלתי בכבוד ובהכרזה לכבוד הצטיינותם של חברי השומר הצעיר, אשר כה היטיבו לצעור במצעד החגיגי ותוך כך ניגנה התזמורת את המארש הלאומי – "אנו בריגאדה ראשונה". היושבים בראש לחצו את ידי וברכו אותנו ברכה חמה ולבבית.

ברם, לא רק שעות כאלה של קורת־רוח וסיפוק היו מנת חלקנו. היו לנו גם ימי מרורות וקשיים, הפרעות ואי־הבנות בעיקר מצד אדוקי העיירה, רבנים־אורחים ו"מגידים" מטיפים למיניהם, אשר נשאו דברים והטיפו מעל במות בתי־הכנסת (גם שליחי התנועה הציונית היו נואמים מעל במות בתי־הכנסת). ה"מגידים" דרשו דרשות מתובלות במשלים מעניינים שובי לב ונפש ומקנות לרוב אהבת הבריות ואהבת־ישראל. אבל היו גם כאלה שבחרו לייסר ולהטיף מוסר, לדבר סרה בנוער הסוטה מדרכי התורה וערכי היהדות ואפילו העזו להטיף נגד הציונות בכלל. לא עברנו בשתיקה על כך. במקרים אלה היינו "מפוצצים" את האסיפות תוך פיזור אבקות להתעטשויות... ה"דרשות" האלה נסתיימו כמובן מיד, כיוון שהקהל התפזר ואף ה"מגיד" לא אצר כוח להמשיך. פעם בא לעיירה "אורח שבת" – הרב מנדל קופרשטיך, חותנו של זלמן־בר השוחט – ראש הישיבה לשעבר בדולהינוב ורבה של פוסטאב וגלובוקי לאחר מכן. אנחנו, חברי קן השומר־הצעיר, יצאנו אותו שבוע ביום ששי למחנה ביער, למשך השבת כולה. כדרכנו, הדלקנו מדורה לשם שיחה סביבה ואותה ניתן היה לראות גם בעיירה. אותו ר' מנדל הצטיין בנאומיו היפים

והמעניינים להפליא וחולל רושם בהדרת־פניו. אותה שבת, לפני קריאת התורה, התייצב על הבמה וחצב להבות־אש נגד הנוער ש"סטה" ממסורת ישראל ועזב את דרכי התורה ואפילו מחלל שבת בפרהסיה, ברמזו עלינו, חברי הקן.

שנים מספר לאחר מכן הצטער אותו רב על דברים שאמר בלהט "דרשתו". הרב קופרשטיק עלה ארצה בשנת 1933. מאוחר יותר לאחר עלותי באנו לחיפה לבקרו, כי הרי היה אדם פיקח ומלא חכמת־חיים (שיחה עמו פנים אל פנים היתה תענוג ממש!). הזכרנו לו אגב אותה דרשה בבית־הכנסת והצרות מהורינו שהוא הסב לנו בכך... – "נו כן...", אמר, "עכשיו כשהנני בארץ־ישראל ורואה מקרוב מה עוללו אותם צעירים "סוטים" בעבודתם המסורה, הכל נראה לי אחרת... ללא ספק הפרזתי. אילו ידעתי אז מה שגלוי לפני עתה, ודאי לא הייתי אומר מה שאמרתי...".

ביקורי בעיירה לאחר 3 שנים

אין אני פטור מלהקדיש שורות מספר לי ולעצמי – מעין "משהו לביתי". את עיירתי עזבתי ב1934 ועליתי לארץ; עם פרידה הבטחתי לעצמי חגיגית כי אשוב ואבקר בה. יתרה מזאת; על שאלתה של אמי: "מתי אראה אותך, בני?" השבתי בלהט: "עוד נתראה אמא! אבוא לבקר אתכם..." אכן, באתי לביקור לחודשים מספר בשנת 1937. החמצתי ואיחרתי לצערי לענג את אמי ז"ל בביקורי; היא כבר לא היתה בין החיים. יכולתי לבקר על קברה בלבד...

הגעתי לווילנא ויחד עם אחי אליהו באנו באוטובוס לדולהינוב. יצאנו בשעות הצהריים והגענו בלילה, בשעה אחת אחר חצות. שוחחנו רבות ועל מכלול דברים עד כי לא הרגשתי שהגענו כבר למחוז חפצנו. "הנה הגענו! ..." אמר אחי. "לא יכול להיות!" קראתי מתוך אי־אימון, "הרי זה נראה כפר... בתים קטנים ורחובות כה צרים..." הכל נראה כה אחרת מכפי שנראה לי עוד לפני שלוש שנים. "ואף על פי כן כך הוא... ראה, הננו על יד בית משפחת ריער", אמר אחי. ואמנם היתה זו תחנתו האחרונה של האוטובוס בעיירה – בכיכר השוק. ירדנו ובאנו הביתה. משך זמן מה התרגלתי שוב לאותם בתי־עץ ולכביש המרוצף אבנים – ל"ברוק" – כפי ששגור היה בפי הבריות. שוב בדרך הטבע פגישות עם קרובים ומכרים, שיחות עם חברים וחניכים מהתנועה, ביקורים וכו'. לכאורה סביר הוא, כי הכל על מכונו ודבר לא נשתנה... אך האויר נושם ומאותת כי אמנם רב וגדול השינוי...

ישבתי בביתה של אחותי פייצ'ה ומבעד לחלון התבוננתי סביבי. יום שוק בעיירה; מאות גויים מסתובבים וביניהם רק כמה עשרות יהודים. הריני חושב ותוהה וחששות מתגנבים ללב: הגעתי לביקור – לאחר מאורעות 1936 בארץ; שם היו מוכנים לעמוד בפרץ, להשיב מלחמה, לגונן על הקיום, אך מה יהיה על אותם עשרות יהודים המתרוצצים בשוק לפרנסתם, כאשר מאות הגויים יחלו להתפרע נמרצות נגדם אל מול שוטר אחד חמוש ברובה? את שרעפי ניתקו לפתע מהומה ומבוכה ליד עגלת הכעכים... איכר משתולל מחרף ומגדף את היהודים; מאיים ואף מנסה להרים יד... ואני רואה: לייבה דימנטשטיין ניגש ותופש את המתפרע ומטלטלו קמעה תוך נפנוף אצבע כלפיו באמרו: "הירגע אחא! ולא – אנוכי ארגיע אותך!..." המתפרע פנה עורף וברח מיד. אכן, יהודי דולהינוב הנלבבים והאמיצים לא ידעו פחד בהגינם על כבודם כבני־אדם, לא מחלו ולא ויתרו...

ברם, אין ההרהורים נותנים מנוח ואינם פוסקים מלהטריד. הן נשתנו הזמנים, הוי כמה השתנו! האנטישמיות, שנאת־ישראל מתגברות והולכות בקצב סוער בכל המדינה. והרי זו פולין של ה"סאנאציה" ושל ה"אוזון"([5]), **פולין של ה"קולונלים" – של בק, סקלאדקובסקי וגברת** פריסטר עם החוקים האנטי־יהודיים (נגד השחיטה הכשרה) וכו'. פולין זו של מדיניות ה"אובשם" (ה"אדרבא ואדרבא") – כלומר: "אין לפרוע ביהודים, – אין להכותם חלילה! יש לקיים חוק וסדר... אך להפריע להם כלכלית, לנשלם מפרנסתם אדרבא ואדרבא"! זו מדיניות ה"כל אחד אל שלו!" ,"Swój do swego!" "איש איש **למחנהו** ולא לקנות מיהודים!". ממשלת המדינה מקבלת בברכה חמה ולבבית את הארכי־צורר גהרינג עם פמלייתו, הבאים לצוד ציד ביערות ביאלובז' – ב"פושצ'ה ביאלובייסקה" – (אותם יערות הפכו לאחר מכן מקלט ומסתור לפרטיזנים לוחמים ולשרידי עיירות יהודיות נמלטים על נפשם...). גם בעיירתנו נושבות כבר רוחות אלה בחזקה; עדיין יש בכוחה של המשטרה לבלום גלים אלה ולשמור על הסדר... אך מה יהא להבא? בכפרים שורצים כבר תעמלנים אנטישמיים לאין ספור; אחד הפעילים הוא ה"צנטראביק" – קצין פולני שהשתכן, כאמור, בארמון אחוזתו של הורביץ – עתה הוא מרביץ תורת שנאת ישראל ועושה נפשות לצוררים בין האיכרים.

משך כל ימי ביקורי לא פסקו הרהורים אלה להטרידני. לכשהגיעה שעת עזיבתי, לא עמד לי הכוח, דמעותי עמדו בגרוני ושמו מחנק...

5. ר"ת – "O.Z.N. – Obóz Zjednoczenia Narodowego" – ריכוז הכוח הלאומי".

בקושי מנעתי עצמי מבכי. סבי הרגיש ופנה אלי: "על מה ולמה תבכה, הרצל? הן אתה חייב להיות מאושר... הרי אתה חוזר לארץ־ישראל. רק אנחנו יושבים כאן". "כן, סבא! אמנם שמח אני ומאושר..." אולם בלב הרגשתי בוודאות כי זו פרידה לעולמים... לא אוסיף עוד לראות את כל יקירי ואהובי נפשי. הלב ניבא וידע כי נגזר הכרת על כול וכולם.

מקרים, מעשים ומאורעות שוליים

חתונה בעיירה

משעבר בלחישה מפה לאוזן, כי פלוני בן פלוני עומד לשאת לאשה את פלונית בת פלמוני, החלו לעסוק בכך כל יהודי העיירה. חודש לפני המאורע היו כבר הכל דרוכים ולא פסקו הדיבורים. ואין תימה. הן חתונה בעיירה!... כבר החלו לתפור חליפות וראש לכל – שמלת־כלולות לכלה והינומה. שבועיים מבעוד מועד דאגו כבר להכנת סוגי התקרובת, החטיפים הקלים והמעדנים השונים – כולל המנות הכבדות והרציניות ואין לשכוח את ה"טורטים" וכל מיני תרגימה והמשקאות החריפים והקלים – על מנת שזקנים וזקנות חסרי־שיניים יוכלו לטבול וליהנות...

רובן של החתונות התקיימו בערבי־שבתות; ביום ששי לעת הצהריים הובלו הכלה והחתן ברוב פאר בתוך שמחת הכלל ל"כיכר החופה" – מקום בו עמד לפנים בית־הכנסת שנשרף בדליקה הגדולה. הוא לא הוקם מחדש לאחר השריפה. המקום גודר ויועד למקום "חופה וקידושין". החתן והכלה הובאו, כמובן, למקום בליווי "תזמורת". "בעלי השמחה" שלהוריהם היו משאבים כספיים, נתאפשר להם להזמין את ה"כלי־זמרים" מקורניץ, שלושה נגנים, על מנת שינגנו בחתונה. דלי המשאבים הסתפקו בדוידל הכנר, המכונה "ליאדער". בנוהג שבעולם יצאו גם אצלנו שושבינות הכלה וסתם נשים ועלמות במחול ורקדו ריקודי־מצוה ו"שערעלע". בצאת "המשפחה החדשה" מחופתה ומה"כיכר", קידמו את פניה ה"שיקסעס" הצעירות בדליי מים מלאים כסימן טוב למזל רב. המוזמנים והמקורבים בעיקר, שלשלו להן מטבעות כסף לתוך דלייהן. בליל השבת נערכו ברוב פאר והדר ובשמחה רבה "שבע הברכות" תוך סעודה חגיגית לכל קהל המוזמנים – ה"וויעטשערע", כפי המדובר אצלנו.

ריבוי דליקות בעיירה ובסביבותיה - מפאת בתי העץ הרבים וגגות־קש בכפרים - תבע הקמתה של אגודת הכבאים, בה היוו יהודי העיירה רוב מניין. לכל מקרה דליקה הובהלו הכבאים כדי להציל את אשר ניתן, לאתר ולמנוע את האש מהתפשטותה ולכבותה כליל. וכך היה סדר מעשה: מצויידים בחביות ענק מלאות מים בתוך עגלות רתומות לסוסים ואביזרי־כיבוי, באו הכבאים ומייד קשרו וחיברו מספר צינורות ובעזרת משאבת־יד ניגשו למלאכת הכיבוי. לכשאזלו המים, דהרו העגלות במהירות על מנת למלא את החביות מהבארות. היה זה נוהג חוקי בשעת שריפה, לגייס כל סוס ועגלה אשר ניקרו בדרך - לשם הובלת מים לאתר האש. אם התעקש לפעמים בעל העגלה, איכר מהכפרים על פי רוב, וסרב להשתתף בפעולות הכיבוי - "החטיפו" לו מכות ולקחום בכוח.

ברור, לעת קיץ רבו הסכנות ביותר; דליקה כי פרצה באחד הבתים, עלולה היתה לאחוז מיד בבתים הסמוכים וכפי שסיפרו זקנים בימי־ילדותי, נאכלו באש מחציתם של בתי העיירה ואכן, בימי הקיץ נשרפו תמיד לא מעט בתים. יותר גרוע היה, כאשר פרצה אש גדולה בעיירה סמוכה ואגודת הכבאים שלנו נקראה לעזרה. עוד בטרם צאתה, החלו כבר יהודי העיירה - "ישראל רחמנים בני רחמנים" לטקס עצה - כיצד ואיך לסייע ל"נשרפים" בלי קורת־גג? ללא שהיות ובמחי־יד, הווה אומר: "אומר ועושה", החלו באיסוף לחם, מצרכי־מזון, מצעים ושמיכות ונחפזו לצאת בעגלות אל העיירה הנשרפת, על־מנת לחלק לנצרכים. בשנים האחרונות לפני עלייתי הוקם בשוק בניין־בלוקים מצופה ברעפים - משכן לאגודת הכבאים. כמו"כ נרכשו בכסף מלא אביזורים נוספים ומכשירי כיבוי חדישים. לשם מימון קניות אלה הוחל בגבייה מכל איכר הבא בעגלתו לעיירה או לעת חורף במגררתו, חמישים גרוש דמי־כניסה. בכל הרחובות הועמדו גובים מצויידים בפנקסי־קבלה, אשר שקדו על מלאכה זו. פרט לכך חוייבו גם כל תושבי העיירה להעלות מס מיוחד למטרות כיבוי־אש.

בן העיירה - אלוף היאבקות

בימי ביקורי החטוף בעיירה ב-1937 חל מאורע מפתיע במקצת, אשר עורר את התעניינותי והכניס שינוי מה לאפרורית השיגרתית של אותם ימי שהותי בה. אגב קריאה בעתון ספורט נודע לי על יהודי אלוף

היאבקות בקנה־מידה מכובד – אברהם לווין, העושה חיל בהופעותיו בכל מקום – תוך קציר נצחונות ואגירת מדליות. אליבא דאמת, לא ידעתי מי האיש ומה טיבו – פרט לידיעה מתוך קריאה, כי הגיע מברזיל. אבל גדולה היתה הפתעתי כאשר נודע לי שאותו אלוף אברהם לווין אינו אלא אברהם־משה הנפח, אותו אברהם־משה שראינוהו כל אחד במאי מהלך לתומו לבוש חגיגית לצידו של מי? אם לא של ד"ר שימשלביץ' רופא־השיניים? מסתבר איפוא, כי אברהם־משה – בחור בריא וגברתן בעל שרירים ורחב־גרם, היגר לברזיל ודרכון ניתן לו על שם אברהם לווין. בהגיעו לשם החל להתעמל ולתרגל עצמו בהיאבקות חופשית – אין יודע אם מתוך בחירה ואם מתוך מצב תעסוקה. הוא החל לראות ברכה, נסע לתחרויות פנים־ארציות ולאחר מכן בארצות־חוץ. לאט לאט, החל להופיע גם בעולם הרחב במרכזי ספורט ושמו הלך לפניו. ב־1937 – ממש בימי ביקורי בעיירה – הגיע לפולין לשם תחרות עם אלוף פולין בוורשה. באותו עתון נאמר עליו, כי הוא נמנה בין המתאבקים החזקים ביותר. בעלותו על הזירה בכל מקום שהופיע, התנוסס מגן־דוד על חולצתו – לשם הדגשת־יתר של היותו יהודי (ולא מסיבות ציונות. הן ידוע היה בעיירה כחסידו של ד"ר שימשלביץ').

כך נהג להופיע והיה מנצח כמעט תמיד. לכשהתבוננו בו בראשית ההופעה, לא עשה רושם של גיבור. אולם, עם היכנסו ל"טראנס" והתחממו קמעא, התרגז והפעיל כוח רב. מפי אחיו פייבוש שמעתי את הסיפור דלהלן: בתחרות הנ"ל בוורשה נוכח פייבוש (בהיותו חייל בשירות פעיל בקירבת וורשה), לפי הזמנת־כבוד וישב בשורה הראשונה. עם הופעתם של שני המתאבקים רעם האולם מקריאות עידוד לפולני; הקהל זעק בכל פה: "הרבץ ליהודי! הרגהו! הרגהו!"... ואכן, החל הפולני להנחית מכות־רצח על יריבו. פייבוש חרד לגורל אחיו, החל לבכות, אולם אברהם קרא אליו ביידיש מעל לבמה: "אל תבכה ואל תפחד! ראה והסתכל... אלמדו לקח!..." מיד תפשו בראשו כבמלקחיים איתנות, העיפו והשליכו אל מחוץ לזירה. לא היה בכוחו להוסיף קום... הקהל הרב נדהם ופתאום עמד על רגליו, מחא כפיים והריע למנצח.

דבר הניצחון היכה גלים בעיירה, שילהב דמיון ועורר רצון לחקותו וללכת בעקבותיו. בין הנדלקים לכך היה, כמובן, גם אחיו פייבוש. אף הוא היה בחור חזק בעל שרירים מפותחים – מפאת עבודת הנפחות – ומובן שקם בו רצון לעולל מעשי גבורה. והנה אירע מקרה מסייע לכך: אל העיירה בא מאן־דהוא להראות מעשי־גבורה, זריזות וכוח סבל. בין

היתר הניח הלה בשכבו על הריצפה טבלת ברזל גדולה על חזהו ודרש מהקהל להנחית מכות פטיש כבד על הטבלה. אל הבמה עלה חיים קרמר – נפח גם הוא ובר־סמכא להרביץ מכות בפטיש כבד. ודאי שעשה מה שנתבקש. אותו אורח שאל לאחר מכן, האם נמצא בתוך הקהל מי שיתנדב לחזור על התרגיל? פייבוש התנדב לכך ועלה לבמה; מייד שכב אפרקדן על הריצפה, הניח את הטבלה על חזהו ואותו חיים קרמר הנחית מכת פטישו בכוח רב, עד כדי התעלפותו כמעט של פייבוש. מאז המאורע כפי שסופר, סבל פייבוש ממחלת־לב.

אין אני יודע מה היה בסופו של אברהם־משה הנפח. ידוע לי מפי השמועה על אחריתו של אחיו פייבוש. עם חיסול הגיטו בעיירה התחבא בתוך רפתו של איכר. אך הרוצחים מצאוהו ורצו לקחתו עמהם. הוא התנגד בכוח רב, והתנפל בשיניו על גרמני אחד בנוגסו את אפו כליל. מובן שבכוח נשקם התגברו עליו האחרים. גם הוא הלך בדרך כל יהודי העיירה. ייזכר וייפקד גם הוא מעל דפי "יזכור" לדולהינוב.



מאיר־אהרון עקמאן (ארגענטינע)

פון דאָלהינעוו ביז בוענאָס־איירעס

א בינטל זכרונות

א בליק צוריק – אין מיין היימשטעטעלע

ווי ביי יעדער מענטשן־בריה שפילט זיך אפ אויך אין מיר אן אומגעהויערע בענקשאפט צו מיין ערשטן לעבנס־קוואל, צו מיין היימשטעטעלע דאלהינעוו, ווו איך האב צום ערשטן מאל לעבנס־ליכט דערזען. קער איך מיך אום צו דיר טאקי, מיין ליב היימשטעטעלע!



מ. א. עקמאן ורעייתו

Nacido en Dolhinov, la cual dejó hace muchos años atras, lugar al cual seguía atado con todo su corazón. La publicación de este libro ha sido posibilitada gracias a su generosa contribución.

בין אין א ווינטער־טאג פון ניין און צוואנציקסטן פעברואר 1910 געבוירן אויף אונדזער וועלטל. עס איז געווען נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה; דאס שטעטעלע איז נאך געווען אונטער דער הערשאפט פונ׳ם רוסישן צאר. דאס לעבן איז געגאנגען רוייק און געמיטלעך. קהל אין שטעטל האט זיך פארנומען מיטן לויף אין פרנסה־געיעג צו פארזיכערן דעם לעבנס־קיום. מיט קהל־ענייניםם האט מען זיך באשעפטיקט – ווער מערער ווער ווייניקער – ווייל ״נגידים״ אין פולן זין פונ׳ם ווארט זיינען ביי אונדז ניט געווען. אבער יחוס־אבות דאקעגן,

איז ביי אונדז געווען א סך... אויך איך האב מיך צו באַרימען מיט א וואגיקן, ווערטן און חשובן יחוס...

מיין גאטזעליקער פאטער ר׳ קאפל עקמאן ע״ה – א מיוחס׳דיקער חשוב׳ער ייד, א ״חריף ובקיא בהליכות עולם״, א געניטער, שנעלער ״מומחה״ אין די ״שווארצע״ פינטלעך, א גמרא־לערנער, א למדן. זיין גאר שיינער ניגון ביים לערנען איז מיר נאך ליב און טייער עד היום, ביז צום היינטיקן טאג. ער איז פארבאקט אין מיינע זכרון־שופלאדן נאך פון מיינע סאמע פריערסטע טעג – ליגנדיק נאך אין וויגעלע... אפילו דאן (געדיינק איך) פלעג איך מיך פלייסיק צוהערן צו אים... מיין יחוס־אבות אבער האב איך צו פארדאנקען אויך מיינע פעטערס און מומעס פוןביידע צדדים – דעם פאטערס צד ווי אויך דער מוטערס צד. די סווערדלין משפחות פון דער מאמעס צד ווי אויך די פאמיליעס פון די עקמאנס פון טאטנס צד. זיי זיינען דאך געווען די ״שמנה וסולתה״, די אנגעגנומענסטע בעלי־בתים אין שטעטל. האט דאך אברהם לעוו (דער דיכטער) פון ווילנע – אויך אן אפשטאמונג פון מומע און פעטער סווערדלין – חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון יעקב העסיעס און געבילדעט א גאר איידעלע און שיינע פארפאלק. אזוי אויך די איידעלע שרייבמאן פאמיליעס פון משה און הירשל ווי אויך די בוראווס אין גלובאקע א. א. עס איז געווען א שטאלץ אנצוגעהערן זיך מיט די משפחות.

אט דערשיינט נאך פאר מיינע אויגן די גאר שיינע ליכטיקע געשטאלט פון ר׳ מענדל סווערדלין – א ייד א ״אוניקום״, אן אויסנאם! ער איז געווען צייט איך געדיינק – דער בעל־קורא אויף דער בימה. אבי וועמען האט מען ניט פארטרויט די חשובע מיסיע און ניט צוגעלאזן. און אט קומט פאר מיר שוין אויף, פנים אל פנים, מיין פעטער ר׳ אליהו עקמאן מיט זיין קלארן אריגינעלן אויסדרוקפולן פנים און שיין־באצויבערנדער שטימע. אט זע איך אים ווידער שטיין ביים עמוד – דאוונענדיק מיטן טראדיציאנעלן זיסן ניגון. אט אזוי זיינען מיר די אלע אין זכרון; אויך סווערדלין צווייג אין ווילנע און אויך די קינדער פון אונדזערע שטעטלשע סווערדלינס, אין די אויסלאנד אוניווערסיטעטן – ווו מען האט געהאפט צו דערגרייכן דאקטאראטן אדער אנדערע אקאדעמישע פראפעסיעס.

דאס לעבן איז זיך דערווייל געגאנגען מיט זיין געוויינלעכן טעמפא; איך בין געוואקסן און שוין אלט געווארן פיר יאר. איך האב שוין דאן אנגעפאנגען גיין צום טאטן אין שטיבל – ווו ר׳ זלמן־בער דער שוחט פלעגט יעדן טאג לערנען א גמרא־שעור מיט א פופצן יידן. ס׳איז מיר געווען א פארגעניגן זיך צוצוהערן צו זיין ניגון, כאטש קיין סך פונם ארומרעדן האב איך ניט פארשטאנען. וואס ס׳איז מיר פארבליבן אין זכרון פון מיינע ערשטע לעבנס־יארן אין טאטע־מאמע שטוב, איז מיין מאמע. א אֵשת־חיל – א טיכטיקע ברייה, א פלייסיקע ארבעטערין אין שטוב ווי אויך אין געשעפט, א גאר פעייקע, א פארשטענדלעכע און קלוגע. ווער ווייס צי ביי אנדערע אומשטאנדן וואלט איר מיניסטארן־קאפ ניט דערגרייכט ווייט אין גאר הויכע ספערן? דער טאטע דאקעגן האט זיך פיל אפגעגעבן מיט זיין לערנען, אבער קיין "יושב־בית" איז ער ניט געווען. אין שטוב אויסער מיר זיינען געווען מיין עלטערער ברודער דוב־בער ווי אויך מיין שוועסטער שפרה. שפעטער איז אויך צוגעקומען מיין יינגסטער ברודער יוסף. ער איז אויף דער וועלט געקומען אין אונדזער ניי־אויסגעבויטער הויז, שוין נאכן וועלטקריג. שכנים אונדזערע זיינען געווען דאמאלסט: דער אפטייקער, די שטעפער עקמאן מיט זייער צווייטער שטוב אין הויף הינטן ווי אויך שלומקה חיה־רישעס, יעקב אייזיק און אנדערע. ביזן היינטיקן טאג איז מיר איינגעקריצט אין זכרון די יידישע הויז־העלפערין – א שטומע מיידל וואס האט ביי אונדז געארבעט. ס׳איז באזונדערס אינטערעסאנט געווען זיך צוקוקן, ווי מיין ליבע מאמע פלעגט מיט איר רעדן אויף שטום־לשון און זיי האבן זיך פארשטאנען צווישן זיך. ווי אזוי? ווייס איך ביז היינט ניט.

אין די זומער חדשים 1914, ווען איך בין אלט געווען קוים פיר און א האלב יאר, איז אנגעשפרונגען אויף אונדז די וועלט־מלחמה. באלד האבן שוין די מלחמה־געשעענישן אנגעשפארט אויך אין אונדזער געגנט. אויך היינט טראג איך נאך אין זכרון די ביקסן און פולעמיאטן איבעשיסערייען צווישן די רוסן און דייטשן, די באמבארדירונגען אויפן שטעטל ווי אויך אונדזערע איבערלויפן און גאס־קרייצונג כדי זיך צו באהאלטן און אויסהיטן פון די פאלנדע באמבעס, אינם מויער פון לייבע עקמאן. א גרויסער נס איז געשען, ווען מיר זיינען אלע איינמאל ארויס מיט דער מאמען פון שטוב, כדי זיך צו באהאלטן פון דער באמבארדירונג – ס׳איז געפאלן א באמבע און א גרוב געמאכט פון דריי מעטער טיף און

ברייט – אבער ס׳האט אונדז קיינעם ניט געשאדט... די קעגנזייטיקע אנגריפן ווי אויך די צוריקצוגען פון די צדדים האבן ניט אויפגעהערט; זיי זיינען וואס מערער שטארקער געווארן; די באמבעס מערער און אפטער. ס׳שטעטל האט שוין געברענט, עס איז אונטערגעצונדן געווארן. די באפעלקערונג איז געצוווּנגען געווארן צו לאזן אלעס אויף הפקר און אנטלויפן איבער פעלדער. כ׳וועל ניט פארגעסן ווי אזוי מיר אלע – דאס גאנצע הויזגעזינט, איז געלעגן אין אונדזער וואגן אויפן פעלד און א ״קדחת״ איז געווען צום עסן. מיר האבן אויסגעריסן מעראלעך פון א פויערן–פעלד און אזוי געשטילט אונדזער הונגער.

אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז די רוסן האבן אפגעצויגן און די דייטשן האבן באזעצט אונדזער היימשטעטל. דאס לעבן האט זיך איינגעשטעלט ווידער. לאנגזאם, ביסלעכווייז האט די באפעלקערונג זיך אומגעקערט אהיים. מען האט גענומען שמוגלען און האנדלען און חי! געלעבט... דייטשן האבן זיך העפלעך באצויגן צו דער באפעלקערונג און ספעציעל צו יידן. געדיינק איך טאקי די געמיינזאמע יידיש־דייטשע געשפרעכן. דייטשן האבן גערעדט אויף זייער לשון און יידן האבן געענטפערט א פארדייטשטן יידיש – א מין ״יידיש יודיש יאדיש״ – און מען האט זיך פארשטאנען און נאך מיט א לאכנדן שמייכל אויף די ליפן...אזוי זיינען אדורך ווידער א פאר יאר, מען האט געמיטלעך אפגעאטעמט און דאס לעבן איז מער אדער ווייניקער געווען נארמאל. יידן, ווי דער שטייגער איז, האבן זיך שטענדיק געמוזט צופאסן צו די הערשנדע באדינגונגען. כאטש דאס שטעטל איז אפגעריסן געווארן פון ברייטן הינטערלאנד (א סך דערפער און שטעטלעך זיינען אפגעשניטן געווארן צו דער רוסישער זייט), האט מען ווי עס איז געטריבן פרנסה און געצויגן חיונה.

איך אליין בין שוין גרעסער געווארן; איך בין שוין אלט געווארן 8 יאר, ווייל עס איז שוין אנגעקומען דאס יאר 1918. ס׳האט זיך אנגעהויבן די ״סדרה״ פוילן; ס׳איז אויפגעשטאנען און אויפגעקומען די זעלבסטשטענדיקע פוילן־מדינה. באלד האט שוין פוילן פארכאפט גאנץ ווילנער אומגעגנט ווי אויך ווייסרוסישע שטחים גאר נאענטע צו מינסק. אויך אונדזער דאלהינעוו איז באזעצט געווארן פון פוילישן מיליטער. גלייך האבן זיך אנגעהויבן רדיפות און פארפאלגונגען קעגן יידן. באזעצט האבן אונדזער געגנט ווי אויך אונדזער שטעטל די סאלדאטן פון גענעראל האלערס פאזנאניער ארמיי – א זייער אנטיסעמיטיש־אנגעהעצטע מיליטערישע פארמאציע. עס זיינען

פארשטענדלעך פארגעקומען אנטי־יידישע עקסצעסן. אזא מין אנטי־יידישע טעטיקייט האט איינמאל אויך געשעדיקט און פארלעצט מיין ליבן און טייערן פאטער ווי אויך מיין טייערע מאמע. און מעשה שהיה כך היה: מיין פאטער ע״ה איז רוייק געשטאנען ביי דער קראם אוּנדזערער און צוגעקוקט זיך ווי ס׳איז רייטנדיק אויף פערד אדורכגעפארן א גרופע אולאנער־האלערטשיקעס מיט קאנטשיקעס אין די הענט. איינער פון זיי האט א זעץ געטאן מיטן קאנטשיק דעם פאטער אין קאפ און ער האט זיך פארגאסן זאפארט מיט בלוט. מיין טאטע האט גענומען שרייען צו הילף און ווען מיין מאמע איז צו אים ארויסגעלאפן, האט דער זעלבער נאכאמאל פארמאסטן זיין קאנטשיק און אויך איר דערלאנגט אויפן קאפ און באגאסן מיט בלוט.

ווי אזוי זשע זאל איך ניט דערציילן אויך, ווי אזוי ברוטאל און אכזריות׳דיק האבן זיי זיך באגאנגען מיט לייבע דעם שניידער פונ׳ם מארק? ווי אזוי מען האט פון אים געשניטן גלידער? איז דען מעגליך צו פארגעסן אזא מין ווילדן אוממענטשלעכן אקט? צי זאל איך ניט דערציילן וועגן די אלע שיקאנעס און צוטשעפענישן – גרעסערע אדער קלענערע – וואס איך האב אליין אויף מיין לייב ״מבשרי״ – דורכגעמאכט? ס׳איז געווען אין א פורים־אוונט; געשטאנען בין איך דאן ביי אונדז אין קראם. און פלוצלונג א שאס! עמיצער האט אויסגעשאסן פון א פורים־שליסל מיט פולווער און דאס האט זיך הערן געלאזט אינדערווייט... באלד איז אין קראם אריינגעקומען דער פאליציסט זווירזשינסקי (דוכט מיר אויפן נאמען) און ארויסנעמענדיק זיין רעוואלווער האט ער געפרעגט: ״ווער האט געשאסן?״ דערביי האט ער מיך א זעץ געטאן מיטן רעוואלווער אין פנים און צעבראכן א צאן. דעם האלבן צאן וואס איז אין מויל שטעקן געבליבען האב איך ביז היינט נאך. וויסנדיק אז מיין ברודער יוסף האט אויסגעשאסן פונ׳ם שליסל האב איך געמוזט שווייגן. איך האב נאך א סך געקענט דערציילן וועגן פוילישע אויפטועכן און טאטן. אבער כ׳וועל זיך באגנוגענען מיט די אויבנדערמאנטע פאלן.

מיינע ״מלמדים״ און לערער

אין דאלהינעוו איז ניט געווען קיין פאמיליע וועלכע האט ניט געזארגט, אז קינדער זאלן זיך לערנען ״תורה און דרך־ארץ״ – כדי צו דערשלאגן זיך און דערגרייכן עפעס אין לעבן. עלטערן האבן זיך מוסר

נפש געוועז – אבי קינדער זאלן לערנען. אויך קינדער און יוגנטלעכע פון זייער צייט – ווי ס׳איז מיר נאך דאן קלאר געוועז און היינט נאך מערער – האבן שטענדיק געזוכט ווי אזוי צו לערנען, און האבן טאקי פלייסיק געלערנט.

לויט ווי ס׳דיקטירט מיר מיין זכרון, איז מיין ערשטער "מלמד" געוועז אייזיק פרעסמאן. ביי זיי אין גארטן האב איך טאקי אנגעפאנגען צו לערנען. ער האט מיך געלערנט "ראשית דעת" ווי אויך דעם "אלף־בית". איך בין דאן אלט געוועז פיר יאר. שפעטער א ביסל האט ביי אונדז אין שטוב געוווינט א לערער – זיין נאמען געדענק איך שוין היינט ניט און ביי אים האב איך ווייטער געלערנט חומש, עברית און תנ"ך. אז איך בין שוין גרעסער געווארן, בין איך אוועק לערנען ביים גוט־בארימטן ר׳ אידל דעם מלמד. דאס איז געוועז א ייד "משכמו ומעלה", מיט א סאך פאלקסטימלעכן הומאר און חכמת־חיים, מיט א שטענדיק ליבן שמייכל אויף זיין ליכטיקן פנים. ער איז געוועז באליבט ביי אלע – ביי קינדער ווי אויך ביי גרויסע. ער האט צוערשט געהאט א "חדר" אין זיין שטוב. נאכדעם – מיטן גרינדן פון דער "תרבות"־שולע אין מיטן פון די צוואנציקער יארן – איז עס געוועז אן אלגעמיין פארשטענדליכע זאך, אז ר׳ אידל זאל ווערן א לערער אין דער תרבות־שול, און זיינע תלמידים פון "חדר" זאלן זיין שילער אין דער ניי־געגרינדעטער שולע. געוועז איז ער שטענדיק פארגעשריטן און בשום אופן ניט געוועז "אלט מאדיש" אדער פאנאטיש. איך האב אים זייער ליב געהאט פאר זיין געמיטלעכן טאן און דערקלערונגס־קראפט. ס׳דוכט מיר אז אויך ר׳ אידל האט זיך באזונדערס צו מיר באצויגן געבנדיק מיר נאך אין "חדר" א צונאמען "יודע־זושע" – פארוואס און פונוואנען ער האט מיר דאס צוגעטשעפעט, ווייס איך ביז היינט ניט.

לערנענדיק אין דער "תרבות"־שולע איז אונדז געגעבן געווארן אלס א קלאס־ארבעט פון "עברית" די אויפגאבע אנצושרייבן איבער א געוויסער טעמע – לויטן פערזענלעכן אויסוואל. איך, דער אמאליקער "יודע־זושע", האב אנגעשריבן א שטייגער שלום־עליכם־טעמע וואס איז מיר געלונגען (און איך בין דאך געוועז דאן בלויז א קליינער שנעק!) און מען האט פון דעם א סך גערעדט. כ׳ האב פארגעזעצט מיין לערנען אין דער תרבות־שולע ביז צו ענדע. כ׳בין נאך פאר א קורצער צייט געבליבן לערנען אין דער "פאוושעכנע" פוילישער שולע כדי צו פארפאלקאמען מיין פויליש. די שפראך אבער האט זיך מיר בשום אופן

ניט פארדייעט. זי איז מיר געבליבן פרעמד און קאלט, ווי אויך ניט באליבט... כ'האב שוין מער אין סתם לערנען אין דער פוילישער פאלקס־שולע ניט געהאט קיין אינטערעס און ניט געזען קיין תכלית... ס'האט זיך געוואלט שוין עפעס מערער; א בעסערע צוגרייטונג כדי צו "קומען צווישן מענטשן" כדי פעייק זיין צום לעבן אין די ווייטערע יארן. און אט קומען שוין נייע קאפיטלען און נייע פארמעסטונגען.

אומשיכטונג–פראבלעמען
פון כלל און פרט

פערזענלעכע ראנגלענישן און שטרעמונגען

אינם יאר 1919 – זייענדיק קוים 9 יאר אלט האב איך שוין איבערגעלעבט דעם ערשטן און גרויסן פאמיליען–אומגליק. אונדזער ליבער גאטזעליקער פאטער און מיין מאמעס גאר געליבטער און הויך־ווירדיקער מאן – ר' קאפל עקמאן איז שוין מער ניט געווען מיט אונדז. ער איז "פארברענט" געווארן אין דער טיפוס־עפידעמיע, וואס האט געבושעוועט צו יענער צייט אין אונדזער געגנט און אויך אין שטעטל. מיט דעם איז אויך באצייכנט געווארן מיין ערשטער לעבנס־איבערברוך; כ'האב שוין גענומען איבערטראכטן און פרעגן: "צדיק ורע לו, רשע וטוב לו?..." פארוואס און ווי אזוי איז עס בארעכטיקט? מיין פאטער ע"ה איז דאך געווען טיף רעליגיעז, "תמים עם אלוקים ובני אדם" – שטענדיק גרייט געווען צו העלפן א באדארפטיקן. עס איז ניט דורך אפילו איין שבת ס'זאלן ניט געווען זיצן א דריי־פיר "אורחים" פון נויט־באדארפטיקע – שטעטלשע אדער דורכפארנדע. און מיין מאמע, מיין ליבע ווירדקע מאמע, איז דאך געווען א סימבאל פון יידישן און מענטשלעכן אדל, מיט די בעסטע אלמענטשלעכע אייגנשאפטן! און דאך האט דאס אלעס ניט געהאלפן... דער פאטער איז אנטריסן געווארן פון אונדז אויף אייביק!.. א צייטלאנג האב איך ניט געפונען א קאמפראמיס אין מיין אינערלעכן צוזאמענשטויס מיטן אלמעכטיקן...

פארשטענדלעך, אז דאס איז ניט געווען מין איינציקער קאמפראמיס־לאזער קאנפליקט אין מיין לעבנס־וועלט. איך וועל נאך אפשר וועגן זיי אויך ווייטער דערציילן. א פאקט איז אבער, אז מיר קינדער ווי אויך מיין מאמע, האבן זיך געוווּנטשן די אנוועזנהייט פון א מאן ביים טיש צום עסן און ריטואלן – ווי "קידוש" מאכן, "ברכת המזון" א.א. אזוי איז

מיר א חוב צו דערמאנען דעם לערער פעלדוואַרם פון וואַרשע – א נידעריק־וווקסיגער און נערוועזער מאן – וואס האט זיך ביי אונדז אין שטוב אויפגעהאלטן. יידיש האט ער בכלל ניט גערעדט, בלויז פויליש אדער עברית. אים טאקי האב איך צו פארדאנקען אלע פארזעצונגען אין מיין דערציונג. פון אים האב איך געלערנט מענטשלעך־וועלטלעכע מאניערן. איך מוז כאטש איין פאל שילדערן פון א סך מערערע, וואס האבן זיך איינגעקריצט מיר אין זכרון. ומעשה שהיה כך היה: זיצנדיק ביים טיש איינמאל צום עסן האט ער מיך געבעטן כ׳זאל אים געבן א מעסער. כ׳האב אים צו דער האנט געגעבן א מעסער מיטן שפיץ צו אים. אויף דעם האט ער מיר גלייך געמאכט אויפמערקזאם אז א מעסער איז צו דערלאנגען מיטן הענטל און ניט פארקערט...

אזוי זיינען דורכגעפלויגן נאך דריי יאר; ס׳איז אנגעקומען דער טאג פון מיין בר־מצוה ווערן. ווי ס׳איז אנגענומען לגבי א יתום, האט מען געפראוועט בר־מצוה צו 12 יאר, ניט צו דרייצן. דאס איז פארגעקומען אין ״שטיבל״; איך בין עולה לתורה געווען און אפגעזאגט מיין מפטיר מיט א ברען פון התמדה. אז איך האב געענדיקט האט מען אפלאדירט און פון דער ״עזרת הנשים״ האבן מיך ווייבער ״גוטע מומעס״ באווארפן מיט צוקערקעס און ניסלעך. גלייך נאכדעם איז רייף געווארן אין מיר די זארג און באדערפעניש צוצוגרייטן פאר זיך אן עקאנאמישע באזע צום לעבן אין דער צוקונפט. דערצו איז מען דאך אבער ניט ווייניק יינגלעריש־שטיפעריש; און איך, ווי אלע אין מיין אלטער, האבן מיר זיך געשפילט, געצאנקט און געקריגט צווישן אונדז. אזוי האב איך מיך צעקריגט מיט אברהם (קלארין) קלארמאן, וואס איז מיך נאכגעלאפן מיט א שטעקן צו שלאגן. געווען איז עס א זונטאגדיקער טאג, ווען געשעפטן זיינען געשלאסן און ביי אונדז אין שטוב זיינען פאראן געסט. ביי אונדז זיינען גראדע יענעם טאג געווען אשר קאפעלאוויטש מיט זיין פרוי שפרה און נאך אנדערע. דערזעענדיק מיך געיאגט מיט א שטעקן, האט זיך מיין מאמע אויף מיר צעבייזערט: וואס זאל איך מיט אים טאן? צו וואס פאר א תכלית וועט עס אים ברייגען? א גרויסער יינגל אויסגעוואקסן און איך גיב מיר קיין עצה ווי אזוי צו פארפאלקאמען אים און צוגרייטן צום לעבן – האט מיין מאמע געטענהעט, ווענדנדיק זיך צו אונדזערע געסט. ״ווייסטו וואס, מומע חנהל?״ – האט זיך אשר קאפעלאוויטש אפגערופן. ״אט פאר איך מארגן אי״ש קיין ווילנע, איך וועל אים מיטנעמען און עצה׳ען זיך מיט ווגדער סווערדלין איבער דעם, וואס מען קען פון אים מאכן״.

מיין מאמע איז גלייך צוגעשטאנען צום געגעבענעם פארשלאג און מיר אליין איז עס אויך געווען געפעלן; וועלכער ייִנגל ווי איך וואלט זיך ניט געוואלט סתם דורכפארן און בפרט מיט א אינטערעס ווענגן תכלית? מיר זיינען פארשטענדלעך אויף מארגן געפארן קין ווילנע און געטראפן זיך טאקי מיטן פעטער וויגדער – וועמען איך האב זייער פיל געשעצט און ליב געהאט. ער איז געווען אן ערנסטער, קלוגער און דורכגעטריבענער מענטש אין די מיטעלע יארן, וואס האט דערוועקט צו זיך כבוד און רעספעקט. ער איז געווען א געניטער פאכמאן אין וואלד־טראנזאקציעס, אן אפשאצער פון די בוימער אין יעדן וואלד. געווען איז ער א פערזענלעכקייט – זייער באלעזן און פול באהאווזנט אין אלע לעבנס־ענינים און פראבלעמען. אויף זיין פראגע: וואס פאר א מלאכה איך וויל לערנען, צי א גאלד־יובעליר צי א מעכאניש־טעכנישע מלאכה? האב איך גלייך אן א שום צווייפל געענטפערט: איך וויל זיין א מעכאניקער, א טעכניקער ווייל אין דאלהינעוו האב איך אנגעפאנגען צו העלפן א פאכמאן אן עלעקטרא־טעכניקער – ארייזצוציען ליכט. בכלל קען איך אן א שום כוונה זיך צו בארימען באהויפטן, אז איך בין שוין דאן פעייק געווען צו יעדער טעכנישער מלאכה. אזוי האט טאקי דער פעטער וויגדער סווערדלין דורכגעפירט מיין אויפנאמע אין דער טעכנישער "ארט"־שולע אויף פאגולאנקער גאס אין ווילנע.

א קאפיטל ווילנע

ניט לייכט איז עס געווען דורכצופירן מיין אויפנאמע אין דער ווילנער "ארט"־שולע; געוואלט האב איך ארייגטרעטן איין דער אפטיילונג פאר "מעכאנישע שלאסער", ס'איז אבער געווען שטארק פראבלעמאטיש ווייל ס'איז ניט געווען קיין פלאץ פאר מיר אין די ווארשטאטן. מען דארף אויך געדיינקען אז פון גאנץ פוילן האבן זיך געריסן קיין ווילנע יונגטלעכע פון יידישע פאראָרעמטע הארעפאשנע פאמיליעס, כדי צו אויסבילדן זיך א תכלית און א באזע אין לעבן. עס איז געווען א געפאר, איך זאל ניט אנגענומען ווערן אין דער שולע. מיין פעטער וויגדער האט געמאכט אלע באמיונגען ביי דער שול־דירעקציע און ספעציעל ביים לייטער אינזשיניער גאקנער. צום גליק האב איך פערזענלעך געפונען חן ביים אינזשיניער און ער איז איינגעשטאנען דארויף אז איר זאל אריין אין דער מאשינען־אפטיילנג צוזאמען מיט נאך א טעכניקער און אנפאגען צו ארבעטן.

איך האב גלייך אנגעהויבן ארבעטן און לערנען; דער לערער און ארבעט־אינסטרוקטאר איז געווען פעדאַנטיש און ערנסט. פון זיינע שילער האט ער א סך געפאדערט און איך האב מיך באמיט אויסצופירן אלץ גענוי. מיין ערשטע ארבעט – אויסצושמידן און ארומפיילן א מעטאלורגישן קוואדראט – האט געדויערט טאקי א חודש צייט אבער איז געווארן אויסגעפירט פערפעקט. ווייטערע ארבעט־אויפגאבן זיינען שוין געווען שנעלער און פולקאם גאנץ. איך האב אפילו געמאכט א רעוואלווער וואס איך האב אים אויסבאהאלטן אין דאלהינעוו ביים פעטער אליהו עקמאן אויפן הויף – אינם שטאל וואס איז געווען בשכנות מיטן שטאל פון די חדשעס. איך האב אים איינגעוויקלט אין א שטיק גראבע שטאף און באשיצט פונ׳ם ראסטן. ווער ווייס, אפשר וועט ער מיר נאך צו נוץ קומען? איך האב מיך פארטיפט אינם לערנען מיט ברען און התמדה. גלייכצייטיק האב איך אבער ניט איבערגעריסן מיט אלעס וואס איך האב אין שטעטל איבערגעלאזן. כ׳ האב ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך וואס טוט זיך דארט. א פאר מאל אין וואך פלעג איך אוועק אינ׳ם "האטעל אנגליא" אויף ווילנער גאס – טרעפן אפשר עמיצן פון דאלהינעוו, אפשר א בריוו פון דער מאמען אדער פון מיין ברודער בערל; אפשר א פעקל "גוטע זאכן" ווי א שטיקל פוטער, קעז אדער עטוואס "באשעריי"... אפשר סתם א כאפ טון א שמועס מיט א שטעטלשן... אלעס צו הערן און וויסן איז געווען אזוי אינטערעסאנט, אינטים און אנגענעם. מיין שוועסטער שפרה האט נאך געלערנט אין דער "פאַושעכנע"; בערל מיין עלטערער ברודער האט שוין געארבעט אין געשעפט – העלפנדיק דער מאמען. יוסף מיין יינגסטער ברודער האט נאך געלערנט אין דער "תרבות"־שולע. ווייטערע שולן צום לערנען זיינען מער ניט געווען ביי אונדז. מען האט געדארפט לערנען אין ווילנע. אזוי האב איך מיך שטענדיק געפרייט, ווען איך פלעג טרעפן צופעליק אליהו גיטלזאן. ער איז שוין א פאר יאר געווען אין ווילנע און מיט התמדה געלערנט אין אוניווערסיטעט. א סך צייט האבן מיר אים שוין ניט געזען אין שטעטל.

אין פארלויף פון מיין ערשטן לערניאר אין ווילנע, האב איך מיך אויפגעהאלטן ביי מיין פעטער און מומע וויגדער און רחל סווערדלין. געווווינט האבן זיי נאענט צו די ווילנער בערג. אין דער שולע בין איך געווען פארנומען ביז צו די אוונט שעה׳ען און דאן פלעג איך קומען אין שטוב. אין ערשטן יאר פלעג איך ניט פארן אהיים כמעט. אין די פרייע שעה׳ען מיינע פלעג איך א סך לעזן. אזוי האב איך מיך פארשריבן אין

דער סטראשון־ביבליאטעק און געביטן דארט ביכער. איך פלעג מיך אויך דורכשרייבן מיט לייבל פורמאן אין עברית. מיר זיינעןביידע געווען חברים אין "השומר השחר" – א פריערדיקע ארגאניזאציע פון "בית"ר". מיר זיינען שטארק טעטיק געווען דארט אין דער ציוניסטישער דערציונג, פארן "קרן־קיימת" א.א. וו. אונדזער פריינטשאפט האט אויך ווייטער אנגעהאלטן. אינ'ם צווייטן שוליאר מיינעם – ווען מיין לערנען האט געפאדערט מער צייט – בין איך שוין איינגעשטאנען אין א קווארטיר אויף זאוואלנע, א סך נאענטער צו דער טעכנישער "ארט"־שולע. אזוי האב איך מיך נאכמערער איבערגעגעבן צום טעארעטישן לערנען און צו דער פראקטישער פאך־ארבעט. איך פלעג אויך יעדן שבת אריינקומען אין דער כאר־שול אויף זאוואלנע הערן דעם חזן מיטן כאר – וואס איז מיר באליבט געווען און געבליבן אזוי ביז היינט צו טאג.

שנעל, גאר שנעל איז די צייט פונ'ם לערנען אדורכגעלויפן; כ'האב כמעט ניט באוויזן ארומצוקוקן זיך און שוין איז אנגעלויפן דער טערמין פון מיין שול־אביטוריענץ. ביי דער ענדע פונ'ם לעצטן שוליאר האב איך געבעטן דעם דירעקטאר, אינזשיניער גאקנער, א דערמעגלעכונג פארצוזעצן נאך א לערניאר אין דער מאשינען־אפטיילונג – כדי צו פארפאלקאמען מיינע קענטענישן און צו דעראבערן מער פראקטיק אין מיין ארבעט. ער איז אויף דעם ניט איינגעגאנגען און ווידער צוליב פארשטענדלעכע אורזאכן; אויף מיין פלאץ האבן שוין אנדערע געווארט. ער האט עס מיר קאטעגאריש דערקלערט, גוטמוטיק א ציטוענדיק מיך פארן אויער, אז איב האב עס גוט דערשפירט און שנעל פארשטאנען, אז מיין שול־אבסאלווענץ איז א שליסלעכער פאקט. ווינטשנדיק מיר אלעס גוטעס און פיל ערפאלג אין דער ארבעט, האט ער מיר איבערגעגעבן מיין אביטוריענט־צייגניש וואס איז געווען מיט גוטע אויסצייכענונגען. מיט א שטאלצן בליק אין דער צוקונפט בין איך פריידיק און האפענונגספול ארויס. מיין קאפיטל ווילנע איז געווען צו ענדע.

דאלהינעוו און מיין "סדרה לך לך"


ניט האבנדיק קיין מעגלעכקייט צו בלייבן אין ווילנע און ניט זעענדיק אויך א פערספעקטיוו זיך שנעל איינצוארדענען אין מיין דערוואבערטן פאך, בין איך צייטווייליק צוריקגעקומען קיין דאלהינעוו. דער אמת איז אז פילע ענדערונגען אין מיין היימשטעטל האב איך ניט

געפונען – ניט אין עקאנאמיש־ווירטשאפלעכן געביט און ניט אין קולטורעל־געזעלשאפטלעכן. עס איז טאקי א פאקט: די געגעבענע לעבנס־באדינגונגען האבן ניט דערמעגלעכט פיל ענדערונגען. צו ענג זיינען געווען די ראמען: ס'שטעטל האט געלעבט פון איין מארק־טאג אין וואך צום אנדערן; קיינע גרויסע האנדלס־אונטערנעמונגען, אפילו צום ביישפיל אויפן שטייגער פון דער בארימטער בודסלאווער "ספולקע" אדער אינדוסטריע־פאבריקן, זיינען ניט געווען. בלויז קליינהאנדל און האנדווערק זיינען געווען פארשפרייט אין גרויסן מאשטאב.

די יידישע באפעלקערונג איז אבער אינצווישן גרעסער געווארן; קינדער זיינען פארוואנדלט געווארן אין יוגנטלעכע, יוגנטלעכע ווידער זיינען שוין מער דערוואקסן געווארן און האבן פאר זיך ניט געזען קיינע צוקונפט־פערספעקטיוון. ציוניסטישע יוגנט האט זיך געריסן קיין ארץ־ישראל און אהין געטראגן זיך טרוימעריש. ארץ־ישראל איז אבער דערווייל ווייט געווען און געשלאסן. דער איינטריט איז ניט געווען מעגלעך צוליב מאנגל אין סערטיפיקאטן – אויף וועלכע מען האט יארן געווארט... אנדערע יוגנט ווידער, ניט שטארק ציוניסטיש געשטימט, האט זיך געריסן אין דער ברייטער וועלט אריין און געחלומט וועגן פרעמדע לאנד־האריזאנטן, אויך ניט מיט א בעסערן דערפאלג. די עמיגראנטן־קוואטע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע איז שוין געווען שטארק באגרענעצט און כמעט געשלאסן. אנדערע לענדער זיינען אויך ניט געווען גרייט מיט ברען אויפצונעמען א מאסן־עמיגראציע. דורך א שמאלער און ענגער "קאליטקע" האט מען דא און דארט מיט פארדאכט אויפגענומען א הויפן עמיגראנטן. די הויפנס אבער האבן זיך ארויסגעוויזן ניט גענוגנד, ווייל "אין הקומץ משביע את הארי"... פון טאג צו טאג, פון יאר צו יאר, איז די נויטווענדיקייט פון עמיגראציע שארפער געווארן; יוגנט אין שטעטל האט ניט געהאט מער וואס צו טון. אבער יוגנט, און אפילו מער דערוואקסענע צווישן זיי, האבן געמוזט טעטיק זיין ערגיץ־ווו אויף א געוויסן געביט – אויב ניט עקאנאמיש כאטש געזעלשאפטלעך אדער קולטורעל. האט מען געשאפן א פוטבאל־קלוב "מכבי". האט מען אנפאנג 1927 געשאפן אויך ביי דער סעקציע פון די פייער־לעשער אן ארקעסטער פון בלאז־אינסטרומענטן – מיטן שטעטלשן דאקטאר אין דער שפיץ ווי אויך מיט ניאמקע ריער און אנדערע עסקנים – קריסטלעכע און יידישע. איז מען טעטיק געווען בדרך הטבע. איך אליין האב פארשטענדלעך ניט געטארט "פעלן צו יעדער שמחה..." געשפילט האב איך פוטבאל, געשפילט אין ארקעסטער;

טעטיק געווען אין "השומר השחר" ווי אויך ניט איינמאל געהאלפן די חברה "צופירן די הענט" קעגן אנפאלנדע שקצים אדער שיכור'ע "רעקרוטן, נאוואבראנצעס" און צוריקשטעלן ארדענונג.

אונדזער פוטבאל־גרופע האט נאטירלעך נאר זומער געקענט טעטיק זיין ווייל ווינטער איז עס אוממעגלעך געווען צו שפילן צוליב די שנייען און אייז־פראסטן. מיר האבן אויך ניט געהאט ווו צו שפילן אין זומער־טעג. ס'איז ניט געווען קיין ספארט־פלאץ – פלעגן מיר גיין שפילן אויפן מיליטערישן פלאץ ביי די "קאשארן" אדער נעבן קלויסטער.



התחרות בכדורגל 1.6.1928

שפילנדיק איינמאל אויפן מיליטערישן פלאץ איז ארויס קעגן אונדז דער גארניזאן־קאמאנדיר און פארטריבן אונדז מיט "גראבע" זידלערייען ווי – "זשידזשי פסיא־קרעוו כאליערא!..." מיר האבן אונדז געפילט זייער געטראפן פונ'ם גראבן ארויסטריט; האבן מיר אויך אוועקגעשריבן וועגן דעם צום בארימטן סיים־דעפוטאט ד"ר יעקב וויגאדסקי השם ינקום דמו! וועלכער האט אונדז אויף דעם געענטפערט און אויך צוגעזאגט זיין אינטערוועניץ אינ'ם קאנפליקט. איך געדיינק אבער ניט ווי אזוי איז געווען די ענדע פון דער אינטערוועניץ זיינער קעגן אנטיסעמיטישן

אקט וואס איז ניט געווען דער איינציקער... ניט איינמאל זיינען אויך געווען "סיורפריזן" וואס האבן אונדז באגייסטערט און "גרויס" געמאכט... אונדזער "מכבי" פוטבאל־קלוב איז איינגעלאדן געווארן איינמאל צו שפילן מיטן מיליטערישן ספארט קלוב פון בודסלאוו. מיר האבן פריידיק אנגענומען די איינלאדונג און גערן מיט זיי געשפילט אויף זייער פלאץ. פאר אונדז איז עס געווען א גרויסער כבוד: מיר, 16 אדער **17 יאריקע "שנעקעס", האבן זיך געשטעלט שפילן מיט געזונטע,** שטארקע און הויך־וווקסיקע "שקצים" מיליטער־לייט. א קלייניקייט?! מיר האבן פארשטענדלעך פארשפילט אויפן "מאטש" 1:3, אבער ניט געמינערט דעם כבוד... אונדזערע ריוואלן און געסט־אויפנעמער האבן איינגעארדנט לכבוד אונדז נאכן שפיל א ספעציעלע אויפנאמע מיט א פייערלעכע סעודה מיט געטראנקען און אלעס בעסטע אין זייער "קאזינא". אלע האבן זיך זייער גוט אונטערהאלטן און גאר שפעט אהיים געקערט. שפעטער האבן מיר אויך געשפילט מיט א קאמאנדע אין קריוויטש און זיי באזיגט. מיר זיינען ניכטער געקומען צו דער ספארט־פארמעסטונג; זיי זיינען שוין פארן שפיל געווען גוט שיכור...א



תזמורת מכבי־האש, במרכז ד"ר סאדובסקי

חוץ דעם פלעגן מיר אויך פון צייט צו צייט שפילן מיט א לאקאלע קריסטלעכע פוטבאל־גרופע.

אזוי האב איך ווי אויבנדערמאנט אנטייל גענומען אויך אין ארקעסטער און גאר ניט שלעכט איינגעאיבט מיך אינ׳ם גאנצן שפיל־אנסאמבל. עס איז כדאי צו באצייכענען, אז 15 טעג נאכן גרינדן האבן מיר שוין באדארפט אנטייל נעמען אין די פייערלעכקייטן לכבוד דער 3טער מאי קאנסטיטוציע און שפילן מארשן און פוילישע נאציאנאלע לידער און מעלאדיעס. אונדזער קאפעל־מייסטער איז געווען א ווילנער ייד – זיין נאמען איז מיר ארויס פון זכרון. זייענדיק זייער פעייק האט ער אונדז געאיבט נאכדעם אין טאנץ־מוזיק, מוזיק־באגלייטונגען ביים אויפפירן פיעסעס ווי אויך קלאסישע מוזיק. אזוי האט אויך עקזיסטירט ביי אונדז אין שטעטל א דראמאטישער אמאטארן־קרייז, וואס האט אויפגעפירט טעאטער־שטיק ווי "יאנקל דער שמיד"; "חאסיע די יתומה" אדער פרץ הירשביינס "גרינע פעלדער" א.א. די אויפפירונגען זיינען געווען געלונגען (פארשטענדלעך לויט די באדינגונגען). אמת איז; עס איז פריילעכער געווארן אין אונדזער היימשטעטל: טעאטער־שטיק; טאנץ־אוונטן ווי אויך פרייע טענץ אויפן גאס ביי דער "גמינע" אין זומער־אוונטן; שפאציר־גאנגען צווישן די "בוימאלער" און אנדערע יוגנט־אונטערנעמונגען און ארויסטריטן.

די אלע קולטור־דערגרייכונגען האבן זיך אבער ארויסגעוויזן ניט גענוג און אפילו פארפירעריש אין א געוויסער מאס. קלאר איז עס דאך אז דאס אלץ האט נישט געקענט פארטרעטן די באזע צום לעבן אין דער צוקונפט. אזוי איז ווידער בולט געווארן נאכמערער די נויטווענדיקייט פון "אוועקרוקן" זיך: פונ׳ם זוכן ערגיץ ווו אין דער וועלט א באדן א פעסטן אונטער די פיס, בקיצור – א וועג צו עמיגרירן. אזוי אז אויך מיין "סדרה לך לך..." איז טאקי אן אלגעמיינע פרשה.

אלט בין איך געווען דאן 17 יאר מיט א קליין "סמיטשעק"; די געפילן פון באדן־לאזיקייט האבן מיך ניט אפגעלאזט. ווי אויך אנדערע יונגוואַרג האב איך מיך געוואלט ארויסרייסן. אויף גאר א צופעליקער וויי{ז}ע האב איך מיך דערוווסט, אז חונע דעם בלעכערס איידעם, הערשל ריער וואס האט געוווינט ביי זיין שווער אין שטוב, איז אפגעפארן צו זיינע ברידער, פריזירער אין ארגענטינע. גלייכצייטיק האב איך אויך געהערט, אז צוויי קריוויטשער בחורים מאכן פאפירן אויף צו פארן קיין ארגענטינע. איז עס מיר "אריין אין מיינע נאזלעכער". איך האב א

טראכט געגעבן: אז יידן פארן קיין ארגענטינע – ווו בין איך? פארוואס זאל איך בלייבן און פאראַרעמט ווערן, פארוואס טאקי זאל איך ניט פארן? כ'האב דאך א פאך ווי אויך מיינע קרעפטיקע געזונטע יארן!... האב איך דען וואס מורא צו האבן! וואס האב איך אנצווווערן? האב איך באשלאסן צו פארן. און "אומר ועושה" גערעדט און געטון!

א גערודער אין שטוב. מיין מאמע, דיברידער און איינציקע שוועסטער ווי קרובים נאענטע "שפרינגען גארניט פון זייער הויט"... זיי ווילן ניט איך זאל פארן... זיי ווערן גאר ניט נתפעל פון דעם... מיין מאמע האט פייערלעך דערקלערט אז די 100 דאלאר אויף הוצאות איז זי גרייט מיר אוועקגעבן כ'זאל מיך מיט זיי באנוצן און ניט פארן... ס'איז אויך אינדערהיים געבליבן וואס צו טון... אבער איך בין אן עקשן און בין געווען אנטשלאסן און קאנסעקווענט. איך האב מיך געהאלטן ביים אפפארן. אינ'ם טאג פון מיין ארויספאר איז דער ארקעסטער געווען ביי אונדז אין שטוב און אין פארלויף פונ'ם גאנצן טאג לכבוד מיר געשפילט ביז צום אפפארן פונ'ם אמניבוס קיין בודסלאוו צו דער באן־סטאציע. מען האט זיך געוויילט און אונטערגעהאלטן די הערצער מיט אביסל בראנפן פינפניינציקער... אזוי טאקי ביז דער שעה פון "ויסעו ויחנו..." ביז בודסלאוו האט מיך באגלייט דער פעטער הלל סווערדלין. דארט האבן מיר זיך שוין אריינגעזעצט אין באן און היידע! קיין ווילנע. פון דארט קיין ווארשע און ווייטער דורכפארנדיק יוגאסלאַוויע, ביז טריעסט. אין טריעסט זיינען מיר ארויף אויף דער שיף "מארטא וואשינגטאן" וואס האט אונדז געפירט אויפן אדריאַטיק און דורכן מעכטיקן און גרויס־ברייטן אטלאנטישן אקעאן. אזוי האט אנגעפאנגען מיין לעבנס־אדיסייע מיט אירע "ניסים אויפן ים..." וועלכע זיינען ווערט צו באשרייבן אן און פאר זיך באזונדער. שטורמיש האט געבושעוועט דער אטלאנטיק; כוואליעס האבן זיך געהויבן און געוואשן די שיפס־דעק, אונדזער שיף האט זיך געוואקלט און "געהוידעט" די 1500 פאסאזשירן ביזן עקל צום ברעכן... איך ווייס ניט ווי אזוי און פונוואנען בין איך דאמאלסט געווען אזוי דרייסט אין מוטיק אויסצושטיין די רייזע־פלאגן און ווייען. איך – א בחור'ל פון 17 יאר אן א שפראך, אינגאנצן נאאיוו, אליין און פרעמד אין דער וועלט, ניט האבנדיק קיין מינדעסטע אנונג פון פרעמדע קאנטינענטן און זייערע מענטשן...

אזוי האבן מיר זיך געשיפט וואכנלאנג צווישן הימלען און צעשטורמטע וואסערן – ווען אויסער גאטס־גענאד זיינען אלע 1500 פאסאזשירן געבליבן אויף הפקר און אומבאהאלפן... ענדלעך זיינען מיר

אין א אקטאבער־טאג 1928 – אין א גוטער שעה, אנגעקומען אויפֿן ארגענטינער באדן. איך האב מיך שוין דערשלאגן צו דער ערשטער סטאציע אין מיין לעבנס־אדיסייע. מיין אדיסייע האט זיך נאך ווייטער געצויגן איבער פילע וועגן און אומוועגן ווי אויך קרייץ־וועגן – ביז צום היינטיקן טאג – עס זיינען אדורכגעפלויגן 54 יאר נאך מיין ערשטער רייזע און היינט פאר איך ווידער דורך יוגאסלאוויע און איטאליע אין דער שווייץ איבער געשעפט־זאכן. אבער דאסמאל צוזאמען מיט מיין "עזר כנגד" – מיט מיין לעבנס־חבר'טע שרה'לה – אויך אויף וואקאציעס. איצט ווייס איך נישט: איז די היינטיקע רייזע א צופעליקע אדער א סימבאלישער שיקזאל־שטאפל? איך מאיר־אהרון בן ר' קאפל, אן אפגעריסענער, איינזאמער, פון מיין גרויסער פארצווייגטער משפחה, מאך ווידער דורך א רייזע איבער אייראפע ווען דארט – אין מיין ערשטער היימשטעטל – איז אלעס פארשניטן און חרוב געווארן. געבליבן זיינען בלויז אומזיסטע, פרוכטלאזע בענקענישן מיט זכרונות טרויערדיקע ביז צו מיין לעצטן לעבנס־אטעם!

געטראגן האב איך מיך שטענדיק אהין מיט מיין אומגעשטילטער ברענענדער בענקעניש. שוין עטלעכע מאנאטן נאכן אנקומען אין ארגענטינע האב איך געשריבן צו מיין ליבער מוטער אז איך וויל צוריק קומען אהיים!... איר ענטפער – ווי אויך בריוו פון קרובים און פריינט – האבן מיר גע'עצה'ט זיך אפהאלטן און איינהאלטן די בענקשאפט... ניט גוט איז אלעס געווארן דארט; אנטיסעמיטישע שיקאנעס אויפֿן עקאנאמישן באדן זיינען געווארן א טאג־טאגלעכע דערשיינונג. די פוילישע רעגירונג האט זיי וואס מערער פארשטארקט און געבליבן בין איך מיט מיין בענקעניש און צוגעוווינט זיך...

געוויס ווארטן נאך א סך בלעטער פון מיין לעבן אויף באשרייבונג און ווידער־שילדערונג. געוויס איז עס אינטערעסאנט ווי אזוי איך האב געטאפט א וואנט; געוואנדלט פון איין ארבעטס־פלאץ צום צווייטן... ווי אזוי איך בין געווארן א פאבריקאנט. באזונדערס אינטערסאנט איז א קאפיטל שרה'לה – מיין געטרייע פלונית'טע און גאר זייער בעליבטע פרוי! ווי אזוי איך האב זי קענען געלערנט און ווי אזוי מיר פירן ביז היינט אונדזער שיין לעבן – דעם קרוין־קאפיטל פון "אדיסעאוס מיט זיין פענעלאפע!" אט די אלע בלעטער קענען ניט ארייננקומען אין די דאזיקע ראמען. ניט אויף די שפאלטן פונם יזכור־בוך.


צום שלוס פון מיין דאלהינעוו־קאפיטל איז א חוב א הייליקער

אויסצודריקן מיין נשמה־מאניפעסט צו מיין היימשטעטל – ווייל אלעס וואס איך האב און פארמאג אינערלעך איז פון דארט. פון מיינע "גירסא דינקותא" טעג און יארן געדיינק איך נאך, אז איינער פון אונדזערע גרויסע דיכטער שאול טשערניכאווסקי האט שוין געזאגט: א מענטש איז בלויז אן אפשפיגלונג־געשטאלט פון זיין געבורט־לאנדשאפט און קינדהייט־פייזאזש. דאס איז ווירקלעך אמת! אלעס וואס איז מיר געבליבן און איך טראג מיט זיך אין הארצן, האב איך מיין היימשטעטעלע צו פארדאנקען! פון דארט שפרודלט אויך מיין ליבע צו ארץ־ישראל און אונדזערע אפטע באזוכן אין מדינת־ישראל. 27 מאל זיינען מיר שוין געווען אין ישראל, און מיר האלטן שוין ווידער אמאל צו קומען.

איר דאלהינעווער אין ישראל! איר וועלכע האבן צוזאמענגעבונדן די אלע "אודים מוצלים מאש" – די אלע פארסמאליעטע האלאוועשקעס ווי אויך אלע איינזאמע אפגעריסענע "אברים" – איר וואס האבן באנייט און ווידער געשאפן א פאראייניקטע "דאלהינעוו־משפחה" אין ישראל, איר אלע האט א זכות א גרויסן. אייך קומט גאר א ספעציעל באזונדער "יישר־כוח!" פון טיפע טיפענישן אין מיין הארץ רייסט זיך דער אויפרוף חיזקו ואימצו! איר זייט געבליבן דער זידנדער און שטענדיקער פערמענט פון אונדזערע דורות־לאנגע מקורות און שרשים. איר פאראייביקט אונדזערע טייערסטע ווי אויך אונדזער גאנצן עבר! דורך א מצבה, א געדענק־בוך און ווער ווייס וואס נאך?

נעמט זשע אויף מיינע ווערטע און טייערע "בני עיר" אן אפעל מיינעם צו אייך ווי צו אלע דאלהינעווער אין גאר דער וועלט: למען השם לאמיר ניט פארגעסן און שטענדיק געדיינקען ווי אויך פאראייביקן אונדזער עבר! לאמיר זיך צוהערן, פילן און אויפנעמען ווי דארט – פון באליבטע וועלדער און פעלדער, פון קבר אחים – טראגן זיך אויך היינט אינדערלופטן די קולות פון יתגדל ויתקדש! – א יזכור לדאלהינעוו!

א טייל אן אינטעגראלער פון א גאנצן לעבנס־וועלט וואס איז פארפלייצט געווארן אין ימים פון בלוט און פייער. בלויז זכרונות זיינען געבליבן, ניט מער!



נחום לנקין (גבעתיים)

צללים מן העבר

"ביעור חמץ" מיוחד במינו

רחוק אני מביתי ומעיירתי דולהינוב, רחוק ונידח תוך קרה מקפיאה אי־שם באורל... שעת־בין ערביים; לפי מזג האוויר הנוטה להפשיר במקצת, סבורני שערב־פסח חל היום. אף כי לא אדע דבר בדיוק, מאחר ולוח עברי אין בידי, נתפסתי להרגשת ליל הסדר. עצמתי עיני... אברח ולו לרגע קט מהמציאות המרה, בה הנני שרוי.

עיני רואות שולחן ערוך בלובן מבהיק בבית־אבי, קערת הסדר במרכזו וכל בני המשפחה מסובין מסביבי – אווירת חג; אור וחמימות אופפים כל פינה. שקעתי לרגע בחלום נעים תוך דמיון פורה מתנגן.

הכל פג לפתע; המציאות המרה אינה מאפשרת לשקוע בתעתועי־דמיון, למעשה הנני ב"מחבוש". נעצרתי אף נשפטתי ודיני 5 ימי־מאסר, על שום נסיוני "לגנוב" ולהשיג לי פת לחם שלא ברשות, בעבירה על החוק... אני יושב משמים באפס מעשה; אף להירדם לא אוכל. הקור האכזרי השורר כאן אינו מאפשר זאת. בכל אופן השגנו עבודה כלשהי ואנו מבצעים אותה בלילות. הן תוך כדי עבודה אינך מרגיש כל כך בקור. ברם, כאמור הנני עתה ב"מחבוש"; דקות חולפות ושעות עוברות והנה הליל כבר מאחורי. השעות הן של דמדומי־בוקר. הרעב מתחיל להציק ודבר מאכל בידי אין...

הנה "שלל" רב בידי! נזכרתי: שני צנימים מעופשים נותרו לי מהבית. עוד מיום־בריחתי מהגרמנים שמרתי עליהם היטב כבבת־עין לשעת־חרום. אמנם לא פעם המו מעי כי הציקני הרעב, אך תמיד היססתי ולא העזתי לנגוע בהם... שמא ישמשו עוד למצב בלתי־נסבל. אך הנה באה השעה החמורה; לא אוכל עוד לשאת. הנני רעב ביותר. ופרט לזה – הרי ליל הסדר ולא קיימתי אפילו מצוות ביעור חמץ. אקיים איפוא את הסעודה ואזכה גם במצווה! ...אכן, שיני עמלו קשות על נגיסתם וגריסתם של הצנימים המאובנים והמעופשים אך נהניתי מהסעודה... ואף יכולתי בלב שלם לברך "כל חמירא וחמירא" שברשותי ולא

ברשותי... וחסל סדר פסח! אף כי ארכו אמנם הימים, ידעתי הכל בבהירות וללא ספר; ידעתי לאחר מכן כי כל בני־משפחתי בעיירה נרצחו בי"ב ניסן תש"ב – ב־28 במארס 1942, יומיים לפני ערב־פסח, ע"י הקלגסים הנאצים וגרוריהם, ונקברו בקבר האחים הגדול יחד עם כל קדושינו.

(קטע מתוך יומן משנות הארבעים)

דברים מלב הומה

קטע זה מיומני האפור יש בכוחו להשכיל את המעיין ולהבהיר לו, כי אין בידי ואין בפי לכתוב ולספר משנה סדורה על דולהינוב עיירת־גידולי ועל כל אשר נתרחש ונתחולל בה בשנות האופל והאימים. הלם התדהמה בו הוכיתי נוכח כל אשר נתרחש, פועל פעולתו גם היום וברצותי לספר על כל אשר אירע, לא אדע איך ובמה להתחיל... לא אוכל גם לספר רבות על דורות בעיירה שקדמו בעבר; לכך אין הידיעות שברשותי מספיקות.

ברם, צללים וצלליות ושברי־שברים של זכרונות קטועים מן העבר אינם מרפים ממני; הם פוקדים אותי תדיר וביחוד בשעות־מנוחתי, הם מזיזים "מגירות" זכרוני, מצווים ותובעים: לא לשכוח!

"מלאך־מושיע" פאר אלע. ארבעטנדיק אינ'ם ווארשטאט אויסערן געטא בין איך געווען דער איינציקער, וואס האט געמעגט ארומצוגיין אויסערן געטא. אזוי ארום בין איך געווארן א גאנצער פארמיטלער ביי יידן און קריסטן אין סאל. האט א ייד גדארפט אויסבייטן עפעס ביי א קריסט, האט ער עס מיר געבראכט און איך האב עס שוין דורכגעפירט. בקיצור: מיין לאגע האט זיך געענדערט ווי פון טאג צו נאכט. איך בין שוין בכוח געווען יעדן איינעם בייהילפיק זיין. איך האב געארבעט און פארדינט, געלט האט מיר ניט געפעלט און איך האב אויך ניט באדארפט. האט די דייטשן־מאכט גוזר געווען א אלגעמיינע קאנטריבוציע אויף יידן – בין איך געווען דער וואס האט געגעבן מער פון אלע, איך האב אויך געהאלפן יעדן "נצרך".

וויכטיק איז צו דערמאנען נאך איין פרט: דער עפיזאד וועלכן איך דערצייל איצט האט זיך אפגעשפילט אין א שפעטערן צייט אפשניט; ארום 8־9 מאנאטן זיינען שוין אדורך זינט מיר זיינען "צייטווייליק" געבליבן אין סאל. אנפאנג אפריל 1942, אויב איך האב ניט קיין טעות, איז אונדז אנגעקומען א ידיעה פון קארעניץ אז שעניוק'ס פרוי מיט צוויי קינדער געפינען זיך דארט – נאכן אנטלויפן פון דאלהינאוו – קורץ פאר דער ערשטער דייטשער "אקציע". לײדער האב איך קיינע ידיעות פון מיינע נאנטע ניט געהאט; זיי האבן אויך אבסאלוט ניט געוווסט פון מיר, ווייל קיין שום פארבינדונג האט ניט געקענט צושטאנד קומען. אז מיין חבר האט באקומען א גרוס, אז זיין פרוי און קינדער זיינען אין קארעניץ אן לעבנס־מיטלען און אליין, איז דאך קלאר אז איך האב בשום אופן ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק – ניט ברײנגען זיי צו אים. מיר האבן טאקי צווישן אונדז באשלאסן, אז מען מוז אומבאדינגט ארויספאדערן זיי און ברײנגען קיין סאל. כדי צו רעאליזירן דעם באשלוס, האב איך איינעם א פויער באצאלט 8 פוד מעל, ער זאל זיי ברײנגען אויף זיין וואגן קיין סאל, כדי צו זיין מיט אונדז צוזאמען. אזוי איז עס אויך געווען; זיי האבן מיט אונדז געוווינט ביי דער משפחה ווו מיר זיינען געווען. יאסקע האט געארבעט טאקי אין א פאבריקל פון וואליקעס – ער איז אהין געשיקט געווארן פון "יודנראט". דייטשן האבן אים ארויסגעגעבן אן "ארבעט־שיין" אז ער איז נוצלעך, אבער געלט פאר זיין ארבעט האט מען אים ניט געצאלט... אזוי ארום האב איך אויסגעהאלטן אויך זיין משפחה.

מיט די אלע גליקן האב איך מיך ניט געוואלט און ניט געקענט באגנוגענען. ס'איז ביי מיר געווען ניט מער ווי בלויז "חיי שעה". כ'האב

ניט אויפגעהערט צו פרעגן מיך אליין: ווי לאנג נאך וועלן דייטשן לאזן יידן לעבן רוייק אין שטעטל? געוווסט האבן מיר דאס וואס עס טוט זיך אין אנדערע שטעטלעך ארום. איך האב שוין געזוכט און געווארט אויף א געלעגנהייט צו קומען אין ווילנע, ווייל כ׳האב אויך דארט געהאט א שוועסטער און ס׳איז מיר שוין נמאס געווארן צו זיצן אין סאל.

וויפיל צייט סאלער געטא האט אויסגעהאלטן ווייס איך ניט, ווייל איך בין דאך סוף כל סוף ניט געבליבן... עס איז אבער כדאי צו באטאנען אז אין פארלויף פון דעם יאר דארט האט מען בכלל יידן ניט געטשעפעט א חוץ שלאגן ביי ניט אויספילן געוויסע דייטשע פאדערונגען ביי דער ארבעט. בלויז די ערשטע טעג האט מען אומגעבראכט עטלעכע יידן.

אויפסניי אין ארבעט־לאגער

פון דער הויפט־קאמענדאנטור פון דער קרייז־מאכט אין אשמענע אין אנגעקומען א באפעל: דאס שטעטעלע מוז צושטעלן 60 ארבעטער צום נייעם ארבעטס־לאגער. ווידער א גאר שווערע לאסט אויפן "יודנראט" און געטא; די מערהייט פון דער געטא־באפעלקערונג – קינדער, עלטערע מענטשן און גאר וויניק יונגע מענטשן. ס׳איז בכלל ניט מעגלעך געווען אויסצופירן דעם באפעל. פון גרויס פארלעגנהייט האט דער "יודנראט" באשלאסן ניט צושטעלן קיינעם און ניט מאכן בכלל די אויפגעפאדערטע רשימה, כדי ניט ווערן געצווונגען אוועקצורייסן א מאן פון א פרוי און קינדער, אדער צונעמען ביי א משפחה אן איין און איינציק דערוואקסן קינד. דער דייטשער פאליצײ־קאמענדאנט האט געמאלדן אז אפיצירן פון אשמענע וועלן קומען אויספארשן ווי אזוי דער "יודנראט" און די יידן פון שטעטל פירן ניט אויס דעם געגעבענעם באפעל? אזוי איז עס טאקי פארגעקומען; צוויי דריי טעג נאכדעם איז געקומען א געסטאפא־מאנשאפט פון אשמענע און באפוילן: פון 15 ביז 65 יאר – אויסשטעלן זיך אין רייען. ווידער האט קיינער ניט געוווסט, צי וועלן זיי נעמען אין לאגער ווי ס׳וועט זיי איינפאלן, אדער אלע וועלן דערשאסן ווערן אלס שטראף פאר ניט דערלאנגען די רשימה?

איך האב געהאט די מעגלעכקייט ניט צושטעלן זיך לויטן באפעל; איך האב דאך באקומען א ספעציעלע באשטעטיקונג אז איך בין א "נוציקער יודע" און איך קען ניט גיין. דאס זעלבע האט אויך געהאט מיין חבר יאסקע שעניוק. ער האט מיר גלייך דערקלערט אז ער גייט

ניט. איך האב געזאגט אז איך גיי... אלע "יודנראט" מיטגלידער האבן מיך געבעטן ניט צו גיין. ס'האט אבער ניט געהאלפן. איך האב ניט געוואלט רעזיגנירן פון מיין באשלוס – פאר יעדן פרייז ארויסצוכאפן זיך קיין ווילנע. מיין חבר איז טאקי געבליבן און ניט געגאנגען; ער האט שוין געהאט א גרויסע בארד, כדי אויסצוזען עלטער, אז מען זאל גאר ניט פרובן אים צו נעמען. מיך האבן שוין געצויגן אנדערע געדאנקען און פלענער; ארבעטנדיק אין ווארשטאט האב איך שוין א סאך מאל געהערט פון פאליאקן וואס האבן דערציילט וועגן דעסאנטן, פאראשוטיסטן דא און דארטן; אז ניט ווייט פון סאל שפאנען שוין פארטיזאנער און זיינען טעטיק. מיך האט עס שוין פיל געווארעמט און געצונדן.

ענדלעך בין איך אוועק און געשטעלט זיך אין די רייען גלייך מיט אלע. אנקוקנדיק מיך, א יונגן און ארבעטס־פעייקן מאן, האבן די לייט פון געסטאפא אפילו איין מינוט זיך ניט געקווענקלט. זיי האבן מיך גלייך גענומען צווישן אנדערע 65 מאן אין ארבעטס־לאגער אויף דער באן־סטאציע אלקעניקי – אויף דער ליניע ווילנע – ווארשע דורך גראדנע. דארט האבן מיר אלע געארבעט ביים לייגן א צווייטע ליניע אויפן זעלבן וועג. די ארבעט איז געווען גאר שווער; די באציונג צו אונדז שלעכט און די באשפייזונג זייער ווינציק און געמיין... 200 גראם ניט דערבאקן ברויט מיט א ביסעלע שיטערן זופ. ס'האבן דארט געארבעט אויך פאליאקן אבער ניט מיט אונדז צוזאמען. א וואך האט אונדז שטענדיק שטרענג אפגעהיט. געשלאפן זיינען מיר אין א בנין אלע צוזאמען, מענער ווי אויך פרויען. געארבעט האט מען פון 6 אינדערפרי ביז 6 פארנאכט; מען האט ניט געשלאגן אבער קראנק זיין חלילה איז בשום אופן ניט דערלויבט געווען. אזוי האבן מיר אפגעארבעט דארט צווישן 4 און 5 חדשים, אין פארלויף פון הערבסט און ווינטער – ביז מיר האבן פארענדיקט די ליניע ווילנע־גראדנע.

גלייך נאכדעם האט מען אונדז אריבערגעפירט קיין ניי־ווילייקע אין א לאגער נעבן ווילנע; אויך דארט איז די ארבעט געווען פארצוזעצן א באן־ליניע. ביי דער ארבעט זינען שוין געווען יידן וועלכע מען האט יעדן טאג געבראכט פון ווילנער געטא. אונדזער גרופע האט געארבעט באזונדער, באוואכט פון אונדזערע וואכמענער וואס האבן אונדז יעדן טאג געבראכט פונ'ם לאגער און צוריק געפירט. דאך האט מען שוין געקענט באוועגן זיך א ביסעלע און אנבינדן א קאנטאקט מיט די ארבעטער פון די אנדערע גרופעס פון ווילנער געטא. דערווייל האב איך

אויך געשלאָסן אַ קאָנטאַקט מיט איינעם פֿון די עלטערע אָבערמײַסטערס ביי אונדזער אַרבעט. כ׳האָב אים דערציילט אַז איך בין אַ געניטער פּאַכמאַן ביי קאָמאַשן־מאַכעריי – אַ שטעפּער ווי אויך אַ שוסטער – און קען יעדע לעדער־אַרבעט אויספֿירן. אויב ער וועט מיר דערמעגלעכן אַ "שיין" צו פֿאָרן קיין ווילנע וועל איך אים שאַפֿן לעדער אויסצואַרבעטן עפּעס פֿאַר זײַנע קינדער. דער אָבערמײַסטער האָט אויף דעם מסכּים געווען און אַרויסגעגעבן דעם נויטיקן "שיין".

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק אין ווילנע צוזאַמען מיט דער גרופּע אַרבעטער פֿונ׳ם געטאָ. כ׳האָב געשאַפֿן פֿאַרשטענדלעך דעם צוגעזאָגטן לעדער פֿאַרן אָבערמײַסטער. דאַסמאָל האָב איך נאָך ניט געזען די שוועסטער, נאָר איבערגעשיקט דורך אַ ייִדן אַ לעבעדיקן גרוס אַז איך לעב. איך האָב מיך צוריקגעקערט אין לאַגער וויִיזנדיק דעם אָבערמײַסטער דעם געבראַכטן לעדער. ער איז געווען גאָר צופֿרידן; אָבער איצט איז נויטיק געווען אויפֿצוזוכן אין ניי־ווילייקע אַ קאָמאַשן־מאַכער אָדער אַ שוסטער וואָס האָט מאַשינען, ווײַל אַנדערש וועל איך ניט קענען אויסאַרבעטן די שיך פֿאַר זײַנע קינדער. רעכנענדיק זיך מיט דעם, האָט ער מיר אַרויסגעגעבן אַ "שיין" צו גיין און אָפּזוכן אַ פּאַכמאַן מיט מאַשינען. כ׳בין גלײַך אַוועק אין שטעטל און גראָד געפֿונען אַ פּאָליאַק, אַ שוסטער פֿון באַרוף וואָס האָט געהאַט מאַשינען, וועלכע האָבן פֿריער געהערט צו אַ ייִדן און ער האָט זיי באַקומען פֿון די רוצחישע רויבער.

איך האָב מיך באַפֿרײַנדעט מיטן פּאָליאַק; אַ מענטש איז ער געווען ניט קיין שלעכטער – מה דאָך אַז ער האָט געזען אַז מען קען אײַנשטעלן קענגזײַטיקע באַציִונגען אויפֿן פּרינציפּ: "איין האַנט וואַשט די צווייטע האַנט". אויף מײַן ביטע צו דערלויבן מיר אַרבעטן אויף די מאַשינען האָט ער גלײַך מסכּים געווען אָבער אונטערן באַדינג איך זאָל פֿאַר אים אויך מאַכן געוויסע אַרבעט. דאָס איז מיר באמת געווען אויף דער האַנט; ס׳איז מיר גלײַך אײַנגעפֿאַלן, אַז איך וועל דורכדעם קענען אויך זיך באַוועגן פֿרײַער אין ניי־ווילייקע. מײַן אָבערמײַסטער האָט מיר ניט געמאַכט מער קיינע שוועריקייטן. כ׳האָב מיך פֿלײַסיק גענומען צו דער אַרבעט יעדן טאָג און באַמיט זיך וואָס לענגער צו אַרבעטן ביים פּאָליאַק, טראַכטנדיק פּטור צו ווערן פֿון דער אַרבעט אינ׳ם לאַגער.

ביסלעכווײַז האָב איך אויך אויפֿגעהערט צו קומען אין לאַגער און געבליבן ביים פּאָליאַק; פֿאַרלויפֿיק איז קיין געפֿאַר ניט געווען ווײַל

דערווייל האט מען מיך ניט געזוכט. איך האב אזוי געארבעט ביים פאליאק א 3 מאנאטן אומגעפער; יעדע וואך פלעג איך פארן אויף שבת אין ווילנע און זיין ביי דער שוועסטער. אין געטא פלעג איך אריינקומען – מיט די צוריקקערנדע ארבעטער פון ניי־ווילייקע אין ווילנע. מיין שוועסטער איז געבליבן מיט דריי קינדער; איר מאן איז שוין ניט געווען – דייטשן האבן אים צוגענומען. האב איך שוין געמוזט זארגן אז ס׳זאל זיין צו עסן פאר איר און די קינדער.

אזוי בין איך געפארן קיין ווילנע און צוריק אין פארלויף פון דער אויבנדערמאנטער צייט, ביז מען האט אונדזער גאנצע גרופע וואס איז געווען אין ניי־ווילייקע אריבערגעפירט קיין ווילנע. פארשטענדלעך אז איך בין שוין געבליבן אין ווילנע, אבער איך בין זייער אפט געפארן צום פאליאק און ביי אים געארבעט.

אין ווילנער געטא

די צייט אז געלאפן און פארגאנגען: עס זיינען שוין נאענט געווען די לעצטע חדשים פון 1942. כ׳בין נאך ווי אויבנדערמאנט געפארן גאנץ אפט צום פאליאק אין ניי־ווילייקע פון ווילנע. מען האט נאך צייטנווייז געפירט אהין צו דער ארבעט פון ווילנער געטא. קומענדיק איינמאל צום באן האב איך געטראפן צוויי יידן מיט א פרוי וואס האבן געוואלט מיט אונדז פארן אין ווילנע. מיך האט זייער פאראינטערעסירט צו וויסן, פונוואנען האבן זיי זיך פארקליבן אהער, ווער זיינען זיי? זיי האבן מיר דערציילט אז זיי זיינען פארטיזאנער און האבן א באפעל – פאר יעדן פרייז אריינצוכאפן זיך אין ווילנע און פארבינדן זיך מיט דער אונטערערדישער ארגאניזאציע. איינער פון זיי, אויפן נאמען חילטשיק, געפינט זיך היינט אין ישראל; ערשט נאכדעם האב איך געוווסט זיין נאמען. אויף מיין פראגע, צי האבן זיי מיט זיך עפעס אומלעגאל, האבן זיי מיר דערקלערט אז זיי טראגן צוויי פיסטאלעטן און האבן מורא אריין מיטן געווער אין ווילנע, צוליב דער ליטווישער פאליציי ביים ארייגאנגס־טויער, וועלכע היט אפ און קאנטראלירט באזונדיק יעדן. כ׳האב עס גענומען פון זיי, אויסבאהאלטן און אריין מיט זיי נאכדעם אין געטא.

ביז היינט ווייס איך ניט ווי אזוי האט מען זיך גלייך דערוווסט וועגן אריינקומען פון "פרעמדע" לייט און מען האט גלייך גענומען זיי זוכן

אין געטא. די יידישע געטא־פאליציי האט זיי אינטענסיוו געזוכט און ניט געפונען, ווייל איך האב געוווסט ווו און ווי אזוי זיי אויסצובאהאלטן. א צוויי טעג נאכדעם – א באפעל: אלע יידן וואס ארבעטן אויסערן שטאט ווערן אויפגעפאדערט צו בלייבן אין ווילנע און ניט גיין מער אויף זייערע ארבעטס־פלעצער. זיי וועלן ארבעטן בלויז אין ווילנע!. אזוי האב איך שוין ניט געקענט און ניט געטארט ארויספארן אין נײַ־חילייקע, כדי צו פארענדיקן און דערליידיקן עטלעכע זאכן. איינמאל האבן זיך ארגאניזירט א 15 יונגע לייט מיט מיר צוזאמען וואס עס טוט זיך ארום און ארום... דאך האב איך געוואלט ארויס אין ניי־ווילייקע, כדי צו פארענדיקן און דערליידיקן עטלעכע זאכן. איינמאל האבן זיך ארגאניזירט א 15 יונגע לייט מיט מיר צוזאמען ארויסגיין פון ווילנע אין ניי־ווילייקע – באהויפטנדיק אז מיר גייען ארבעטן אויף א איינהייט אין שטאט. מיר זיינען אוועק מיט דער באן־ליניע קיין ניי־ווילייקע צופוס. מיר האבן געווײלט אין פארלויף פונ׳ם טאג, דערליידיקט אלץ וואס מיר האבן געדארפט און פארנאכט צוריקגעקערט. כ׳ווייס ניט ווי אזוי האט מען אין געטא שוין געוווסט אז מיר זיינען אין ניי־ווילייקע. קומענדיק אין געטא זיינען מיר פארהאלטן געווארן דורך די יידישער געטא־פאליציי ביז 12 אזייגער. מען האט אונדז אייגעשפארט אין פאליציי־אמט פונ׳ם געטא. די לאגע איז געווען גאר ערנסט.

א יידישע פרוי – אן אויפראמערקע ביים פארזיצנדן פון "יודנראט" גענס – האט אונדז געהאלפן; זי האט זיך גוט אריענטירט אין די געטא־פארהעלטענישן, געקענט אלע דייטשן וועלכע פלעגן קומען צו גענסן און מער אדער ווייניקער געוווסט וואס עס טוט זיך און ווי אזוי איז די לאגע. אזוי ארום האט זי געראטעוועט א סך מענטשן פארכאפטע צום שיסן. איך האב אנגעשריבן א צעטעלע און ארויסגעווארפן דורכן פענצטער פון פאליציי־אמט מיט דער אויפשריפט, אז ווער עס וועט געפינען דאס צעטל זאל עס איבערגעבן דער און דער פרוי אינ׳ם געטא. אזוי איז עס טאקע געווען; א ייד וואס האט געפונען דעם צעטל איז אוועק און איבערגעגעבן לויטן אדרעס מיין שוועסטער וועגן מיין ארעסט און זי זאל זיך פאראינטערעסירן ביי דער אויפראמערקע פון גענסן וועגן דעם און קומען צו וויסן געבן וואס זיינען די רעזולטאטן פון אירע באמיונגען. נאך א קורצער צייט איז מיין שוועסטער געקומען און מיר אנגעזאגט, אז איך דארף מיך ניט שרעקן; מען וועט אונדז באפרייען נאכן אויספארשן. איך מעג זיין רואיק און ניט זארגן. די

יידישע געטא־פאליציאנטן האבן אנגעהויבן נעמען אונדז איינציקווייז אויסצופארשן, צו וואס מיר זיינען געגאנגען אין ניי=ווילייקע? וואס האבן מיר דארט געטאן? צו מיר איז מען שוין ניט דערגאנגען. 2 א זייגער נאך האלבער נאכט האט מען אונדז באפרייט.

ארויס אין פארטיזאנער־רייען

די לאגע און פארהעלטענישן אין ווילנער געטא האבן אנגעהויבן ווערן וואס מערער ערנסט, קאמפליצירט און געפערלעך פון טאג צו טאג. עס האבן זיך ווידער אנגעהויבן שיקאנעס, ארויסשיקונגען און ארויספירן קיין פאנאר. די אונטערערדישע ווידערשטאנד ארגאניזאציע – "פ.פ.א. פאראייניקטע פארטיזאנער ארגאניזאציע" – איז שוין גוט טעטיק געווען אין געטא.

איך האב שוין פון לאנג, נאך פון מיינע ערשטע "שבתים" ביי דער שוועסטער אין ווילנע, אנגעשלאסן פארבינדונגען מיט די לייטער פון "פ.פ.א." און אויך אריין אין די רייען פון די טעטיקע חברים. איך בין נאמינירט געווארן אלס א גרופן־פירער און יעדן אוונט געלערנט מיינע גרופע־מיטגלידער, ווי אויך אנדערע גרופעס ווי אזוי זיך צו באגיין מיט געווער. אזוי בין איך אויך געווען אין ענגן קאנטאקט מיטן "פ.פ.א."־קאמאנדיר איציק וויטנבערג ווי אויך מיט שיינבוימען און זיין פרוי. צו יענער צייט איז שוין אונדזער ארגאניזאציע געשטאנען גרייט און קאמפס־פעאיק. די לייטער האבן שוין גענומען ארגאניזירן קלענערע גרופעס וואס זאלן גרייט זיין ארויס פונ׳ם געטא אין די וועלדער.

די צייט איז דערווייל ווידער געלאפן; אנגעקומען זיינען די זומער־מאנאטן 1943. אלס געוועזענער מיליטערמאן אין דער פוילישער ארמיי און אויסעשולטער אין באגיין זיך מיט געווער און אמוניציע, האב איך פארגעזעצט מיין אינסטרוקטארישע טעטיקייט, ביים אויסשולן די ווידערשטאנד־גרופן – גייענדיק אוונט ביי אוונט אויף געהיימע ערטער. די ארגאניזאציע האט אויסגעשפרייט איר טעטיקייט; אויף יעדן ארבעטס־פלאץ האבן מיר געהאט אונדזערע חברים, אין אלע געטא־פאליציי אפטיילונגען האבן מיר געהאט ארייגעזעצט אין געהיים אונדזערע מענטשן. אזוי האבן מיר געקענט וויסן געגוי וואס עס טוט זיך; אויף ווען גרייטן די רוצחים אן "אקציע" אדער דעפארטירונגען אין ארבעטס־לאגערן און אזוי ווייטער. די דייטשן פלעגן דאך שטענדיק

אויספירן זייערע פלענער פלוצלונג און אומגעריכט. בלויז אין דעם "יודנראט" און פאליציי האט מען געוווסט. מענטשן פלעגן ארויס אויף זייער ארבעט אין די פארשיידענע איינהייטן אויף ארבעטס־פלעצער און ניט צוריקקומען. מען האט זיי געכאפט און אוועקגעשיקט אין ארבעטס־לאגערן. אונדזערע פ.פ.א.־חברים פלעגן שוין וויסן און צו וויסן געבן אונדזערע ארגאניזירטע ניט צו קומען צו דער ארבעט. אזוי האט מען שטענדיק אויסגעמיטן די "אקציעס" און אנדערע צרות און גזרות. בלוטיקע אקציעס זיינען שוין טאקי געווען צוויי צי דריי. די באפעלקערונג אין געטא איז אלץ קלענער געווארן. גאנצע פאמיליעס זיינען געפירט געווארן אין פאנאר צום טויט. די פ.פ.א. פירערשאפט האט ענדלעך באשלאסן ארויסצושיקן ווידערשטאנד־גרופן פונ׳ם געטא אין די וועלדער – נאראטשער און רודניצקער פושטשעס.

ענדלעך איז אויך מיין ריי אנגעקומען; כ׳ווייס ניט גענוי און געדענק ניט ווען איך בין ארויס – צי איז עס געווען ענדע יוני צי מיטן יולי 1943. איך בין ארויס מיט נאך 16 מאן אין דער ריכטונג פון נאראטשער פושטשע – לויט דער אויפפאדערונג פון דער אנפירערשאפט און אפילו מיט דער הסכמה פון גענסן. ס׳איז שוין צו יענער צייט געווען א ניט אפיציעלער קאנטאקט און וועלכע ניט איז קענגזייטיקע פארבינדונגען מיט אים; דאס איז דאך שוין געווען כמעט "נאך אלעמען" – נאך דער לעצטער "אקציע" און פאר דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פונ׳ם ווילנער געטא. צוגעשריבן בין איך כלומרשט געווען אלס דער מאן פון מיין שוועסטער. זי האט געוואלט פארזיכערן אלץ לעגאל, איז זי געלאפן צו גענסן און מיר זיינען ארויס מיט זיין הסכמה. ארויסגייענדיק פון געטא האט אונדז שוין אפגעווארט אונדזער וועגווייזער – א פארטיזאן פון די נאראטשער וועלדער, א געניטער אין אלע וועגן, אומוועגן און שטעגלעך אהין – משה שויטאן אויפן נאמען; היינט לעבט ער אין ישראל. אונדזער גרופע האט געציילט 10 מענער און 6 פרויען; געגאנגען זיינען מיט מיר: מיין איצטיקע פרוי מיט איר מאן – ער איז געווען פריער א פליער אין דער ארמיי און איז אין וואלד אומגעקומען – בעת א קאמפס אויפגאבע. געווען איז אויך מיט אונדז שורקע קאצענעלבויגן – א בארימטער קונסט־מאלער ווי אויך סוועגציאנער און ווילנער. אלע צוזאמען, ווי שוין אויבנדערמאנט 16 פערזאן.

אזוי זיינען מיר שוין אדורך אנ׳ערך 60 קילאמעטער – פון ווילנע ביזן אנפאנג פון די נאראטשער געדיכטע וועלדער, וועלכע ציען זיך

ווייט און לאנג, ווו ס'איז שוין געווען די פּאַרטיזאַנער־זאָנע. באַלד זיינער מיר שוין געווען גאַנץ פרי אין נאַראָטש (אויף דער אָזיערע), אינ'ם שטאַב פון מאַרקאָוו'ס בריגאַדע. גלייך האָט מען אונדז אַנגענומען און צוקאָאָפּטירקט אין אַן "אָטריאַד" אויפן נאָמען "מעסט'" (נקמה). אַ ביסל שפּעטער איז דער גאַנצער "אָטריאַד" געווען אַ יידישער. נאָך שפּעטער איז אונדזער "אָטריאַד" אַנגערופן געוואָרן "קאָמסאָמאָלסקי אָטריאַד אויפן נאָמען פון וואָראָשילאָוו" און ווידער – אַ געמישטער – יידן מיט קריסטן. מיר זיינען געבליבן קעמפן אין זיינע רייען ביז דער באַפרייאונג און אויפלייזונג פון די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין די נאַראָטשער וועלדער.

דאָרט האָבן מיר אויך געטראָפן אַבאַ קאָוונער – קאָמענדאַנט פון פ.פ.א. נאָך וויטנבערגס פרייוויליקן אַוועקגיין אין קלעם פון געסטאַפּאָ – און נאָכדעם קאָמאַנדיר פון אַן איינהייט אין וואַלד. אָבער קאָוונער מיט זיין איינהייט זיינען ניט געווען מיט אונדז; זיי זיינען אַריבער בשעת דער בלאָקאַדע אין דער רודניצקער פּושטשע, בלויז יוסף גלאַזמאַן איז געבליבן פון דער ווילנער גרופּע ביי אונדז, עס איז אויך געווען דער יידישער קאָמאַנדיר בוסיעניס, אַ ליטווישער ייד פון קאָוונע, נאָמינירט שפּעטער אַלס אָנפירער פון ליטווישע "אָטריאַדן". אין איינעם פון די צוזאַמענשטויסן מיט דייטשן, אין דער צייט פון זייער בלאָקאַדע און אַבלאַוועס אויף אונדז, איז געפאַלן דער שטאַבס־קאָמאַנדיר גלאַזמאַן; איך בין דאַן געווען קאָמאַנדיר פון אַ איינהייט (אַ וזוואָד) וואָס האָט געהאַט אין זיינע רייען אַ 35 פּאַרטיזאַנער – יידן און קריסטן געמישט. מיר האָבן געהערט צו דער מאַרקאָוו־בריגאַדע. קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע איז געווען מאַרקאָוו און קאָמאַנדיר פון "אָטריאַד" – וואָלאָדיאַ שאַוולעוויטש – מיט שטאַרקע אַנטיסעמיטישע נייגונגען, כוונות און מעשים.

די גרופּע מיט וועלכער איך בין אַוועק איז אַריבער דעם טייך ווילייע און באַוויזן צו שאַפן אַ קלענערן טייל פון דער געפּאַדערטער פערד־צושטעלונג. גראַד האָבן דייטשן געמאַכט אַ שאַרפע בלאָקאַדע אויף פּאַרטיזאַנער אין די נאַראָטשער וועלדער. אַלס רעזולטאַט פון דער געשאַפענער סיטואַציע האָבן מיר געמוזט צוטיילן די גרופּע: איין טייל מיט מיר האָט געדאַרפט צוריקקערן אויף דער באַזע מיט די פערד; די אַנדערע זיינען נאָך געבליבן פאַר ווייטערער וואַרבירונג פון פערד. קומענדיק נאָענטער צו דער באַזע, האָב איך שוין פון פויערן דערוווּסט זיך אַז אונדזער באַזע האָט זיך אַוועקגערוקט און די דייטשע בלאָקאַדע

ווערט וואס מערער שטארקער און פארביסענער. ניט קוקנדיק אויף דעם און ניט מאכנדיק קיינע חשבונות – בין איך מיטן גאנצן טראנספארט און מיינע מענטשן איילנדיק געלאפן צו דער באזע אפשר וועל איך נאך עמיצן געפינען. איך האב שוין אבער אויף דער באזע קיינעם ניט געפונען; פארטיזאנער האבן אפגעצויגן. געבליבן זיינען בלויז איינצעלנע ניט ארגאניזירטע יידן, ניט געהערנדע און ניט אנגעשלאסענע אין די "אטריאדן". זיי האבן ארומגעבלאנדזשעט אין וואלד – נאקעטע ניט האבנדיק וואס צו עסן און ניט וויסנדיק וואס צו טאן. איך האב מיך געזען און געפילט מחוייב זיי צו העלפן, ווייל דער שטאב פון דער בריגאדע מיט מארקאוון האבן זיי אויך פון צייט צו צייט עטוואס הילף געגעבן.

ענדלעך האב איך פעסטגעשטעלט, שטיצנדיק זיך אויף א געכאפטער ידיעה, אז אונדזער "אטריאד" געפינט זיך נאך אויף א ווייטער באזע אין וואלד, חאטש אלע בריגאדע־אטריאדן זיינען שוין אוועק. דער קאמאנדיר וואלאדיא שאוולעוויטש האט אפגעהאלטן דעם "אטריאד" ווייל זיין פרוי האט יענע נאכט געבוירן א קינד אין וואלד. מיר זיינען אנגעקומען פונקט ווען זיי זיינען שוין גרייט געווען צו פארלאזן. איך מיט דער גרופע מיינער האבן זיך צוגעשטעלט צום "אטריאד", כדי אריבערצוגיין אויף א מער זיכערן און פאסנדן ארט צו קעמפן מיטן שונא. וואלאדיא האט אבער געפלאנעוועט עפעס אנדערש: געוואלט האט ער בלייבן "טרוקן" – אויסמיידן יעדן צואמענשטויס מיטן שונא און אין ערגסטן פאל ווען דאס איז אוממעגלעך – זיך זיכערן זיך צו באשיצן אויפן מאקסימאלסטן אופן. ער האט באשלאסן אפצוקלייבן א גאנצן "ווזוואד" פון בלויז קריסטן, צונעמען פאר זיי די בעסערע געווער, איבערלאזנדיק די יידן אויפן פלאץ אין וואלד.

שטייענדיק אין די רייען מיטן גאנצן "אטריאד" האט ער דערציילט א מעשה, וואס איז פאר מיר און מיינע גרופע־חברים געווען גאר א נייעס (מיר אלע האבן דאך שוין געוווסט, אז די גאנצע בריגאדע האט אפגעטראטן און איז אוועק): עס איז דא כלומרשט א באפעל פון מאסקווע – "ניט שטעלן קיין ווידערשטאנד קעגן שונא; ס׳גייט גאר א גרויסער מעכטיקער כוח... מען דארף אוועק אין קלענערע גרופן", שפעטער וועט דער "אטריאד" זיך צוריק ווידער פאראייניקן. דערביי האט ער אנגעוויזן אויפן זיין אפגעקליבענעם "ווזוואד", פאדערנדיק ביי די אנדערע אפצוגעבן די בעסערע געווער פאר זיינע מענטשן. ער האט געהייסן איינעם פון זיי צוגיין צו מיר און נעמען מיין געווער. דער

פארטיזאן איז צו מיר צוגעקומען. איך אבער האב מיין זייער גוט געווער, דעם האלבן אויטאמאט, ניט געגעבן...

עס איז פארגעקומען א שארפער ווערטער אויסטויש צווישן מיר און **דעם קאמאנדיר און מיין געווער איז געבליבן ביי מיר; ער האט געזען אז** ער וועט ביי מיר ניט פועלן... די צייט איז אנגעשטרענגט און וויסנדיק מיינע באציונגען מיטן שטאב־קאמאנדיר איז ער ניט זיכער געווען, צי ער וועט קענען אפקומען בלויז מיטן צונעמען מיין געווער... ער האט מורא געהאט פאר אנדערע קאנסעקווענצן... ביי די וועלכע האבן קיין ווידערשטאנד ניט ארויסגעוויזן, האט ער די געווער צוגענומען. ער איז אוועק מיטן "ווזוואד", באפעלנדיק אלע געבליבענע (בלויז יידן!) פארלאזן דעם וואלד און גיין אין קליינע גרופן אויף מזרח. מיר זיינען גלייך נאכדעם אויך אוועק; בלויז יידן־פארטיזאנער זיינען מיר געווען. מיר האבן אבער מיטגענומען מיט אונדז אלע יידן וואס זיינען געווען ארום אונדז אין וואלד און ניט אנגעשלאסן אין א וועלכער עס איז פארטיזאנער־איינהייט. מיר האבן דאך ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם זיי זאלן אליין זיין אין וואלד אדער אפטרייבן זיי פון אונדז...

עס זיינען נאך פארגעקומען פארטיזאנער־קאמפן און צוזאמענשטויסן מיט דייטשן און זייערע סאָטעליטן אין פארלויף פון די הערבסט און ווינטער־מאנאטן פון 1943 ווי אויך אין משך פונ׳ם ווינטער און פרילינג 1944. מיר האבן געמוזט אויסשטיין פארביטערטע קאמפן אין דער צייט פון די דייטשע בלאקאדעס און אבלאוועס אין א צושטאנד פון פולשטענדיקן הונגער – ניט קענענדיק צוקומען אין א דארף – אויף א "ווירטשאפטלעכער אויפגאבע", דאס הייסט צו באקומען עפעס באשפייזונג. אמשווערסטן איז געווען די לעצטע בלאקאדע אין מאי 1944. אומעטום, איבער אלע פראנט־ליניעס, האבן אלע פארטיזאנער בריגאדעס געליטן. קרבנות האבן ניט געפעלט. דאך האבן מיר אויך די לעצטע שוועריקייטן איבערגעקומען און באזיגט. ארום מיטן יולי 1944 איז געקומען די באפרייאונג, מיר האבן פריי אפגעאטעמט. נאך לאנגע וואכן פון הונגער געגעסן צו דער זאט.

נאך דער באפרייאונג

צוריק אין דאלהינאוו

גלייך נאך דער באפרייאונג בין איך געשיקט געווארן דורכן

בריגאדע־שטאב צו דער ארבעט אין שטעטל מיאדל – ארגאניזירן און אנפירן מיט דער פייערלעשער־קאמאנדע און פארבלייבן דארט. דאס איז מיר ניט געווען צום הארצן, ווייל אפילו קיין איינציקן יידן האב איך ניט געפונען. ס׳האט מיך געצויגן אין דאלהינאוו, אין מיין היימשטעטל. געחלומט האב איך, אפשר וועל איך נאך עמיצן טרעפן פון מיין פאמיליע. חוץ דעם האט אין מיר געברענט א פייער און געמאנט א נקמה! אפרעכענען זיך מיט אלע פויערן אין שטעטל וואס האבן אנטייל גענומען אין די "אקציעס" און מיטגעהאלפן די שונאים אויסראטן יידן ווי אויך אליין געקוילעט שוצלאזע פרויען און קינדער און גענאסן פון יידיש האב און גוטס.

האב איך טאקי פארלאזן דאס שטעטל און אוועק אין דער ריכטונג פון מיין היימשטעטל. אנקומענדיק נאענטער א ביסל קיין דאלהינאוו האב איך שוין געהערט אז אלע יידישע פארטיזאנער וואס האבן זיך צוריקגעקערט אין דער אומגעגנט, זיינען מאביליזירט געווארן אין דער רויטער ארמיי צום ווייטערן קאמף מיטן דייטשן פיינט. איך האב אבער באשלאסן פירן מיין קאמף אין היימשטעטל און זיך נוקם זיין אין אונדזערע ארטיקע שונאים אויף וויפיל עס וועט זיך לאזן. איך האב באשלאסן דעריבער אנגעבן זיך אין דינסט פון נ.ק.וו.ד. כדי צו פארהאלטן, ארעסטירן און מִשפטן אלע אנטיילנעמער און העלפער פונ׳ם דייטש. דער נאטשאלניק פון נ.ק.וו.ד. פונ׳ם רעיאן איז שוין דאן געזעסן אין קריוויטש; איך בין אריין דארט און דערציילט מיין אויטאביאגראפיע אין אלע פרטים. דער פאקט אז איך בין א בירגער א היגער איז זיי גוט צונוץ געקומען, האט מען מיך ווערבירט צו דער ארבעט און אריינגעשיקט אין דאלהינאוו.

אריינקומענדיק אין היימשטעטל איז צו מיר צוגעלאפן א פויער און ממש געכאפט זיך קושן מיט מיר – פון גרויס פרייד אז ענדלעך בין איך געבליבן לעבן... איך האב אים אפגעהאלטן פון דעם. איך האב שוין געוווסט זיינע "אויפטוען" פריער – ווי ער איז זיך באגאנגען אין דער צייט פון דייטש... איצט איז ער שוין גוט געווארן... פון אים האב איך געהערט אז יעקב סעגאלטשיק איז אין שטעטל. גלייך בין איך אוועק צו אים און זיך צוזאמענגערעדט וועגן דער קעגנווארטיקער ארבעט. ער האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אז מען מוז זיין פארזיכטיק; ניט האנדלען אויף אייגענער האנט! ניט שיסן! קריסטלעכע געוועזענע פארטיזאנער דרייען זיך ארום – אויסשפירן וואס טוען יידן און טראגן עס צו צו דער מאכט... איך האב אבער זיך געגעבן אן עצה. איך האב די

אלע עלעמענטן אויפגענומען אויף א ספעציעלע ליסטע, פארבונדן זיך מיטן "וואיענקאמאט" (וואיעננע קאמיסאריאט). גראד איז דארט געווען א יידישער מאיאר, א רויטארמייעץ וואס האט זיך מיר צוגעהערט; איך האב אים געמאלדן אז איך דין אין דער נ.ק.וו.ד. און ווער געשטערט אלס ייד אין מיין ארבעט פון קריסטן געוועזענע פארטיזאנער... ער האט באפוילן טאקי זיי צו מאביליזירן אלע אין דינסט פון דער ארמיי. אזוי איז מיר שוין דערמעגלעכט געווארן צו ארבעטן פריי אן שטערונגען.

איך בין גלייך אוועק צום קאטוילישן גלח, א פאליאק; ער איז געווען דער איינציקער קריסט אין שטעטל וועמען איך האב זייער געגלויבט און געקענט זיך פארטרויען אים. ער האט זיך באמת געפרייט דערזעענדיק מיך א לעבנדיקן, ווייל מיר זיינען נאך פאר דער מלחמה געווען גוט באפריינדעט. כ'האב אים אלץ דערציילט און געפרעגט ווער פון שטעטלשע קריסטן איז ניט שולדיק אינ'ם אנטייל נעמען אין די "אקציעס"?

"קוק, לייבע פאלאנט", האט ער צו מיר געזאגט, "אלע זיינען שולדיק! ווארפסטו א שטיין פון איין עק ביז צום אנדערן, זיינען שולדיק אלע – אויסער צוויי פאליאקן וועמעס נעמען איך וועל דיר זאגן". ער האט מיר געזאגט זיערע נעמען. אזוי וויסנדיק ווער, וואס און ווי אזוי, זייענדיק זיכער אן קיין שום צווייפל אז מען רירט ניט קיין אומשולדיקע, האבן מיר, יעקב סעגאלטשיק און איך, "דערליידיקט" היבשע צענדיליקער בלוטיקע פארברעכער און זיי גורם געווען לאנג־יאריקע טורמעס און פארשיקונגען.

מיין "פארברעכן" און שטראף

אויב מיין זכרון איז זיך ניט טועה, איז עס געווען שוין צו ענדע פון 1944. איך האב געהאט א קאנטראל־אקציע דורכצופירן אין א געוויסן דארף, ווו ס'איז אויך געווען א חשד אז אין נאענטן וואלד איז טעטיק א באנדע, וואס פארנעמט זיך מיט קאנטר־אקציעס און העצערישע אגיטאציע קעגן דער מאכט. אנקומענדיק אין דארף האב איך מיך אנגעשטויסן אויפן פארדאכטיקטן פונקט; א פויער האט מיר געשטעלט א העפטיקן ווידערשטאנד און ס'איז דערגאנגען צו א געשלעג און א ווארנונג פון מיין זייט, אז אויב ער וועט ניט אויפהערן, נעם איך אן די שארפסטע מיטלען. ער האט ניט אויפגעהערט און געשאסן. ס'איז שוין

ניט געווען קיין ברירה: איך האב געמוזט שיסן צוליב זעלבסט־פארטיידיקונג. איך האב געשאסן און גוט געטראפן: ער איז געפאלן טויט.

אין תוך גענומען איז דאס שיסן אים ניט גערעכנט געווען אלס א גרויס פארברעכן; דער פויער איז שוין פון א לענגערער צייט אנגעמערקט געווען יעדן טאג ארעסטירט צו ווערן צוליב זיין האנדלען און אויפפירונג בעת דער היטלעריסטישער אקופאציע. עס וואלט אפשר אדורך אן קיין שום ווייטערס... ווען כ'וואלט ניט אריינגעפאלן צו מיין שלעכטן מזל. דער פאל מיינער איז ניט געווען קיין איין־איינציקער. ס'זיינען שוין געווען א סך פאלן ווען נ.ק.וו.ד. מיליציאנערן – געוועזענע פארטיזאנער – האבן אויף אייגענער האנט געשאסן. די מאכט־אינסטאנצן האבן באשלאסן אפצושטעלן און ליקווידירן די "פארטיזאנישע" טאטן און האנדלונגען, איינשטעלן ענדלעך א געזעץ־מעסיקע ארדענונג – ווי עס פאסט פאר א רעגלמעסיקע מאכט. מען האט שוין געבראכט א פראקוראר אויפן גאנץ געביט און מען האט שוין געפירט עפנטלעכע געריכטס־פארהאנדלונגען מיט שטרענג באשטראפן אזוינע שיסער אויף אייגענער האנט. אזוי איז געשען מיין פאל צו מיין שלעכטן מזל, בעת דעם "נייעם קורס" פון דער מאכט.

מען האט מיך ארעסטירט און געשטעלט פארן געריכט אונטערן גאר שווערן פאראגראף: אויספירן א מארד־טאט אויס נקמה וואס האט געדראט מיט דער העכסטער שטראף – פון 8 יאר תפיסה ביז טויט־שטראף דורך שיסן. שטייענדיק פארן געריכט בין איך ניט מסכים געווען צום געגעבענעם פאראגראף, איך האב געטענהעט אז איך בין געצווונגען געווען צו שיסן כדי זיך פארטיידיקן און ס'איז בשום אופן ניט געווען קיין נקמה־אקט חאטש דער פויער וואלט עס כשר פארדינט... ער איז דאך געווען א מערדער איבער פיל אומשולדיקע! ער האט דאך פריער צו מיר געשאסן און ניט געטראפן!. דאן האט מען געביטן דעם פאראגראף פון 3 ביז 8 יאר. מען האט מיך פאראורטיילט אויף דריי יאר תפיסה, פאקטיש אבער בין איך די דריי יאר ניט געזעסן; מיין שטראף איז אויסגעטוישט געווארן פון תפיסה צו דינען איין חודש אין שטראף־באטאליאן, ווו כ'האב געדארפט אויסקויפן מיין פארברעכן און שולד מיט בלוט – דאס הייסט פאלן אין קאמף אדער ברענגען א דייטשן־קאפ אלס אויסקויף פון מיין זינד.

גלייך נאכן פראצעס האט מען מיך גענומען קיין באברויסק, ווו

ס׳איז געווען דער שטראף־באַטאליאָן, צום אויסשולן און צוגרייטן כדי געשיקט צו ווערן אויפן פראנט. מיט מיר זיינען געווען נאך אזוינע ״פארזינדיקטע״ און מען האט אונדז אפילו ניט אנגעטרויט קיין געווער. מען האט אונדז נאר אויסגעשולט מיט צוזאג צו באקומען געווער בלויז קומענדיק צום פראנט. נאך א קורצער אויסשולונג האט מען אונדז געשיקט צום פראנט; דאס איז שוין געווען אנהויב מאי 1945. מיר זיינען געפארן 2 טעג און ניט דערפארן... מיר האבן גארניט געוווסט, ניט געהאט קיין שום באגריף וואס ס׳טוט זיך אויף אלע פראנטן; מיר זיינען געווען ״פארברעכער״. אלס אזעלכע האט מען אונדז גארניט דערציילט, אפילו ניט קיין נייעס. קיינער האט זיך ניט פאראינטערעסירט מיט אונדז. ווען אונדזער טראנספארט איז פארהאלטן געווארן, האבן מיר ניט געהאט אפילו ביי וועמען צו פרעגן: פארוואס, צוליב וואס און וואס ווייטער? א טאג צייט האבן מיר ניט געוווסט; מיר זיינען געשיקט געווארן אויף צוריק. נאך צוויי טעג פארן צוריק אין באברויסק און אנקומענדיק אהין, האט מען אונדז שוין צוגעזאגט אז די מלחמה איז צו ענדע מיט אונדזערע גרויסע נצחונות, היטלער־דייטשלאנד האט קאפיטולירט.

ענטווארצלונג און איבערפלאנצונג

אדורך צוויי־דריי וואכן – איז געקומען א באפעל צו דעמאביליזירן אלע וואס געהערן צום דעמאביליזירונג־יאר; איך האב נאך געדארפט ווארטן ביזן אנקומען פון מיין יאר־סכעמע. ענדלעך איז אויך מיין טערמין געקומען און איך בין באפרייט געווארן פון דער ארמיי.

קיין גרויסן חשק אומצוקערן זיך אין היימשטעטל האב איך שוין ניט געהאט נאך דער באפרייאונג. פון מיינע האב איך שוין ניט געהאט קיינעם, בלויז א געוויסן פארמעגן וועלכן כ׳האב געוואלט פארקויפן. איך בין געקומען אין דאלהינאוו און געמאלדן זיך אין דער פאליציי. מען האט מיך אפילו געוואלט צוריקשטעלן אויף מיין ארבעט אין נ.ק.וו.ד. מיט אלע רעכט. איך בין אבער שוין ניט געווען פאראינטערעסירט. אנדערע שטרעמונגען, אנדערע פלענער האבן מיך שוין געצויגן. עס איז קלאר געווארן פאר מיר די נויטווענדיקייט פון א נייעם לעבנס־פראצעס – אנטווארצלען און איבערפלאנצן זיך אויף א נייעם באדן, אויף א נייער ערד. עס איז ניט מער צו מאכן א לעבן אויף

קברים. לעבנס־רואינען און פולשטענדיקן חורבן. פונדאנען מוז מען אוועק!

כ׳בין ארויסגעפארן קיין סוועגציאן, ווו ס׳איז געווען מיין איצטיקע פרוי. איר מאן, ווי אויבנדערמאנט, א פליער און פארטיזאן, איז שוין ניט געווען. ער איז אומגעקומען אין וואלד. געבליבן איז בלויז ביי פויערן זייער קינד, וואס מיר האבן גלייך נאך מיין באפרייאונג אפגענומען. מיר האבן אויך קורץ נאכדעם געהייראט און נאך דער חתונה האב איך אדאפטירט דאס קינד.

1946 זיינען מיר ארויסגעפארן קיין פוילן בזכות פון דעם רעפאטריאציע־אפמאך אלס פוילישער בירגער. א צוויי־דריי מאנאט זיינען מיר געווען אין לאדזש און פון דארט אריבער אין שטשעטשין. דארט זיינען מיר אומלעגאל אריבער די גרענעץ און אנגעקומען אין שלאכטנזעע אין בערלין. ווידער זיינען מיר דארט געבליבן עטלעכע חדשים און מען האט אונדז איבערגעפירט פון שלאכטנזעע אין א לאגער פאר יידישע די.פּי. (דיספּלייסד פּערסאנס) אין א שטעטעלע פון שטוטגארטער געגנט. נאך א קורצער צייט האב איך שוין באקומען א סערטיפיקאט און מיר זיינען אוועקגעפארן אין ארץ־ישראל. איך האב דאך נאך געהאט מיין פאמיליע – עלטערן, ברידער און שוועסטער אין תל־אביב.

ענדע 1947 בין איך שוין מיט מיין נייער פאמיליע – מיט דער צווייטער פרוי און קינד – געווען אין תל־אביב מיט מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. באלד אין א קורצער צייט האט מיין פרוי מיר געבוירן א זונעלע: פארשטענדלעך, אז איך האב מיך גענומען צו דער ארבעט און רעקאנסטרואירונג פון אונדזער נייעם איבערגעפלאנצטן לעבן. איך האב אנגעפאנגען צו ארבעטן אלס בוי־ארבעטער; שפּעטער געווארן א בוי־אונטערנעמער, א קבלן. איך בין געווארן א בויער פון א ניי־לאנד, פון נייע לעבנס. מיטגעהאלפן צום איבערפלאנצן פון א סאך אנטווארצלטע ווי איך.

היינט, ביים דערציילן די בלעטער פון מיין לעבן, בין איך גליקלעך און צעפרידן ביז גאר. ווייל ווייסן ווייס איך און בין איבערצייגט – אז פונדאנען גייט מען שוין ניט אין ערגעץ. מיר האבן שוין א ניי היימלאנד!... אונזער אלט־נייע מדינת ישראל!

שלמה שמגר־סמורגונסקי (רמת־גן)

קינה לדולהינוב

על דולהינוב שהיתה אשא קינה ולא אדע במה אפתח; כיצד ואיך אתנה שיברה ואסונה? הן כל אבן מקיר לי תזעק. כל חלוק־אבן במרצפת־רחוב... דולהינוב עיירתי! רטט עובר בגופי עת אחזה אותך עתה בעיני־רוחי – חרבה ומנוצחת ואזכרה: מקום נורא וקדוש, מקום קברים – קברי יקרים ותמימים. מקום הרס וחידלון – עבר אשר נרקם וניטווה בעמל־דורות, משך מאות בשנים והנה הוא גיא־הריגה וקבר־אחים בודד ועריריי!

עימדי נא לצידי בת השיר! והעלי לי מאוב את דולהינוב של ערש־ילדותי הדלה, המתוקה – עד כלות כל הכוחות... סייעי נא בידי לגלות בין החורבות את הבית הקטן והרחוב הצר משחרות־ילדותי בעיירה, יהודים שנתעוררו לציונות, לוויכוחים ופעילויות ולמען תעמולת־בחירות לקונגרסים ציוניים. יאירו נא באורותיך ויעמדו לנגד עיני במלוא זיוום אולמות הקינים של תנועות־הנוער החלוציות שעמדו תמיד הכן לכל פעולת תרבות ולקראת כל מגבית.

העלי בת־שיר מהנשייה את בית־ספר "תרבות" בעיירתי; כולנו למדנו בו ורכשנו תרבות, אורח־חיים וידע בסיסי בעברית, חשבון, תנ"ך והיסטוריה ועוד. ואת המורים הזכורים לכולנו אשר שקדו עלינו ללמדנו: את ה"רבי" אידל דוקשיצקי ובאחלינסקי, את ז'אר ושפירא, וידאבסקי וארצברג; את צינצינאטוס, פאווה, חזן וחפץ, את ספיר ופרלין וזולר. את המורות האהובות והרחומות השופעות מסירות ללא גבול ל"ילדיהן"־תלמידיהן, את פייגין, עפרון ורינגו; גינזבורג ומייזל ורוזוב.

האם לא אוסיף ואספר על דולהינוב, שבתותיה ומועדיה ועל הימים הנוראים ובתי־הכנסת המלאים זקן וטף? האם לא אזכור ואזכיר תפילות ראש־השנה ויום־כיפור של סבי ר' שמריהו סמורגונסקי ז"ל והמקהלה בהדרכת אבי אברהם סמורגונסקי ו"משורריה" האחים רפסון והטנור הלירי של אפרים שפרירגן? הן פחד ורעדה אפפו את כל הקהל בהישמע

תפילת כל־נדרי, הנני העני ממעש ונתנה־תוקף. אייך, אייך דולהינוב של מנוחת שבת ומועד עם שווקייך הריקים מאדם וחנויותייך הסגורות על מנעול ובריח? איככה זה נדמו קולות המוני מטייליך ברחובות בשעות אחרי־הצהריים, משפחות משפחות המזמנות עצמן לביקורים ופגישות? עתה היית לשמה ושאייה... אין קול בך ואין שיר, עיר נכרית! כי מה טעם לחייך אם כל יהודייך בין המתים?! כה אזכור אותך עיירתי, עיירה של ימי קיץ וחופשות מלימודים, של אתרי־רחצה הומים ומקומות לאימוני־שחייה לצעירייך; אזכור את הנהר שלך "סרציסטה" על־יד האחו של ה"סלובודה" ועל־יד נדולסקי, אי יותר רחוק באגם מיקולינה. הכל שמור וקיים בזכרון: מקומות הנופש אצל האווטה וצורליך, יערות הסביבה, שדרות הליבנה בכביש לווילייקה, אותם ה"בוימאלער" אשר ניטעו עוד במאה התשע־עשרה ע"י הקיסרית יקטרינה.

האם אעמוד ואקמץ ולא אזכיר את ימי השוק השבועיים בעיירתנו, עת המוני "גויים" מכפרי הסביבה היו מתכנסים למכור ליהודים ולקנות מהם? עדיין מהדהדים באוזני דברי שיחם ושיגם ולהגם בחנויות היהודים, לשם קניית מרכולתם, ענף עיקרי בפרנסת יהודי העיירה. גם כיום עוד אשמע קול אופני עגלות ופרסות־סוסים על אבניה הסגלגלות של המרצפת, ברחובותיה הצרים של העיירה. כלום ניתן לשכוח את מקומות המיפגש באתרים ובקיוסקים של יוסף שיניוק, מאשקה מרגולין, שמעון קוזניץ ויואל? אצל זה האחרון היה תמיד עיתון חדש: היינט, מאמענט, ווילנער טאג, ראדיא, די צייט, אוונט־קוריער. וכך עוברים לנגד עיני גם בתי־המלון של שרייבמן, פיינזילבר וריער; המאפיות של מוש'ל וילנר, חנה אקמן וה"בייגאלעך" של רבקה מפינת רחוב בוריסוב–מוסטובה.

זו היתה דולהינוב של אתמול – מלפני השואה – אותה הרס הארכי־צורר הגדול שופך דם נקיים וטהורים. היא אינה קיימת עוד היום לאחר 40 שנה, לאחר שואה וחורבן, חיות עוד בה משום מה שתי משפחות יהודיות, בבחינת שומרי הגחלת. לא נשכח ולא נסלח! לא נשכיח את אשר עוללו הנאצים להורינו, אחינו ואחיותינו – רק בגלל היותם יהודים!

עד סוף כל הדורות תרבץ הקללה על הגרמנים מתכנני הפשע האיום נגד עמנו! קללת עולם תחול על המסייעים בידם; על שכנינו הפולנים הגרורים, האוקראינים, הליטאים! ארורות ידי שופכי דם אדם באדם! והאל במרומים ינקום!



קבוצת בית"רים



מפקדת בית"ר במרכז יצחק גרוזימנר ז"ל וגרשון אשכנזי

נתן ויצחק קוזיניץ (רמת גן)

ענותו של בית־אב בדולהינוב

להלן קורות בית־אב, אותו מתארים בניו, במרכז הסיפור – דמותו המיוחדת והנדירה של ר' אלימלך קוזיניץ ז"ל – איש עניו וצנוע, צדיק עם אלוקיו ובני־אדם. מידותיו התרומיות הקנו לו חיבה והערצה מצד כל משפחות העיירה, יהודים ונוצרים כאחד.

המערכת

פליטים לעת מלחמה העולם הראשונה

מספר הבן נתן: פליטים היינו בשנות המלחמה שהחלה ב־1914 – שנה לפני שראיתי אור־עולם בעיירה דולהינוב מחוז ווילייקה פלך מינסק באותם ימים. נולדתי, כאמור, ב־1915 לאבי אלימלך קוזיניץ, יליד 1888 בעיירה דוקשיץ באותו איזור ולאמי בריינה בת ישראל לייב הכהן ילידת 1888 גם היא, בדולהינוב. לרגל נישואיו בא אבי לעיירה בה נולדתי ושם החלו חייהם המשותפים. לפני נולד אחי הבכור ישראל־לייב הי"ד.

על השנים הראשונות בחיי משפחתנו לא ידוע לי הרבה; הרי מה שזכור לי גם הוא מסיפורים. ילד קטן הייתי וזוכר אני נסיעה ארוכה בלבד; הן בהתקרב חזית המלחמה לעיירתנו והגייסות משני הצדדים לוחמים זה בזה, עשו הורי כמעשי משפחות אחרות ועקרו ממקומם. לאחר הנסיעה הארוכה הגענו לעיירה סנובסק במחוז הומל בין ביאלורוסיה לבין אוקראינה בה השתקעה משפחתנו עד סיום מלחמת העולם הראשונה, כיוון שבימים ההם התגורר בה ר' ישראל מאיר מראדן המכונה ה"חפץ חיים" זצ"ל. גם עליה לא אדע לספר הרבה; מה שזכור לי בבהירות רבה עד היום, הריהי העובדה שגברים פחדו לצאת לרחובות. לפרנסת משפחתנו הגדולה והולכת טרחה ועמלה אמנו ע"ה. אבינו ז"ל ישב תמיד אצל ה"חפץ חיים" והמתיק זמנו בדברי תורה, תפילה ועול מצוות. ברור שתוך השנים ההן שמעתי סיפורים מופלאים לרוב על אותו צדיק ועולם חייו.

חיינו בנכר – עקורים מעיירת מגורינו – קשים היו מאוד; ב־1917 פרצו מהומות המהפכה הרוסית בשני שלביה: מהפכת פברואר 1917 ומהפכת אוקטובר הבולשביסטית וכל אשר בא בעקבותיה: מלחמת האזרחים הגדולה ושלטון הכנופיות. באותם ימים נערכו פרעות ביהודים בקנה־מידה רחב. כולם כילו זעמם ביהודים החלשים מחוסרי ההגנה; היו אנשי דניקין ואנשי פטלורה האוקראינים, הבולשביקים ואחרים – מי בשם הקומוניזם ומי בשם הלאומיות הצרופה והאנטי־קומוניזם – מי בשם הפאטריוטיזם הלוהט: "הכה ביהודים והצל את רוסיה!" ומי בשם "הכוכב האדום גואל האנושות". כולם רצחו ושדדו. אף משפחתנו נתנסתה לא פעם בביקורי הרוצחים והחמסנים. לאבינו לא היה עוד ספק בכך, שאם בחיים רצונו ובחיי משפחתו, שומה עליו לחמוק ולהימלט מהמקום.

קלחת המהפכה והמהפכות שכנגד הוסיפה לרתוח ולפעפע, אבל מלחמת העולם נסתיימה בינתיים וחלה ועידת השלום בוורסיי, אשר הביאה בכנפיה תמורות רבות והנחילה עצמאות ללאומים שונים במדינותיהם. כך קמה משיעבודה מדינת פולין והמדינות הבאלטיות: ליטא, לטביה ואסטוניה. בלב הורי גמל אז הרעיון לשוב אל עיירת מגורינו דולהינוב שהיתה כבר בשלטון פולין.

השיבה הביתה

דחיפה אחרונה לנטישת סנובסק ניתנה בעובדת שובו של ה"חפץ חיים" לישיבתו בראדן – בקירבת לידא בפולין. כך עזבה גם משפחתנו יום אחד את סנובסק לשוב לדולהינוב. היה זה בשנת 1920, בימי המלחמה בין פולין לברית־המועצות, בטרם השלום בריגא משנת 1921. חזרנו לעיירתנו בחוסר כול. ביתנו ורכושנו מלפני המלחמה נשדדו גם נהרסו ונשרפו. באין מוצא אחר שכר אבי בית קטון בקצה העיירה, אי־שם בקירבת בית־הקברות הקתולי ברח' יורזדובקה, בקירבתם של שכנים שלא אהדו יהודים. שוב פתחו ההורים את בית פרנסתם בעבר, חנות־מכולת בשוק. שלושה ילדים נשארנו בבית לבדנו, כיוון שהורינו פנו לפרנסת הבית. שנים אחדות לאחר מכן היינו כבר ארבעה ילדים. ב־1925 נוסף למשפחה אחי יצחק.

בינתיים התבסס המשטר הפולני באזורי הספר הצפון־מזרחיים החדשים של המדינה (בהם נכללו גם תחומי איזורה של עיירתנו) ושופרו תנאי המחיה בכלל וגם מצבה הכלכלי של משפחתנו. עתה שכר אבא

דירה גדולה יותר, והפעם, מִיהודי באותו רחוב ואין ספק כי הוטבה הרגשתנו ואף אנו הילדים גדלנו במקצת. לאחר שנים מספר הוטב המצב עוד יותר ואז קנו הורינו בית גדול יותר בשוק, בחלק ממנו נתמקמה החנות והורינו גיוונו את המצרכים והמוצרים הנמכרים. פרט לדברי מכולת ניתן היה להשיג בה צבעים שונים, אריגים וצבעים לאריגים, סידקית, נפט ושונות. הורינו עבדו קשה ובפרט אמנו "אשת חיל" ע"ה. גם עתה לא התנזר אבינו מדברים שבקדושה ושעות רבות מן היממה הקדיש בבית־הכנסת לתפילה ועיון בתורה במשנה ובגמרא. אמא עסקה גם בכלכלת הבית וסדריו; טיפלה בילדים וגם בפרה שגידלנו כדי שיהיו לנו חלב ומוצרי־חלב כשרים לצרכי הבית.

כך התפרסם גם בית־אבא כבית פתוח ל"כל דצריך", לנצרכים שונים שבאו ונזקקו לעזרה; מאז ומתמיד קיימו ההורים קופת־גמ"ח פרטית לזקוקים. בימי השוק השבועיים השכימו יהודים לא מעטים לביתנו, כדי ללוות סכום כסף למען יוכלו לקנות מהאיכרים מוצריהם ולמָכרם אחר כך לסוחרים. כך יכלו להרויח מחייתם. היה זה מראה בלתי־נשכח אותו אוסיף ואזכור, כיצד חזרו בו בערב אותם לווים והחזירו חובם בתודה – פרט למספר "חריגים" אשר אף הם באו ובקשתם – לדחות להם פרעון חובם. עניים ו"יורדים מנכסיהם", "צנועים" מבושה לפנות לעזרה, לא חסרו בעיירתנו ו"מתן בסתר" לנזקקים היה חביב ומקובל על הורינו במידה רבה. חוץ מכל אלה נתמכו בנדיבות "ישיבות", ת"ת וקרנות שונות.

דמות החיים בעיירה

עיירת גידולנו היתה יהודית ברובה; כשלושת אלפים יהודים ומשפחותיהם התגוררו בה והם איכלסו את מרכז העיירה, השוק ורחובותיה המרכזיים. בפאתי העיירה בירכתיה התגוררו התושבים שלא "מבני בריתו של אברהם" והם: פולנים, ביאלורוסים ובני קידר (טאטרים). שניים רבנים כיהנו בה: האחד – חסיד חב"די ונקרא בפיהם מורה־צדק – מ"ץ (לא זכור לי שמו), ושני – רב "מתנגד" וזכורים לי הרב מנדל־בר שאכנוביץ' ז"ל ורבה ה"מתנגד" האחרון הרב גינצבורג; דומני שהיגר לארצות־הברית בפרוץ מלחמת העולם השנייה. זכורים לי חמשת בתי־הכנסת אשר היו בה; שלושה שכנו סמוכים זה לזה באתר אחד, ב"שולהויף" – חצר בתי הכנסת – שני בתי־כנסת היו במקום אחר. בשטח ה"שולהויף" היה גם מגרש מגודר סביב; עליו נתקיימו תמיד "חופות

וקידושין" לעת חתונות. בימי חול שיחקו בו הילדים משחקיהם ולרוב כדורגל.

ילדים למדו ב"חדרים" אצל "מלמדים". אולם במחצית שנות העשרים הוקם בעיירתנו ביה"ס העברי מיסודה של "תרבות" ובו שש כיתות בלבד (מחוסר תלמידים) אשר שוכן זמנית בשכירות בבתים פרטיים. מאוחר יותר הוקם בניין מיוחד לבית־הספר. חלק מהילדים למד בביה"ס הפולני, "פאוושעכנא" (אולי מטעמים חומריים, שכר הלימוד ב"תרבות" היה גבוה ולא כל המשפחות יכלו לעמוד בכך). בעיקר למדו הבנות בביה"ס הפולני והיה שם הרבה יותר מקורטוב של אנטישמיות. גם רופא יהודי היה בעיירה והוא נשכר לעבודה זו ע"י הציבור היהודי, שברובו התייחס באי־אמון לרופא הפולני ד"ר סאדובסקי.

כך היו החיים בעיירה שלווים ושקטים פחות או יותר עד מחצית שנות השלושים, שנים אחדות בטרם פרוץ מלחמת העולם השנייה. לא אוכל לומר ולקבוע, כי לא היו קודם לכן התפרצויות נגד יהודים פה ושם, אולם התגברו עליהם. רק בשנים האחרונות השתנו הדברים בתכלית; התנכלויות והתפרצויות אנטישמיות החלו לבלוט באופן ניכר והן – ביוזמת סטודנטים וצעירי "קורפוראנטים" מאוניברסיטאות אשר סרו לדולהינוב וסיסמאות חרם בפיהם לבלי קנות מיהודים וכו'. הקריאה "יהודים לפלסטינה!" נשמעה מדי יום ביומו. ואכן, רבים היו עולים לארץ־ישראל ומקרב הנוער בעיקר, אלא שלא נסתייע הדבר ורק יחידים יכלו לעלות, אף כי נתארגנו תנועות־נוער ציוניות ו"הכשרות" למיניהן. כמה יחידים ואף משפחות נדדו לארצות רחוקות מעבר לים – לדרום־אמריקה, לדרום־אפריקה.

עדיין המשכתי לפי שעה בלימודי; סיימתי את ביה"ס העברי של "תרבות" ומחוסר ברירה המשכתי בבית־הספר הפולני "פאוושעכנא". כמו כל תלמיד יהודי נתנסיתי בהתנכלויות ותואנות על רקע אנטישמי – הן מצד המורים הנכרים והן מצד התלמידים. לא פעם ספגתי מכות ועלבונות ואף איימו על חיי. הורי לעומת זאת שמו מבטחם באלוקים ובהשגחתו העליונה.

מלחמת העולם השנייה בשער

החיים זרמו במרוצם והעולם כמנהגו נהג; אנשים ואחינו בני־ישראל הסתגלו לכל מצב או לפחות האמינו בכך. השמועות פה ושם על צבאות

מתגודדים לקראת התמודדויות קרביות, חזרו ונישנו אך טרם גרמו לתמורות ועדיין לא עוררו צורך כי "יש ללכת מכאן... יש לנוס מאימת המלחמה!" אבא ואמא המשיכו לשקוד על הפרנסה בחנות; אחי ישראל לייב ע"ה לא היה עימנו בבית. הוא למד ב"ישיבות", בווילנא ואח"כ עבר לישיבת "נאווארדוק" בביאליסטוק בישיבת המוסר "מוסרניקעס". אני התחלתי בעבודה כצייר שלטים לאחר ששבתי כבר הביתה מלימודי בווילנא ב"הילף דורך ארבעט" כפי שצויין לעיל. אחי הצעיר זליג שירת בצבא פולין בהתאם לחובת הגיוס. ויצחק אחי הקטן למד בבית־ספר "תרבות" בעיירה.

הזעזוע בא והתחולל במפתיע אף כי מתחת לפני השטח היה הכל צפוי. באחד בספטמבר 1939 יצאו קלגסיו של היטלר למסעי הכיבוש; שבועות מספר לאחר מכן התבוססה פולין בדמיה ואזרחיה בעול כיבושים. ימים מספר בלבד ל"רעידת האדמה" הגדולה ושמועות באות ומהלכות בעיירה: **הגרמנים קרבים ובאים! לא ולא! הרוסים באים, הסובייטים! בהתאם להסכם החלוקה**... ובינתיים אין יודעים ואין שומעים דבר. תחנות הרדיו הפולניות אינן משדרות עוד... במהירות מדהימה שותקו ע"י ה"לופטוואפה". שמועה רודפת שמועה: אי־מי הגיע במרוצה: המשטרה, הפקידות הפולנית נטשו את העיירה וברחו; משמר הגבול גם הוא עזב את עמדותיו... דולהינוב ללא שלטון בכלל.

ב־17 בספטמבר 1939 לעת ערב נכנסו אנשי יחידת הצבא האדום לעיירה והתמקמו בכיכר השוק. מקצתם רכבו על סוסים ומקצתם ברגל, לא מגולחים, מרושלים ומרופטים ולבושי קרועים – בניגוד גמור לקודמיהם החיילים הפולנים שהידרו בלבושם והקפידו על הופעה נאה. קצין היחידה וחייליו הרגיעו את קהל הסקרנים שנתכנסו ובאו:

"אל לכם לפחד! לא ככובשים באנו אליכם אלא כאחים לעמל – לשחרר אתכם באנו, מעול שלטון ה"פאנים" והצבא הפאשיסטי! שלטונם התמוטט כבית־קלפים. מכאן ואילך לא תשאו עוד בחרפת רעה ומצוקה. הכל יש במולדתנו הגדולה. לא חסר לנו דבר! יש לנו לחם ומלח, דגים ובשר וסוכר... ואפילו לחם לבן. אל דאגה! שובו הביתה". הם חילקו בין הקהל מספר לחמניות וסוכריות.

לאמיתו של דבר הפליאה השיחה: הן לפי השמועות ששמענו וידיעות שהגיעונו ידענו שלא כן הדברים. אולם עובדה קיימת; השלטון החדש, מימסדיו ומשרדיו התארגנו מהר. יצחק סנדלר – יהודי עני ומרוד וכל ימיו חולה – נקבע כיושב־ראש ה"סלסובייט", מועצת הכפרים סביב

העיירה. יהודי אחר נתמנה ליו"ר ה"גורסובייט", מועצת העיירה; לא אזכור עוד מי היה זה. האם היה זה אהרלה גורדון? לא אדע. על פי דינם ודברם של שניים אלה וחתימותיהם ובאישורם של ה"פוליטרוקים" ממינסק המכהנים "בקודש" מטעם ה"קומפארטי" ושלטונות הריפובליקה הביאלורוסית, התנהלו העניינים ונתרחשו הדברים. לא ארכו הימים והשלטון הסובייטי ה"גואל" רוקן את החנויות היהודיות ברובן המכריע - סחורות נוספות לא הגיעו עוד ואם הגיעו, סופקו לקואופרטיבים הממשלתיים. החנויות נאלצו להיסגר; כמה וכמה יהודים התחכמו והסתירו מלאי כלשהו, אותו מכרו בחשאי־חשאין עד שאזל הכל. אני הסתדרתי במקצועי החדש כצייר שלטים וכרזות בווילייקה. זליג אחי חזר הביתה לאחר ששוחרר מהשבי הרוסי. הסתדר בעבודה כנגר ונשאר זמנית בעיירה. אחי יצחק ישב בבית ללא מעש בינתיים. ביה"ס העברי נסגר והפך רוסי - לא זכור לי מה היה עם ה"פאווּשעכנא" אך בינתיים בטלו ילדים ונערים מתלמודם.

קל מאוד לשער מה היו הרגשותיו של אבינו ביחוד בימים ההם, בעולו של שלטון "המגל והפטיש", לאחר שנאלץ לחסל את חנותו ולשבת בטל - הן כחנווני לשעבר ו"סוחר" נחשב ל"לישנץ" משולל זכות לעבודה. אולם אי אפשר שלא להודות בעובדה, שמרבית יהודי העיירה שבעו רצון מהכיבוש הסובייטי אם כי פחדו מפני הבאות. ודאי שרב היה הפחד בין אמידי היהודים; בין חברי מפלגות ותנועות־נוער ציוניות ואנטי־קומוניסטיות. הם פחדו מגירושים ושילוחים לארץ־גזירה. אולם השלטון הסובייטי, על כל מצוקותיו וכל לחצי מציאות המלחמה ומפלותיו בחזיתות בשנים הראשונות להתקפת הנחשול הנאצי, ידע לשמור ושמר על חיי היהודים. האם לא מעידה על כך העברת כל אותם פליטי עיירות מסביבותינו, שלא נכללו ביחידות הפארטיזנים הלוחמים, אל מעבר לקווי החזיתות ועד למרכזי אסיה התיכונית? והרי עובדה חיה היא כי על ידי שלטון זה ובזכותו ניצלו כ־300000 יהודי פולין וליטא. אכן, ודאי שיש מקום לטינא ורוגז על כך שהשלטון הסובייטי לא רצה ב"זקן" של יהודים; הוא לא רצה בתרבות יהודית ובנכסי רוח יהודיים ולא בלאום ולאומיות יהודית. אולם שמר על יהודים כיחידים ובני־אדם.

נחשול האימים הנאצי

בעוד מהרהרים יהודים על טיב השלטון הסובייטי, על חששות ותקוות לבאות - התחולל האסון על ראשינו! הנחשול הנאצי פרץ מכל

הצדדים לכל אורך הגבול ביום ה־22 ביוני 1941 והתקיף את ברית־המועצות. גייסות הקלגסים של היטלר הציפו תוך ימים מספר מרחבי שטחים והגיעו במהירות לתחומי אזורינו.

ב־28 או ב־29 ביוני 1941 כבר היתה יחידה נאצית בעיירה. היהודים כולם, ללא יוצא מן הכלל, היו אובדי עצות; שכנינו הנוצרים לגלגו וצחקו על כל שיבואנו. הם צהלו משמחה ובנו שער־נצחון צבעוני, הם התכוננו לקבל את הגרמנים בפרחים ותשואות. והנה נכנסה סיירת גרמנית – כיתת קלגסים או יותר. כולם רכובים על אופנועיהם – מסודרים ומצוחצחים להפליא. אחריהם נכנסו עוד כיתות אחדות, כדי מחלקה שלמה, על אוטובוסים ועגלות־גרר; הכל הבהיק והבריק למרחקים וכולם חמושים במיטב הנשק והציוד והכל ממוכן וממונע. צבא זה התפזר בבתי אזרחים וגם בבתים, בהם התגוררו יהודים. בניינים ציבוריים נתפסו מיד. בהתחלה דיברו עימנו באדיבות ובנימוס, אפילו תמהו, מאין וכיצד אנו מבינים את שפתם ולשון־דיבורם. אף כשנודע להם כי יהודים אנו, לא שינו את יחסם אלינו. אבל כבר ימים אחדים לאחר מכן בישרו לנו גורל מר וקודר.

גזירות, התנכלויות ו"פעלולים"

שוב עברו ימים מספר; המשטר הנאצי בעיירה הפך עובדה. פרנסי היהודים נקראו אל המושל הנאצי ונמסר להם על "הסדר החדש" ותקנותיו בכל הנוגע ליהודים:

1. כל יהודי באשר הוא ייחשב מחוץ לחוק וישא על בגדיו אות וסמל מיוחד.
2. אין יהודים רשאים ללכת בקבוצות, אלא יחידים־יחידים, בכביש ולא במדרכות.
3. יהודי לא יצא אל מחוץ לעיירה. לא יתקשר בטלפון ולא יסע ברכב כלשהו אלא ינוע ברגל בלבד. פנייתו לרופא אף אם יהודי הוא אסורה עליו.
4. התקהלות של יהודים בכל מקום אסורה.
5. כל שיח ושיג בין יהודי לבין נוצרים אסור בתכלית. כמו"כ אסור כל דיבור לשם קנייה ומכירה בין יהודי לנוצרי.
6. אין יהודי רשאי להחזיק ברשותו רדיו, כלי־נגינה, רכב כלשהו כולל אופנוע ואופניים וכמו"כ פרה או סוס ורכוש בעל ערך. כל אלה יש למסור לשלטונות.

7. כל יהודי יהא מופלה ומוקצה, מנודה ונבדל; אין לו שבת וחג. בפקודת השלטון עליו לעבוד כל הימים.

כך התממשו לעינינו ועל בשרנו דברי התוכחה הזכורים לנו מהתורה. בבוקר אמרנו: מי יתן ערב! ובערב פיללנו: מי יתן בוקר! אימה ופלצות שלטו בנו משך כל שעות היממה, ימים, שעות ודקות טרדו ונמשכו לאין סוף... מי שצווה ללכת לעבודה פחד לצאת, שמא לא ישוב עוד, אולם להימנע ולא ללכת הריהו בחזקת סכנת מוות תוך ירייה במקום. רבים הסתתרו מעין השמש ואם יצאו, יצאו נשים בלבד בהחזיקן מטאטא בידן, כאילו הלכו לעבודה. יצחק הסנדלר, יו"ר ה"סלסובייט" בימי הרוסים, יצא וכמה נערים עימו כדי לברוח ולהימלט. בדרך נורה ע"י הגרמנים; נערים ונערות וכמה בוגרים נורו כ"קומוניסטים ומשתפי פעולה" וביניהם – פוליה איידלמן, חנה־רייכה יפה לבית שפירא ועוד. ואגב אורחא: אותה חנה־רייכה הסתתרה בביתנו מתחת למיטה, מבלי שידענו מאומה. היא נמצאה ואני נעצרתי כאילו אנוכי החבאתיה. בעת מאסרי וחקירתי הצליפו בי רבות ונמרצות. המכות בהן נתכבדתי היו איומות ורק בדרך נס ניצלתי וברחתי.

קצת מאוחר יותר באו ידיעות מסמרות שיער ומחוללות אימה, על חיסול כליל של קהילות יהודים רחוקות וקרובות, בהן תלו כבר שלטים "יודנריין..." ז.א. המקום טוהר מיהודים... קשה היה להאמין בכך – דבר שאין הדעת סובלתו! שאלנו את מעבידינו הגרמנים מה פשר השמועות? אכן, התשובות מפיהם אישרו הכל בוודאות: "בוגדים ועצלנים" היו היהודים באותם המקומות; "הם לא רצו לעבוד. פה 'טובים' הם היהודים – אנשי עמל ושלום חרוצים ויעילים בעבודה – ולא יאונה להם כל רע". במאוחר, מאוחר מאוד למדנו כי היתה זו אחת משיטות הגרמנים להונות ולהרדים עירנותם של היהודים לבל יבקשו דרכים להימלט.

באחד הימים נרצחו שני שוטרים ע"י פארטיזנים בקירבת הכפר ואז פשטו הגרמנים בהמולה וברעש בכל הכפר, עשו "פנטזיה" ביריות. רצינו לקפוץ החוצה, כי הכפר שכן על יד יער בוצי, לכן עלינו לעליית־הגג ועמדנו לקפוץ למטה כדי לא להיתפס בידי הגרמנים, כי יהודי שנתפש חי היה נרצח באכזריות רבה. אז הופיעה הגויה, קראו לה הנקה, עמדה בפתח ואמרה: "השתגעת? כאשר עשיתי מה שעשיתי, לקחתי את הסיכון

אפילו שיתפסו אותי וגם אותי יענישו". קרה נס – הגרמנים עזבו ונשארנו בחיים.

לאחר זמן מה הודיעו הגרמנים שיהודי דולהינוב שנשארו בחיים יכולים לחזור הביתה. חזרנו ומצאנו תוהו ובוהו, ואז פקדו שנתרכז בגיטו. ההצטופפות היתה רבה, אוכל חסר, מרירות, פחד פקד אותנו יום יום. סבתי ז"ל ויתר המשפחה נשארו בכפר אצל הגויים.

ריכוז היהודים בגיטו

כך המשכנו את חיינו בגיטו. היינו יוצאים לעבודה. אני עבדתי אצל הגרמנים הטלפוניסטים והייתי חפשי לצאת מחוץ לגיטו. בלילות נדדה שנתנו. לא ניסינו להירדם פן יתקפו אותנו ישנים. יום רדף יום בעבודה ובתפילה. האוכל לא הספיק, אבל בכל מיני דרכים היו לנו אפשרויות להשיג קצת אוכל. היו גויים שכנים שהביאו לנו דרך פירצה בגדר. אבל זאת לא היתה הבעיה. התחילו להגיע ידיעות שמתקרב היום שיחסלו את יהודי הגיטו. עמלנו קשה ובנינו כל מיני מחבואים בתוך הגיטו.

בתוך הבית שבו גרתי עם בן־דודי נחמן חבלין ז"ל, בניתי קיר כפול בתוך רפת, ובכדי שלא ישימו לב למרחק שהצטמצם, הוספנו עצים חטובים על יד הקיר. הכניסה למלונה היתה דרך עליית־הגג. הדלת היתה קטנה ומוסווית היטב. קשה היה לזהות אותה ואכן הוכח הדבר במציאות בשעת חיסול הגיטו. באחד הימים בשעות העבודה אצל הגרמנים שמעתי שהם מחכים לאורחים חשובים והבנתי שאלו אורחים לא רצויים ביותר. כאשר גמרתי את העבודה מיהרתי לגיטו להודיע ואז התחלנו להתארגן לפריצת הגדר כדי לברוח מהר ככל האפשר. לא יכולנו לעשות את זה כל זמן שלא החשיך. בו ברגע שהחשיך התחלקנו בקבוצות קטנות ליציאה מהגיטו ולבריחה ליערות שבסביבה.

כאשר נהיה שקט בחוץ, חשבנו שכל אנשי הגיטו חוסלו, אי פה אי שם הדהדו עוד יריות. אמרנו: בבוקר ודאי יבואו ויוציאו אותנו מן הקיר. החלטנו אני ובן־דודי נחמן לצאת ולנסות להתפרץ מן הגיטו. וכך היה. מצאנו פירצה על יד הרפת שבה היינו. התחפרנו מתחת לקורות של קיר הרפת ויצאנו החוצה, כי הרפת היתה חלק מהגדר. היה חושך גמור בחוץ. עברנו בריצה, פחדנו להסתכן שמא ישנם מארבים בכבישים. לכן עלינו לגג ביתנו ששכן בקירבת מקום והתחבאנו למשך כל היום.

בחצרנו היתה באר מים חיים. הבאר לא היתה עמוקה, לכן שאבנו

בקלות דלי מים ושתינו מיד. היינו מאד צמאים, יבשים ותשושים. על אוכל לא חשבנו. באותו יום, אך הפציע השחר, התחילו הגרמנים להמשיך לחפש, למצוא ולהרוג יהודים. ראינו מעליית־הגג איך הם מובילים עגלות מלאות יהודים נרצחים. גם אותנו פקדו, אבל רק בתוך הבית. הם לא תיארו לעצמם שפה למעלה נמצאים שני יהודים מבוהלים.

כאשר החשיך היום, ירדנו מעליית־הגג ועברנו בריצה והסתננו לתוך ערימת חציר אצל שכנים גויים, שהיו ידידים ושם מצאנו שתי אחיות ממשפחת חפץ, שיתר בני משפחתן נהרגו, אלקה ומיכלה. החלטנו שניפרד, במקרה שימצאו אותנו, לפחות לא ביחד. אני ובן־אחי עזבנו ושוב הלכנו לאותו המקום שבו הסתתרו הדוד והדודה ויתר המשפחה. גם אחי שמעון, סבתא וגרשון יפה שהיה בן משפחה. כולנו היינו בדעה אחת: כל מי שיכול ינסה לברוח. אבל פה חיכתה לנו ההפתעה. אך התקרבנו לגדר, וזו היתה גדר־עץ גבוהה, ראינו דרך הפירצה שאנו לכודים, היינו במצור, בלי למצוא פירצה קטנה ביותר כדי להתחמק. כולנו התחבאנו. אנחנו נכנסנו לקיר הכפול ללא מים ואוכל, כי לא חשבנו שנהיה זקוקים לכך.

אך התחיל להאיר היום, שמענו שהגרמנים עוברים מבית לבית עם הגויים בראש ומוציאים יהודים מהבתים. שמעתי קולות בכי ותחנונים. אבל היריות הכריעו את הכל. ואחר כך פיצוצים, רימונים, כי היהודים שהיו במחילות לא רצו לצאת. הם קראו להם לצאת וכאשר לא נענו, השליכו רימונים וקברו אותם חיים. את כל זה שמענו מאחורי הקיר. שמעתי כאשר הוציאו את האחות של יעקב סגלצ׳יק מהמחבוא. היא התחילה להתחנן: תנו לי לחיות, אני עוד צריכה, יש לי ילדים קטנים. הם ביקשו לדעת היכן הילדים וכאשר סרבה לגלות, ירו בה מיד והרגוה. שמענו איך הם באים אלינו לבית ומחפשים והופכים את הכל ועולים גם לגג לחפש, וברוך השם שלא הצליחו למצוא אותנו.

את רוב היהודים הם רצחו בתוך הרפת של ברל־אייזיקס. זה היה מספר מטרים מאתנו. את יום הגיהינום הזה קשה לשכוח כי חיכינו שהם יבואו ויאספו אותנו כמו יונים. אבל רק אלוקים הוא שריחם עלינו.

לא נכנסנו מיד למקום המחבוא, כי פחדנו שמא יגלו את המקום. אני הכרתי את השכנים בכפר השכן זמושצי. נכנסתי לגוי והלה הכיר אותי, ריחם עלי ונתן לי חצי כיכר לחם. הכיכרות בכפרים היו גדולות וזה הספיק לנו לכל היום. אכלנו ושתינו. הסתתרנו בבית־מרחץ, שתינו את המים ללא הגבלה. היינו מאוד צמאים. הרקנו דליים עם מים במשך היום

ששהינו בבית־המרחץ. בלילה הלכנו למרחק שני קילומטרים בערך ובאנו לאותו המקום בו התחבאנו בפעם הראשונה.

לאט לאט התחלתי לצאת עם דודי ולעזור להביא את האוכל. מדי פעם סיפק לנו אוכל ראש הכפר מזמושצי, יוליוס קוריאנוביץ, גוי אציל מאוד שידע כל הזמן שאנו נמצאים בכפר וגם את שם הגוי שהחביא אותנו. הוא עבד עם הגרמנים כראש הכפר, אבל אנו ישבנו שם בטוחים יותר כאשר מסרו לו על קיומנו. הוא גם שמר ולא הלשין. וכך ישבנו וחיכינו 10 שבועות בעליית הגג. הגויה היתה מביאה לנו אוכל ובכדי שלא יחשדו היתה צועקת לחזירים שיבואו לאכול ואחר־כך עולה למעלה ומחלקת לנו את האוכל ובאותה הזדמנות מעודדת אותנו שהגרמנים נוחלים מפלות והרוסים מתקדמים בכל החזיתות. באותו הזמן כאשר ישבנו בחושך והימים היו לנו כלילות, הוסיף לנו כל זה עידוד רב, אבל לא ארכו הימים והגרמנים פקדו את הכפר.

שני גרמנים נהרגו על ידי פארטיזנים במרחק לא רב מהכפר, ואז פשטו גרמנים על הכפר והתחילו לירות לכל הצדדים. אנו חשבנו שמסרו לגרמנים על היותנו במקום הזה, שהיתה הלשנה, לכן רצינו לקפוץ למטה מעליית־הגג. הבית הזה גבל עם היער, אבל הגויה מיהרה ולא נתנה לנו לרדת, שמא ניתפס בזמן הקפיצה. היא אמרה: "כאשר החבאתי אתכם, לקחתי את הסיכון שמא אתפס, ואז גורלי יהיה גורלכם, לכן אל תזוזו מכאן, בתקוה שלא לכם הם מתכוונים". וכך זה היה. הם עשו רוח, "פנטזיה", ועזבו את הכפר.

באותו הזמן התחילו הגרמנים לגייס גברים צעירים לעבודת כפיה לגרמניה, הצעירים התחילו להתחבא, והגרמנים פשטו בכפרים וחיפשו מבית לבית. אנחנו פחדנו שמא יגיעו גם אלינו. לכן החלטנו לעזוב את הכפר ולצאת היערה. הדבר לא היה קל, אבל באין ברירה החלטתנו היתה ברורה. באחד הערבים יצאנו לדרך ועשינו כמה עשרות קילומטרים עד שהגענו מעבר לגבול הפולני־רוסי לשעבר. שם היו יערות ממש שאפשר היה למצוא בהם מחבוא לשעת סכנה.

עברנו את הגבול והגענו לקצה היער ולהפתעתנו פגשנו את האחיות פיגל וגיטה שרייבמן גם את האחים רדושקוביץ לייבל והרצל. שמחנו, הנה אנחנו לא לבדנו. המשפחה שלנו גדלה. המשכנו ללכת ולאחר זמן מה התמקמנו בקצה אחד היערות על יד כפר – את שמו עדיין לא ידענו. הרגשנו די חפשיים, וחשבנו האם אפשר להצטרף לפארטיזנים, כי ידענו שהם בסביבה, אבל איך אפשר להגיע אליהם לא היה לנו מושג. בלילות

היינו יוצאים לחפש אוכל, דופקים בחלון או בדלת ומבקשים מהאוכלוסיה. להם בעצמם לא היה אבל היו מתחלקים ונותנים קצת גם לנו.

באחד הימים כאשר ישבנו על יד האוהל שהיה בנוי מענפים, הרגשנו צעדים מתקרבים לעברנו. נבהלנו, אבל כעבור רגע ראינו אחד האיכרים, כנראה מהסביבה, שבא לחטוב עצים. הוא ניגש והרגיע אותנו שאין לנו מה לחשוש, שמא יאונה לנו רע מצידו. נהפוך הוא, הוא מוכן לבוא לעזרתנו אם נפנה אליו. לאחר מספר נסיונות בטחנו בו ופנינו אליו בבקשה להשיג לנו נשק. הוא הסכים בתנאי שניתן לו זהב. בכסף זה הוא יכול לקנות דגן ביום השוק ותמורת הדגן הוא יכול להשיג נשק. וכך היה. הוא קנה לנו רובה אחד, ואז כבר גבר במקצת בטחוננו.

נודע לנו מפי הגוי שיהודים מסתובבים באיזור הזה והוא הזכיר שמות, הם היו קצת רחוק מאתנו, כי אז עשינו הכל ברגל, אבל בכל זאת צריך היה לנסות ללכת ולחפש. החלטתי לצאת לדרך עם גרשון יפה. הלכנו מרחק רב, יום הליכה, ולעת ערב הגענו עד קצה נהר ושכבנו ונרדמנו כי היינו עייפים. פתאום העיר אותנו איזה רעש משנתנו. מיד קמתי על רגלי, התקרבתי קרוב לשפת הנהר ושמעתי מדברים בשפתנו יידיש וראיתי קבוצת אנשים די גדולה סוחבים שקים ועוד כל מיני דברים. כאשר התקרבו, הכרתי גם את הקולות. היו אלה פולה סמורגונסקי, פיגל ועוד מאנשי עיירתנו הניצולים. הם השתכנו בעבי היער ובנו להם כעין מחנה של פליטים, ובלילות היו יוצאים לחפש אוכל. הערתי את גרשון ואמרתי: "קום, חיפשנו ומצאנו תאמין, תראה את מי מצאנו, נצטרף אליהם, כי על ידם נמצא גם מחנה הפארטיזנים והם מרגישים בבית".

הצטרפנו אליהם, נחנו, אכלנו אתם לשובע, כי היה להם אוכל מזה שהשיגו בלילות, והחלטתי שגרשון יישאר אתם. הוא היה מאוד אומלל, כי איבד לא רק את הוריו, אלא גם את משפחתו, כי הוא היה נשוי. הצטרף אלי זליג דימנטשטיין, כי הוא עם אביו ואחותו סונקה היו באותו מחנה. יצאנו לדרך להביא את יתר המשפחה. הלכנו יום ולילה. בימים הלכנו בקצה הדרך, כדי שבכל מקרה שניתקל בגרמנים נוכל לקפוץ היערה.

בערב הגענו למקום וכאשר ראינו שהם גרים באוהלים פחדנו מאוד, כי באו כל מיני מחשבות. אבל מתוך עייפות נכנסנו לאחד האוהלים ונרדמנו. יותר מאוחר בלילה שמעתי שמתקרבים לאוהל. לא הספקתי לברוח כאשר שמעתי את אחי שמעון עם בן־דודי נחמן ז"ל משוחחים

ביניהם. הם סיפרו לנו שנתקלו בקבוצה של גויים שבאו היערה והם פחדו מפניהם, לכן העתיקו את מקום מגוריהם רחוק מהמקום הזה לעומקו של יער, למקום בודד שאין אפשרות אפילו להגיע אליהם. בבוקר הובילו אותנו לשם. כאן הרגשנו כולנו יותר בטחון מקודם. יום יום היתה יוצאת קבוצה אחרת להביא אוכל. היינו באים לאחד הכפרים, נכנסים אל ראש הכפר ומבקשים סוס עם עגלה. אורות לא נתנו להדליק, שלא יראו שאנחנו בלי נשק. היו יהודים שנרצחו על ידי גויים שהרגישו שהללו אינם יכולים להגן על עצמם. אחד מאתנו היה מסתתר בחוץ ושר שיר רוסי, כדי שהלה יחשוב שבחוץ נמצאים פארטיזנים.

באחד הערבים יצאתי עם מספר פארטיזנים להשיג אוכל. הללו היו עם נשק. הגענו לכפר מילצה, כ-20 ק"מ מהיער, אל גוי עשיר. הוא טען שאין להם אוכל, הגרמנים לוקחים, הפארטיזנים לוקחים, מניין יהיה להם. השקצים רמזו לי לְאן לצאת לחפש. יצאתי עם אחד הבחורים של פולה הנדל לחצר, נכנסנו לאסם וראינו שתי חביות. כאשר הפכתי חבית, ראיתי בשר ומצרכי־מזון אחרים. לקחתי חלק והלכתי לבית לחברה. הם ישבו בבית וחיכו עד שנחזור. פתאום שמעתי צעקה "עצור" ברוסית – "סטוי, קטו טאקי" – מי אתם? נבהלתי, זרקתי את האוכל, כי חשבתי שהם שוטרים של הגרמנים. רצתי עד שהגעתי לשדה הקמה, רצתי בין השבילים בזיגזגים, כמו שלמדנו לברוח ולהינצל מכדורים, אבל הם הצליחו לתפוס אותי, הם כיוונו אלי את נשקם ואז ראיתי שהעניין אבוד. שאלו מי אני, כי הם ראו שאני יהודי. קיבלתי אומץ ושאלתי: "ומי אתם?" אז הם ענו לי: "אנחנו פארטיזנים. אנחנו רואים שאתה בלי נשק, יכולנו להרוג אותך, אבל ראינו שאתה אמיץ. איך הסתכנת?" סיפרתי שאני פה עם עוד בחורים מ"אוטריאד של..." כאשר באתי לקרוא לחברי הם נעלמו. הם קפצו מהחלונות, כי שמעו את הרעש בחוץ והסתתרו בתבואה. קראתי להם שייצאו, אחרת יהרגו אותי, ואז יצאו עם נשק דרוך. הם ברכו זה את זה. התחלקנו בשלל וכל אחד פנה לדרכו.

כך המשכנו את החיים האלו עוד מספר חדשים בערך, עד חודש אוגוסט או ספטמבר, ואז שלחו לנו מדריך ממוסקבה שילווה אותנו עד מעבר לקו החזית, כי בחורף אי אפשר היה להמשיך כך, כי כל יציאה מהיער יכולה להסגיר אותנו לגרמנים.

הכוננות ליציאה מעבר לקווי האויב

ערב לפני היציאה יצאנו בקבוצות להשיג אוכל והשגנו מספר פרות, תפוחי־אדמה, קמח. שחטנו את הפרות והתחלנו לבשל את הבשר ולהכין

צידה לדרך. המדריך נאם בפנינו ואמר שלא נקח דברים מיותרים, כי הדרך תהיה קשה ומסוכנת וכל דבר מיותר יכביד עלינו. התחלנו לזרוק חבילות לערימה אחת ומרגע לרגע גדלה הערימה. באותו היום מצאו אנשינו שני שקצים צעירים משוטטים ביער. הם תפסו אותם ואחרי חקירה קבעו שאלה מרגלים. במקרים כאלה פסק־הדין היה מוות, אבל לא הספיקו לבצע את גזר־הדין. שמענו יריות מכיוון השומרים שלנו. זה היה סימן שתוקפים אותנו ואנו מכותרים.

אחד השומרים, וזה היה בן־דודי נחמן חבלין ז״ל, הספיק להגיע למחננו ולהודיע שאנו לכודים בטבעת גרמנים. תוך שניות הם התחילו להפגיז אותנו במרגמות. האנשים התחילו להיפגע מרסיסים, מכדורים ומגזרי עצים שנכרתו ע״י הפגזים. התחלנו לברוח ולהעמיק יותר ליער. היעד היה בלתי מוכר. במשך היום המשיכו הגרמנים את היריות והחיפושים לא נפסקו. הם נעזרו בכלבים, זוכר אני איך שכבתי מכורבל ומוסווה באחד המקומות ולידי עברו גרמנים שחיפשו אחרינו. חשבתי שסופי המר הגיע, אבל הם לא התעכבו והמשיכו בדרכם. לעת ערב נפסקו היריות, אבל הגרמנים לא התרחקו מאתנו. וכך שכבנו במחבואים ביער 3 ימים ולילות ללא אוכל ומים.

ביום השלישי בערב יצאתי מחוץ ליער לשדה. היתה אז עונת תפוחי־אדמה. חפרתי ביד, הוצאתי רגב, אספתי את תפוחי־האדמה, הבאתי ליער. הצטערתי מאוד כאשר איבדתי באותו הערב את מקצת התמונות שהבאתי כמזכרת מהבית, וזה קרה כאשר התכופפתי. את תפוחי־האדמה אכלנו לא מבושלים. אי אפשר היה לבשל וגם גפרורים לא היו לנו. כאשר שמעתי שקט מוחלט, החלטתי לצאת למקום המיפגש שקבענו מראש במקרה שנותקף. במקום הזה מצאתי כמעט את כולם. מספר אנשים היו חסרים לנו, בתוכם גם בן־דודי נחמן ז״ל. הוא הקדים לבוא למקום המיפגש, וכאשר לא מצא אותנו החליט עם גרשון מאירסון להמשיך ולעבור את קווי האויב, ומאז לא ראינו אותו עוד. הם הצליחו לעבור את קווי החזית ולהצטרף לצבא האדום ושם מצא את מותו בקרב נגד הגרמנים. היה אתו בצבא מרדכי פרידן.

הוחלט להמשיך בתכנית הקודמת להתקדם לקווי החזית. סבתי ז״ל שנפצעה בשתי רגליה, ועוד מספר אנשים שחלו בטיפוס נשארו ביער בפיקוח הפארטיזנים שנשארו ובתוכם הרופא ד״ר קוטלר האמיץ ואציל־הנפש, ואנו המשכנו להתקדם. הדרך היתה מפרכת ומסוכנת. אתנו היו ילדים, נשים וזקנים, אנשים מפוחדים וחלשים. היינו נאלצים לבקש

עזרה מהכפריים. ללא ברירה נתנו לנו סוסים. הרכבנו את החלשים ולמחרת החזרנו על ידי ראש כפר אחר את הסוסים למי שלקחנו וקיבלנו אחרים וכך היה לכל אורך הדרך.

בקווי החזית

התקדמנו בלילות עד שהגענו לנהר. המעבר התבצע בצהרי היום והסכנה היתה מרובה. אני ועוד מספר בחורים עברנו בשחיה כי לא היו די סירות להעביר את הזקוקים לכך. כאשר עברנו בשלום, חיכתה לנו מסילת־ברזל שהשמירה עליה היתה קפדנית מאוד ביום וגם בלילה. הצלחנו לחצות אותה ולאחר זמן מה הגענו לקו החזית.

חילקו אותנו באחד הכפרים בבתים של הכפריים. החזית היתה אז שקטה, לא היו שום פעולות. קיבלנו אוכל. בבית שבו השתכנתי אפו לחם טרי ואני קיבלתי כמה שרציתי, הפרזתי באכילה ואז לקיתי בהרעלת קיבה. סבלתי ביותר והייתי זקוק לעזרה. באותו הערב יצאו הגרמנים להתקפה והאיזור כולו נעשה מסוכן ביותר ובמיוחד לנו. התארגנו ויצאנו לעבר הנהר והצלחנו לחצותו. מהעבר השני כבר לא נשקפה לנו סכנה. נתקלנו בצבא האדום המתקדם לעבר החזית והמתחיל לבלום ולעצור את ההתקדמות.

המשכנו לעבר טאראפייץ, מקום שבו היתה תחנת־רכבת מרכזית ושם גויסנו לצבא האדום. שהינו שם תקופה קצרה ומשם היינו צריכים לצאת לחזית. ביום, בו היינו מוכנים ליציאה, הופיעה ועדת קצינים והודיעה לנו, שיש להם צו לשלוח אותנו לעורף. לאחר נאום ארוך הפרידו אותנו מיתר החיילים ואז ביקשתי מהם, שיביאו את אחי אלי, כי מאז שנפרדנו לא ראיתי אותו. ומעשה שהיה כך היה: כאשר גויסנו, הפרידו את השנתונים הצעירים ושלחו אותם לבית־ספר לקצינים. אנשי המשלחת נענו לי ולידידי יצחק קלורין והביאו את הצעירים ואז הכניסו אותנו לקרונות רכבת לתוך עומק רוסיה. היעד שלנו היה סיביר. הגענו בשלום לעיר אושיניקי ושם התחלנו לעבוד במכרות הפחם עד השיחרור.

שמואל־דוד קוגל

מן הפח אל הפחת...[1]

קטע מעדותו של פליט פלשצניץ בדולהינוב

אני שמואל־דוד קוגל, יהודי בן שבעים ומעלה, אחרון היהודים בעיירתי פלשצניץ, ניצלתי באקראי מטבח הדמים ביהודי הקהילה. לאחר שובי הביתה בתקווה מדומה למצוא את אשתי או מישהו מבני ביתי ברחתי לדולהינוב – מעיד בזה על כל אשר מצאוני בעיירה, אליה הגעתי במנוסתי.

ארבעה ימים הלכתי בדרכי מפלשצניץ לדולהינוב. כעלה נידף ברוח נשאוני רגלי דרך שדות ויערות; בלילות הסתתרתי בתוך ערימות השחת אצל איכרי הכפרים, אשר ארחוני והאכילוני – בבכותם עימי על גורלי המר וגורלם שלא שפר עליהם גם יחד. עם הגיעי לדולהינוב ניקרה לפני קרוב־משפחה[2] ושנינו מררנו בבכי שטוף־דמע ודמים. גם עליו לא פסח האסון; כ–5 ימים טרם הגיע אל העיירה ביקרה שם יחידת עונשין של עוצבת ס"ס ושהתה ללינת־לילה בעיירה. למחרת בבוקר יצאה היחידה בדרכה לחזית. אולם כעבור שעה קלה חזר מפקדה ועימו אחדים מהמרצחים מלאכי החבלה שלו ודרש כי יוחזר לו הפרגול, – אותו השאיר במקום הלינה של היחידה. אם לא תוחזר האבידה תוך חצי שעה, יוצאו להורג כמה וכמה יהודים. אין ספק שהיתה זו תואנת־שווא; הפרגול לא נמצא (אף כי רצען התקין חדש) וחמישה צעירים יהודים נורו ע"י הרוצחים. אחד מהם היה חתנו של קרוב־משפחתי ובתו – אשה צעירה ביותר[3] ותינוק בן חודשיים בזרועותיה – התייפחה חרש בבכותה את

1. מתוך "הספר השחור" בעריכת ואסילי גרוסמן ואיליה ארנבורג, הוצא בלשון הרוסית ע"י יוסף קרמיש, הוצאת "יד ושם" ירושלים.

2. הקרבן בו מדובר היה שלמה שרייבמן. האשה – איטה שרייבמן לבית מלמד – בתו של דב, נספתה ב"אקציה" השנייה. חמשת הצעירים: יצחק מייזל; יהודה אקמן; שלמה שרייבמן; ועוד שניים לא זכורים לה לרבקה בשמותיהם.

3. **היה זה דב מלמד, כפי שמוסרת בתו רבקה, אשתו של מיכאל בן־אביגדור.**

בעלה הצעיר שנגדע ואיננו.

בדולהינוב עברתי בדרך כלשהי את ימי החורף 1942 ובאותה מידה שעברו אותם כל האחרים. טרם באה שעתם של מיבצעי ההרג ביהודי הקהילה, אם כי כולנו, כל היהודים בלי יוצא מן הכלל סבלנו מנגישות ולחצים, סחיטות, קנסות ודמי־עונשין שונים. ימים מספר לאחר חג הפורים תש"ב 1942, עבר קול בעיירה והגיעו שמועות על הרג וחיסול יהודים בעיירות, שהיו קודם לכן בשטחי פולין. החילונו להכין מחבואים ו"מלונות" כדי לחמוק מידי הרוצחים. יומיים שלושה לפני פסח הגיעו כלי־רכב גרמניים ואנשי "גסטאפו" בתוכם. הם החלו לירות ביהודים ללא הבחנה בין צעירים לזקנים; אני ובני בית מארחי הסתתרנו בתוך עליית־גג ומבעד סדקים השקפנו וראינו את פעולות הרצח.

"אבירי הגסטאפו" לא הסתפקו בכך; הם גייסו את כל שוטרי־העזר בעיירה וגם מהכפרים הסמוכים ויחד עימהם חיפשו ונברו בתוך הבתים, באורוות, במחסנים, בעליות־הגג ומסביבם כדי לגלות יהודים מסתתרים. בכל מקומות סתר מעין אלו השליכו רימוני־רסס לפוצץ, להרוג ולאבד. כל מי שנפל חי לידיהם הופשט עירום ונרדף להרג אל מחוץ לעיירה. כל אשר נחלשו ולא יכלו לרוץ בדרכם אל המוות, נורו במקום ודם המעונים ניתז אל קירות הבתים. כל אלה אשר הגיעו לגיא ההריגה מחוץ לעיירה, נורו קבוצות קבוצות מבלי לקברם. כמה מאות איש נדחסו לתוך ממגורה ודלתותיה הוגפו. המרצחים שפכו דלק על קירותיה והציתו אותה על המצטופפים בתוכה, בעודם חיים. לפני הפורענות היו בעיירה כ־3000 יהודים ועתה – ביום ההרג – ניספו כ־1800 נפש. כ־1200 ניצלו וביניהם אנוכי ומארחי.

לאחר יומיים של דמים עזבו הרוצחים את העיירה תוך קביעתם, כי מרבית היהודים חוסלו וכל הנשארים לא יפגעו עוד, יעבדו ויחיו באין מפריע. עליהם לבוא ולהתייצב לשם רישום בלבד; מי שלא יתייצב יומת ביריות. כל ששרדו בחיים הופיעו ונרשמו מחדש ולאחר שבוע או יותר הועברו לשטח מצומצם של הגיטו ונדחסו לתוך 40 ביקתות צרות ומצופפות. הגיטו הוקף וגודר מסביב וכל זאת נאלצו היהודים לעשות במו ידיהם. אולם גם בשבתנו בגיטו החילונו לבנות לנו מקומות מחסה ומסתור; הן מובן היה לכל אחד מאתנו, כי אסור לתת אימון להבטחות...

יום אחד נדרשנו להצטרף כעגלונים ל"אובוז", ליחידת אספקה מחיל האפסנאות בדרכה לחזית. איש לא אבה לאמיתו של דבר להכניס את עצמו ישר אל תוך לוע החיה הטורפת... אנשים פשוט הסתתרו. מארחי

קרוב־משפחתי נורה ברגלו עת טיפס ועלה לעליית־הגג. בקושי עלה בידו להיחבא ולהיעלם מעין הרוצחים. לאחר יום או יומיים נתחדשו פעולות הרג הדמים ב"אקצייה" השנייה. משך יומיים השתוללו המרצחים בעיירה, הרגו ושדדו באין מפריע. תוך יומיים אלה שוב נרצחו כ־800 נפש וכ־400 יהודים הצליחו לחמוק ולהסתתר וכך ניצלו עוד לזמן מה. הגרמנים וגרוריהם לא מצאום (אפשר כי חלק מהם הושאר עוד כ"מומחים נדרשים").

עשרה יהודים ואנוכי בתוכם חמקנו והסתתרנו במקום סתר בעליית־הגג. המרצחים הרסו את הגג ובדקו כל סדק וכל חור; חזרו ובאו פעמים מספר אבל לא גילו אותנו בדרך נס או במקרה.

שוב עזבו הצוררים, הגרמנים ועוזריהם את המקום ופקדו על הרשמת הנשארים "בהבטיחם" את החיים... אבל איש לא עשה זאת הפעם. וכי ניתן להאמין עוד ל"דברת כלבים זו"? החילונו להתכונן למסע הבריחה ובו בלילה פרצנו כ־200 איש מתוך הגיטו המוגף והמגודר אל חיק יערותיה הנרחבים של ביאלורוסיה. שם כבר פגשנו את חברינו ואחינו לצרה, מאורגנים כפארטיזנים. הם קיבלונו בסבר־פנים יפות ובחמימות; הצעירים בתוכנו נכללו בשורותיהם אל הנשק. את הזקנים והחולים, ואת הילדים האכילו וגוננו עליהם. אפילו דואג לנו ומשגיח עלינו מונה במיוחד; היה זה החבר קיסילוב – אדם ישר ובעל מידות תרומיות.

כך עברו עלינו חודשי קיץ וסתיו 1942 בצל־קורת הפארטיזנים ביער; אז החלו ימי קרה ולילות צינה. כל החלשים והנחשלים בנו, כל הבלתי־לוחמים רוכזו לפי צו מיוחד של המפקדה והועברו אל מעבר לקווי החזיתות, לעומקם ורוחבם של שטחי רוסיה.

מסענו ארך כחודשיים; הילכנו בלילות ובימים היינו נחים. כל יום שהינו ביער אחר. משך לילה היינו עוברים כעשרים קילומטר ובאזורים המסוכנים עברנו גם כ־30 קילומטר ומעלה. לכשהגענו לשטחים הנתונים לשלטון הפארטיזנים הוקל לנו בהרבה; החילונו להלך בדרכים בשעות היום. שעות הלילה ניתנו לנו למנוחה בבתי איכרים.

כך עברנו ברגל למעלה מאלפיים קילומטר. כך ניצלנו מהשמדה. כך ניצלתי אנוכי, זקן ובודד מעל לשבעים שנותי, אל חיק שנות חיי האחרונות שנותרו לי. וכל זאת הבאתי לביטוי – אנוכי, שמואל־דוד קוגל – כעדות ותיעוד קבל עולם כולו.

בתיה קרמר (אשדוד)

אַ ווונדערלעכע רעטונג

מיינע ערשטע זכרונות באַציען זיך צו די קינדער יאָרן, ווען עס האָט זיך אויפגעבויט דער בית־ספר "תרבות" ווו איך האָב געלערנט. שפּעטער זיינען מיר אַריבער אין דער פּוילישער שולע ביז 1939, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט באַפרייט אונדזער געגנט. דאַמאָלס האָבן זיך געשאַפן אוונט־קורסן און מיר אַלע האָבן אָנגעפאַנגען צו לערנען די רוסישע שפּראַך.

אין יאָר 1939 איז אָפּגעשטאָרבן די מוטער און מיר זיינען געבליבן 5 קליינע קינדער אין שטוב. דער איינציקער גליק איז געווען ביי אונדז וואָס דער פאָטער איז געוואָרן אַלעס אין דער משפּחה, סיי אַ פאָטער און סיי אַ מוטער. און אַזוי האָבן מיר זיך ערצויגן ביז עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. דאַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פּעקל צרות און אין יאָר 1941, ווען מען האָט שוין געהאַט גרוסן, אַז די דייטשן זיינען שוין אין די טויערן פון דאַלהינאָוו, האָבן פיל יוגנטלעכע גענומען טראַכטן ווי צו פאַרלאָזן דאַלהינאָוו. מיר האָבן ליידער "זוכה" געווען אויפצונעמען די רוצחים אין דאַלהינאָוו און עס האָט ניט מער געדויערט ווי איין וואָך האָט מען שוין געמוסרט פאַר די דייטשן אויף יוסף כץ וועלכער איז געווען דער פאַרזיצער פון אָרטעל פון די שטעפער ווי אויך אויף חיים פּרעסמאַן און לאַדזשע איידלמאַן. מען האָט זיי גלייך אַרויסגעפירט אויפן וועג פון ווילייקע און מען האָט זיי דאָרט דערשאָסן.

אונדזער פאָטער רפאל סוסנסקי איז געווען אויסבאַהאַלטן און איך פלעג יעדן אָוונט מיט מיין ברודער גיין געוואָר ווערן צו דעם טאַטן. די פּאָליציי פלעגט קומען צו אונדז יעדן ביינאַכט און זיך פאַרשטעלן אַז זיי זוכן ביי אונדז סאַמאַגאָן.

שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט דער "יודנראַט", וועלכער האָט זיך גענומען מטפּל זיין מיט אַלע יידן פון שטעטל. דער "יודנראַט" האָט געשיקט מיין ברודער יוסף סוסנסקי צו די דייטשן וועלכע האָבן געאַרבעט ביי טעלעפאָן צו זיין אַ דאָלמעטשער. ער האָט דאָרטן ביי זיי געאַרבעט בשעת דער ערשטער שחיטה און אין דעם טאָג איז ער געפאָרן

מיט א דייטש פון דער ארבעט אין שטעטל דאלהינאוו. ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען ביזן שטעטל, האבן זיי באגעגנט א קריסטין און געפרעגט וואס הערט מען אין שטעטל. זי האט זיי געזאגט אז די לאגע איז נישט גוט, מען שעכט און מען ברענט יידן. יוסף איז צוגעפארן ביז דעם נייעם מארק און האט באמערקט אז נעבן בית־הכנסת איז שוין געלעגן משה פערלמוטער אין טלית א געשאסענער. דער דייטש האט דאן גלייך אויסגעדרייט דעם פערד אויף צוריק אין געזאגט צו יוספן: "דא האסטו מיין שינעל און פאר מיט א זייטיקן וועג קיין זאר און איך גיי אין שטעטל זען ווי איז די לאגע". דער דייטש האט פרובירט געפונען וועמען עס איז פון אונדזער משפחה אויפן מארק נעבן קלויסטער, קיינער איז ניט געווען. ווען דער דייטש איז געקומען צוריק אין זאר, האט ער איבערגעגעבן יוספן אז קיינער איז ניט געווען פון זיין משפחה.


איך מיט מיין ברודער חנוך און מיין שוועסטער סימעלע זיינען געווען אויסבאהאלטן ביי באנדארענקא אין פונע, און יוסף איז צו אונדז געקומען אין זעלבן טאג און מודיע געווען אז פון אונדזער משפחה איז קיינער נישט געווען אין מארק, ווייל מיין טאטע רפאל און מיין ברודער זיינען געווען באהאלטן אין א "מעלינע" צווישן 2 ווענט וואס האט זיך געצויגן פון אונדז ביז משה קאסאווסקי. צוזאמען מיט אונדז האבן זיך דאן געפונען אין פונע אויך חנה ברונשטיין מיט איר ברודער יוסף קוזניץ, איצט אין אמעריקע.

פון דער ערשטער שחיטה איז געבליבן לעבן די גאנצע משפחה פון מיין מומע מיכלה מיט די קינדער, וועלכע זיינען געווען אויסבאהאלטן אין דער "מעלינע" וואס איז געמאכט געווארן ביי אונדז אין שטוב. מיט א 2־3 טעג שפעטער האבן מיר גענומען גיין צוריק אין שטעטל. ווען מיר זיינען אנגעקומען ביזן שפיטאל,זיינען מיר אריין און באגעגנט דארט דעם ד"ר קאטלער. ער האט געשיקט א פויער אין שטעטל זען ווי איז די לאגע. דער פויער האט זיך אומגעקערט און געזאגט אז אין שטעטל איז שטיל. זיינען מיר געגאנגען. ווען מיר זיינען צוגעקומען אין אנפאנג שטעטל, האט אונדז ארומגענומען א ציטער, ווייל מיר האבן ניט געטראפן קיין לעבעדיקן מענטשן און עס האט אויסגעזען אז די גאנצע מענטשהייט איז דערשאסן געווארן, בלויז מיר אליין זיינען געבליבן. מיר האבן געזען: בלוטיקע גאסן, צעבראכענע הייזער א.א.וו. ווען מיר זיינען אוועק פון זאר קיין דאלהינאוו, איז מיין ברודער חנוך געבליבן ביי יוספן. ווען איך בין געגאנגען מיט מיין שוועסטער אין דער ריכטונג

פון אונדזער שטוב, זיינען מיר געווען אנגעטון ווי צוויי שיקסלאך, און **אז מיר זיינען אריין אין שטוב, האבן מיר געטראפן דעם טאטן מיטן** ברודער יידל. מיר זיינען דאן געגאנגען צו דער מומע מיכלה און געטראפן די גאנצע משפחה. דאך זיינען אומגעקומען פון דער ערשטער שחיטה א סך קרובים.

נאך דער ערשטער שחיטה האט מען גלייך אנגעפאנגען צו אראנזשירן דעם געטא אין סלאבאדקער גאס. דער דייטש וועלכער איז געפארן אין טאג פון דער שחיטה מיט יוספן אין דאלהינאוו, האט געזאגט מיט עטלעכע טעג שפעטער: "יוסף, מען וועט זא ווי זא אלע יידן מאכן קאפוט. האסטו מיין רעוואלווער און מאך לאס צו די פארטיזאנער". און אזוי איז עס געווען. ער האט באקומען דעם רעוואלווער און איז אוועק אין דער ריכטונג פון די פארטיזאנער אין וואלד.

אונדז און די גאנצע משפחה האבן ארויס געראטעוועט פון געטא די גויים און גענומען אונדז אין קאראלין ווו עס איז געווען ניעזאביטאווסקי׳ס פאלאץ און מיר זיינען דארט געווען ביז די דייטשן האבן זיך דערוווסט אז דארט געפינען זיך יידן. מיר האבן על פי נס באקומען א ידיעה אז עס קומען אהער דייטשן אונדז זוכן, האבן מיר נאך באוויזן צו אנטלויפן אין די וועלדער און ביז עס איז געווארן נאכט זיינען מיר אריבער דעם טייך און שפעטער האבן מיר זיך פארבונדן אין וואלד מיט די פארטיזאנער, ווו עס איז אויך געווען מיין ברודער יוסף,
אברהמל פרידמאן א.א.



ליבע דימענטשטיין ז״ל

מיינע איבערקומענישן

(פראגמענטן)

די ווייטער געגעבענע בלעטער פון פארשטארבענעם לייבע דימענטשטיין ז״ל זיינען אויסצוגן פון א גאר לאנגן אויספירלעכן בריוו – געשריבן צו קרובים און כלל דאלהינעווער אין ארץ־ישראל – נאך אין אקטאבער 1947. אלץ איז נאך פריש געווען אין זיכרון; הערצער האבן פיל געבלוטיקט אין ייסורים.

(23.10.1947. די.פי.־לאגער* הערציג דייטשלאנד) די רעדאקציע.

צרות יאגן צרות

דעם 22־סטן 1941 איז אנגעפלויגן דער נאצישער שטורם. דייטשע ארמייען האבן מיט א צעשמעטערישער קראפט אנגעגריפן סאוויעט־רוסלאנד פון אלע זייטן. ביז מען איז געקומען צו א געוויסן באשלוס, האבן שוין דייטשע אויספיר־איינהייטן אויפן דריטן אדער פערטן טאג פארנומען אונדזער היימשטעטל.

נאך איידער וואס ווען, איז שוין ניט געווען וווהין זיך אהינצוטון – ניט אין די הייזער ווי אויך ניט אין באהעלטענישן.

דריי טאג נאכן ארייננטריט זייערן אין שטעטל, זיינען שוין פארהאלטן געווארן 36 יידן – יינגערע און עלטערע – און מען האט זיי פארשפארט אין א געוויסער קראם אויפן מארק, מיטן תירוץ אז עס געפינען זיך צווישן זיי קאמוניסטן. אויב די קאמוניסטן וועלן ניט ארויסגעגעבן ווערן, וועלן אלע פאראהאלטענע דערשאסן ווערן. די פאמיליעס און קרובים פון די פאראהאלטענע האבן נעביך אנגענומען אלע מיטלען כדי זיי צו באפרייען. מען האט אנגעווענדעט אלעס וואס

* לאגער פון דעפלאסירטע און אויסגעווארצלטע (פון ענגליש – ״דיספלייסד פערסאנס״).

זיי האבן געקענט. מען איז געלאפן אפילו צום ארון־קודש אין די שולן, מען האט "געריסן קברים" אויפן בית־עלמין, מען איז ענדלעך אויך אנגעקומען צו דער אינטערוועניע פונם פוילישן גלח – א גאר גוטער און ליבעראלער מענטש, אן "אוהב ישראל".

גראד האבן זיך אויפגעהאלטן דאן אין גלח'ס הויז דייטשע אפיצירן. זיין שתדלנות האט טאקי געהאלפן; די אפיצירן האבן באקומען 4 ראווערן, צוויי פאר שטיוול ווי אויך 3 זייגערלעך. די פארהאלטענע זיינען באפרייט געווארן – נאכן אפהאלטן זיי אין פארלויף פון א גאנצן מעת־לעת מיט קלעפ אן אויפהער. צען אזייגער באנאכט זיינען די אומגליקלעכע אהיים געקומען.

צווי טעג שפעטער איז אנגעקומען אין שטעטל א שטראף־גרופע פון ס.ס. און באזעצט די "תרבות־שולע". נאכן באקומען פון דער לאקאלער "גמינע" א ליסטע פון "פארטייאישע קאמוניסטן" כלומרשט, האבן זיי פארהאלטן אפרים דעם קירזשנער, גאלדע דער נייטערינס מאן, א געוויסן קריסט פון מינסקער גאס ווי אויך א קריסט פונ'ם דארף יאשקובקע און א יידן פון פלעשצעניץ. די אלע זיינען געבראכט געווארן צום שייער פון דעם פראוסלאוונעם גלח, און באפוילן געווארן מיט לאפאטעס צו גראבן אליין פאר זיך א קבר. גלייך נאכדעם האט מען זיי אויפן ארט דערשאסן. די געהילף־פאליציי האבן געבראכט צען יידן צו פארשיטן דעם גרוב. די מערדערס האבן אויך גאר שטרענג פארבאטן איבערצופירן די דערמארדעטע פונ'ם ארט. אזוי זיינען שרעק און גרויל גרעסער געווארן פון טאג צו טאג. עס איז שוין קלאר געווארן פאר אלע, צו וואס נאצישע רוצחים זיינען פעייק.

באלד נאכדעם האבן זיך באזעצט אין שטעטל א10 ביז 12 דייטשע מיליטער־טעלעפאניסטן. ווידער זיינען יידן געצוואונגען געווארן זיי צו באדינען און אויספירן יעדן פארלאנג; רייניקן זייערע זאכן און פוצן די שטיוול, זייער קווארטיר פון דרויסן און אינעווייניק ווי אויך זייערע אויטאמאבילן. מען האט זיי אויך געמוזט באזארגן מיט האלץ צום הייצן, אפרייניקן די שנייי פונ'ם שאסיי און ברענגען מלבושים פאר זייערע "נקבות" מיט וועלכע זיי האבן פארבראכט.

אייניקע טעג נאכדעם האבן געהילף־פאליציאנטן צוזאמענגענומען א גרופע יידן און זיי געבראכט אויפן שטח פון שטעטלשן בית־עלמין ווו ס'זיינען שוין צוגעגרייט געווען פון פריער סלופעס מיט שטעכל־דראט כדי ארומצוימען דעם אנגעצייכנטן שטח. קיינער האט ניט געקענט

באגרייפן וואס דאס באדייט. איין ידיעה האט געזאגט, אז מען גרייט צו אויפן פלאַץ אַ שטראָף־לאַגער פאַר יידן און קאָמוניסטן פון אָקופּירטע רוסישע טעריטאָריעס; אַנדערע האָבן באַהויפּטעט, אַז מען גרייט צו אַ פלאַץ אויף צו קאָנצענטרירן בהמות. צום סוף זיינען אַנגעטריבן געוואָרן אויפן פלאַץ קריגס־געפאַנגענע רויטע אַרמייער, אויסגעהונגערטע, קראַנקע און פאַרוואונדעטע, אונטערן פרייען נאַקעטן הימל. די יידן זיינען אויך באַפוילן געוואָרן אויסצוגראָבן אַ לאַנגע קאַנאַל־רינע ביז צום טייכל, כדי צו ציען וואַסער צום טרינקען. די קריגס־געפאַנגענע האָבן געטרונקען דאָס וואַסער פון׳ם קאַנאַל און געמאַכט אויך זייערע באַדערפעניש דאָרט.

אַ דייטשע איינהייט פון סאָלדאַטן מיט אָפיצירן איז איין נאַכט אָנגעקומען אין שטעטל זוכן און רעקווירירן שטיוול. שטעטלשע פויערן האָבן אָנגעוויזן אויף צוויי יידן, געוועזענע לעדער־סוחרים פאַר 1939 – ייזע (יהושוע) כץ און חיים־יצחק פרעסמאַן הי״ד. ביידע האָבן נעביך ניט געהאַט צו געבן זיי שטיוול אָדער לעדער; אַלס שטראָף און דרוק־מיטל האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן צווישן די קריגס־געפאַנגענע. צומאָרגנס פרי זיינען זיי – צוזאַמען מיט אַלע קריגס־געפאַנגענע פון׳ם שטראָף־לאַגער געטריבן געוואָרן אין דער ריכטונג פון קורעניץ. אויפן וועג זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן צווישן אַ מענגע געפאַנגענע. אמת, דער ״יודנראַט״ און זיינע מיטגלידער האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען כדי זיי צו באַפרייען אָבער ליידער אָן רעזולטאַטן. אין גרויס געפאַר – האָבן זייערע משפחות איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי זיי צו ברענגען אין שטעטל צו קבר־ישראל.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אין די פאַרנאַכט־שעה׳ען נייע קרבנות. דייטשן – געפירט פון געהילף־פּאָליציסטן לויט אַ ליסטע – האָבן אַרעסטירט לאַדזשע איידלמאַן, חנה־רייכע יפה און נאָך אַ פרוי (ציפּע־מלכהס טאָכטער, דוכט מיר) ווי אויך צוויי קריסטן. אַלע 5 זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער קראָם פון פאַליע סאָסענסקי אויף אַ גאַנצן מעת־לעת אָן עסן און טרינקען. ווידער זיינען ״יודנראַט״ מיטגלידער אַרומגעלאָפן זיי צו באַפרייען דורך שתדלנות און ווערט־זאַכן. כאָטש די רוצחים האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען אַלעמען צען אַזייגער באַנאַכט, האָבן זיי ניט געהאַלטן זייער צוזאָג. צו דער צוגעזאָגטער שעה טאַקי האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין אַ אויטאָ און הינטערן שטעטל אַלעמען דערשאָסן.

אזוי האבן צרות און גזרות געיאגט פון טאג צו טאג; קיינער האט ניט געקענט וויסן וואס וועט אים ברענגען דער טאג פון מארגן. אט איז ווידער געקומען א נייע גזרה – גאר א נייע "באשטעלונג" פאר "פרויען" – פאר "נקבות" וואס "שפענדן זייער צייט און איידלקייט" די דייטשן. אין פארלויף פון דריי שעה מוז מען צושטעלן מאדערנע שיך, דאמען־מאנטלען און זיידענע זאכן ווי אויך גאלדערנע זייגערלעך און פינגערלעך. ס'איז גאר ביטער געווארן; עס איז געווארן אוממעגלעך כמעט צו באפרידיקן אלע דייטשע "אפעטיטן", אויך פארלאנגען פון היגע געהילף־פאליציאנטן. וואס עס איז געווען האט מען שוין אוועקגערויבט. און אזוי מיט גרויס מי און אפבעטענישן איז געלונגען דעם "יודנראט" אפלייגן די גזרה און די באשטעלונג איז אויסגעפירט געווארן 4 טעג נאכדעם.

עס זיינען שוין אוועק די הערבסט־מאנאטן פון 1941; אט איז שוין אויך אדורך דעצעמבער און אנגעפאנגען האט יאנואר 1942. שטארק־געדיכטע שנייען, גרויסע פרעסט; ס'איז קאלט געווען ארום און ארום – אין די הייזער ווי אויך אין דרויסן. טאג איין טאג אויס ווערן א 300 יידן אדער מער געשיקט אויף ארבעט; אפשארן שנייען פון די וועגן – דער נאצישער אויטא־פארקער זאל ניט געשטערט ווערן חלילה!. טיילמאל מוזן יידן אויך הארעווען און ארויסשלעפן אויטאמאבילן פארזונקענע אין א שניי־זאוויערוכע. עס ווערן 85 יידן געצוווּנגען לויפן צופוס ביז 64 קילאמעטער – ארויסצושלעפן א לאסט־מאשין אויפן וויטעבסקער וועג – ביי דאס שטעטל לעפעל.

א קורצע צייט איז אדורך, אפשר א וואך און אפשר מער; ווידער א איוב־בשורה, א בראך! דער פאליציי־קאמענדאנט איז געקומען אין "יודנראט" מיט א באפעל פון ווילייקער ס.ס. איינהייט, ארויסצושיקן אין ווילייקע 40 יונגע מענטשן צו דער ארבעט. אויף א זיצונג פון "יודנראט" האט מען אפקגעקליבן וועמען צו שיקן און באשלאסן מיטצוגעבן זיי גוטע ווארעמע זאכן ווי אויך ווערט־זאכן; אפשר וועלן זיי קענען אויסקויפן זיך אין א בייזער שעה און ניט דערשאסן ווערן. אלע אן אויסנאם האבן זיי באגלייט מיט א תפילה און ניט איינער האט געלאזט א טרער און א שטילן ווייטאגלעכן זיפץ. 4 טעג שפעטער אין עוזר־בער אלפעראוויטש געפארן אין שליחות פון "יודנראט" קיין ווילייקע און ווידער געגומען פאר אלעמען עסן. דער אויסערגעוויינלעך

הייסער און הארציקער מענטש האט גענומען אויף זיך די מיסיע, ניט צו שפארן באמיונגען און באפרייען די 40 יונגע קינדער. ער האט געבעטן אלעמען צוגרייטן נויטיקע ווערט־זאכן כדי אויסצולייזן די יונגע קינדער, אין ווילייקע קומענדיק האט ער אפילו ניט געקענט צוקומען צו די פארשיקטע. זיי האבן געאהבעט ביי ס.ס. און געסטאפא. ער האט דאס עסן אוועקגעגעבן און ניט אנטוישט געווארן צוליב די שוועריקייטן. דער דאקומענט פון דייטשן קאמענדאנט האט אויך געהאלפן א ביסל; ער האט אנגעפאגען אונטערהאנדלען צו באפרייען די חברה.

דורך נאכט איז ער שוין געווען צוריק אין דאלהינאוו און אויף מארגן פרי ווידער געפארן קיין ווילייקע – מיטנעמענדיק זיין צוגעגרייטע באשטעלונג. צו דער אלגעמיינער פרייד פון זייערע משפחות איז ער געקומען מיט די יונגען אהיים. אמת אלע זיינען געווען גוט צעשלאגן און פאר־ווונדעט – ווער אין קאפ, ווער אין די הענט אדער פיס – ניט גאנץ, אבער מיטן לעבן. די אלגעמיינע פרייד אין שטעטל האט פארשטערט דער טראגישער פאל: בלויז 39 זיינען צוריקגעקומען. איינעם פון זיי – דעם זון פון שפריירעגן – האט דער ס.ס. קאמענדאנט דערהרגעט צוזאמען מיט דער מוטער. געבליבן ביים לעבן נאך דער מלחמה זיינען בלויז 7 פון זיי. די אלע אנדערע זיינען אוועק צוזאמען מיט די יידן פון דער גאנצער קהילה.

אנפאנג מערץ 1942 איז ווידער געקומען א גרופע נאציס מיט א באפעל צום "יודנראט", יידן זאלן תיכף צושטעלן אויפן מארק־פלאץ אלע בעסטע מעבל וואס זיי האבן אין שטוב. גלייכצייטיק מוז מען ברייגגען אויפן פלאץ 500 אייער ווי אויך 50 הינער. אין פאל ווען אלעס וועט ניט צוגעשטעלט ווערן, וועלן אנגענומען ווערן שווערע און שטרענגע מיטלען. וואס איז דען געווען צו טון? יידן האבן צוזאמענגעטראגן דאס ביסל מעבל. מען איז געלאפן צום פוילישן גלח. ער האט געהאלפן מיט אייער ווייל יידן האבן שוין ניט געהאט. אויך דאס מאל זיינען די רוצחים אוועקגעפארן.

גרויזאמע "אקציעס" פון מאסן־מארד

צוויי טעג פאר פסח דעם 28־סטן מערץ 1942, האבן מיר דורכגעלעבט די ערשטע מאסן־שחיטה וואס נאציס מיט געהילף־פאליציאנטן און מיטהעלפער פון פוילישע און ווייסרוסישע שטעטלשע און דארפישע קריסטן האבן דורכגעפירט.

6 אזייגער אינדערפרי האבן די מערדערס אנגעפאנגענען א שטארקע אומאויפהערלעכע שיסעריי. באלד האבן זיך געלאזט הערן קולות און געוויינען ווי אויך זידלערייען פון די רוצחים. הערנדיק די קאנאנאדע און הילפרופן, בין איך מיט מיין פרוי פייגל ארויף אויפן בוידעם אין מיין קליינער שטוב באהאלטן זיך, אפליגנדיק דעם גאנצן טאג ווי אויך די נאכט ביז אויף מארגן 7 אינדערפרי. די מערדער האבן געפירט זייערע אכזריות'דיקע טאטן פון 6 אזייגער פרי ביז 9 באנאכט; כאטש מיר האבן געהערט אז עס איז שוין שטיל געווארן, זיינען מיר געבליבן ליגן אויפן בוידעם. מיר האבן אלעס געהערט און אויך טיילווייז געזען דורך שפארונעס. מיטהעלפנדע רוצחישע פויערן האבן א פאר מאל געעפנט די טיר, אין שטוב אריין זוכן יידן. זיי האבן אוועקגענומען עטלעכע הינער און אוועק, מיינענדיק אז אין שטוב איז קיינער ניטא.

אויף מארגן גאר פרי האב איך דערהערט אז עמיצער שעפט וואסער פונ'ם ברונעס אינדרויסן אנטקעגן אונדז. ארויסקוקנדיק דורך א שפארונע האב איך געזען סאניען די פרוי פון גורעוויטש דעם שניידער. זי איז געווען צווישן די אפגעקליבענע ספעציאליסטן. מיר זיינען דאן אראפ פון בוידעם און געהערט פון איר, אז די רוצחים זיינען שוין אוועק. פלוצלונג איז "ארויסגעוואקסן" פאר די אויגן דער קאמענדאט פון פאליציי און זיך צעשריען אויף מיר: "וואס, דו לעבסט נאך? ווי אזוי? איך האב דאך דיך געזען צווישן א גרופע יידן וועלכע זיינען דערשאסן געווארן". כ'האב גלייך פארשטאנען, אז ער האט מיך פארביטן מיט מיינע 2 ברידער אין דער גרופע. געוווסט האב איך: ניטא שוין מיינע ברידער!

א פאר מינוטן נאכדעם האט ער מיר באפוילן אויפקלייבן 8 הרוגים וואס מען האט דערשאסן אין גאס, ניט ווייט פון אונדזער שטוב. עס איז מיר פינצטער געווארן אין די אויגן אז איך האב ניט תופס געווען און ניט באנומען, ווער זיינען געווען די קרבנות. איך בין געלאפן אין דער ריכטונג פון בית־הכנסת, הרוגים זיינען געלעגן ארום. איך האב ניט געוווסט וואס איז מיט מיר... מיין הארץ האט געדריקט ארויסצושפרינגען. א צעשראקענער יאמער און רוף האט מיך אויפגעוועקט: "פעטער, פעטער! איך בין געבליבן אליין!" מיין פלימעניצע טייבל, מיין ברודער ירמיה'עס טאכטער, האט געררופן ציטערנדיק פון יעדן שארך... פון איר האב איך שוין געהערט אלע אומגעהויערע גרוילן. ווי אזוי מען האט צוגענומען מיינע צוויי ברידער, איר פאטער ירמיה און יעקובן מיט די פרויען און קינדער, מיין שוועסטער שרה מיט דער טאכטער. ווי אזוי

מען האט געשלעפט יוסף־חיים דעם קצב אין טלית און תפילין און נאך אנדערע. זאג מיר ליבער ג–ט! אווו און וועו האב איך שלעכטס געטון? וואס איז מיין פארברעכן אז איך בין באשטראפט צו באגראבן אלע מיינע נאענטסטע? אבער כל זמן מען לעבט מוז מען אלץ טון און באמיען זיך אפצוהיטן דעם מענטשלעכן יידישן כבוד וואס רוצחים האבן געטראטן אויף יעדן שריט און טריט. האט מען גענומען כלים צו גראבן די פארפרוירענע ערד צו באערדיקן אונדזערע קדושים און ג–ט אליין האט געשוויגן.

אלץ וואס איז אויסגעפאלן אויף אונדז איז נאך ניט גענוג געווען; די ייסורים אוןליידן האבן אונדז ניט פארלאזן. באלד איז געקומען די גזרה פון געטא. אלע יידן מוזן זיך קאנצענטרירן אין געשלאסענעם, אפגעזונדערטן און פארצוימטן געטא, וועלכן יידן אליין מוזן פארצוימען. דערביי האבן אונדז פאליציי זייער פיל געשלאגן. פון מיין שטוב – ווו ס'איז פארגעקומען א זיצונג פון "יודנראט" – איז אוועק א דעלעגאציע צום קאמענדאט פון דער פאליציי, כדי אויסצופועלן מען זאל אויפהערן צו שלאגן... מען האט אים פארגעלייגט שטיוול און גוטע אנצוגער ווי אויך אנדערע זאכן. דאס האט אויך ניט געהאלפן; דער קאמענדאנט האט זיך אפגעזאגט צו אינטערוועניר̈ן באהויפטנדיק אז ער האט שוין אלעס געטון. ער האט זיי געוויזן א צימער פול מיט אנגערויבטע זאכן און שטיוול, וואס מען האט אראפגעצויגן פון די דערמארדעטע אין דער "אקציע" און אנגעראבירט פון די יידישע הייזער נאכן איבערטראגן זיך אין געטא. ס'איז דאך געווען א באפעל אלעס איבערצולאזן אויפן ארט. דאס שלאגן האט ניט אויפגעהערט; אלע יידן זיינען אוועק אין זייערע געטא־הייזער הינטערן צוים.

די פריערדיקע דערפארונגען האבן איבערצייגט יעדן אז די מערדערישע "שפיל" מיט אונדזער לעבן גייט צו ענדע... דער לויערנדער טויט קען אנקומען יעדע סעקונדע. א מיטגליד פון "יודנראט" בערע ברוק, דערוויסנדיק זיך אז ס.ס. לייט און לאטישן זיינען א געוויסן אונט געקומען אין שטעטל, האט פאראויסגעזאגט א נייע שחיטה. יידן פארזאמלט אין "יודנראט" האבן זיך געזעגנט און צעקושט, וויינענדיק ביטער אויפן פינצטערן גורל און וויסנדיק, אז מען וועט אפשר זיך מער ניט זען. מען איז זיך צעלאפן אין די הייזער כדי זיך צו באהאלטן אין צוגעגרייטע "סכראנען" – פאר דער ביטערער שעה.

אוועק און אדורך א ביטער אומרוייקע נאכט פון פיל דאגות. ווי

ס׳איז ליכטיק געווארן, האבן דייטשע הענקער מיט זייערע מיטהעלפער און נאכשלעפער אנגעפאנגען זייער מאסן־אקציע ״להרוג ולאבד...״ פון אונדזער באהעלטעניש אין א זייער קליין גרוב – צענויפגעקארטשעט ביי 18 מאן – האבן מיר אלעס געהערט און געזען האבן אונדזערע הערצער־אויגן וואס עס קומט פאר. געהערט האבן זיך געוויינען און געשרייען פון ארויסגעשלעפטע קרבנות פון יוסף־חיים דעם בלעכער׳ס משפחה, דעם שוחט׳ס־משפחה א.א., אונטער א שטארקע אומאויפהערלעכע ביקסן און מאשין־געווער קאנאנאדע. אין גרוב מיט מיר זיינען געווען מיין פרוי פייגל און אונדזער טאכטער סאנקע, רייזל קאפל׳ס מיט אירע דריי טעכטער, מיין שוועסטערס זון מיט זיין פרוי, טייבעלע – די איינציק לעבן־געבליבענע פון ירמיה׳עס משפחה – ירמיהו סווערדלין און א פרוי פון פלעשצעניץ. די לופט אין אונטער־ערדישן גרוב איז געווען גאר געדיכט און שטיקנד. דאס אטעמען איז יעדן שווער אנגעקומען. מען איז געלעגן כמעט הויל, טייכן שווייס האבן זיך פון יעדן געגאסן. שרייבנדיק היינט אלעס צו אייך איז מיר אוממעגלעך צו פארשטיין ווי אזוי זיינען מיר ניט דערשטיקט געווארן...

אזוי זיינען מיר אפגעלעגן אין מוראדיקער טויט־שרעק און שטיקעניש דריי מעת לעת, די צווייטע נאכט ארום איינס אזייגער איז פלוצלונג שטיל געווארן אביסעלע. שיסערייען, זידלערייען, תחנונים און הילפס־געשרייען האבן אויפגעהערט, די פארמאטערטע מערדערס האבן געמאכט א פויזע, כדי אפצורוען זיך... רייזלס קינדער האבן זיך געבעטן עפענען דאס פארבארגן ארייננגאנג־טירל, צו אפאטעמען א ביסל פרישע לופט. נאך צוויי טעג אין גרוב האבן מיר געעפנט... פייגל מיין פרוי און רייזלס טעכטער זיינען ארויס. זיי האבן געפונען ברויט ווי אויך אביסל וואסער און אונדז אריינגעגעבן אין גרוב. אזוי ווי ס׳איז געווען אינגאנצן שטיל, זיינען זיי ארויף אויפן בוידעם אויסציען די ביינער און אפרוען אביסל.

פינף אזייגער פארטאג איז נאך געווען פינצטער; די מערדערס האבן שוין באנייט זייער גרוילהאפטע רוצחישע מלאכה. שטעטעלשע און דארפישע שקצים האבן ווידער אויפגעבראכן באהעלטענישן צו אנטדעקן יידן. שיסערייען האבן ווידער אנגעפאנגען ווי אויך יאמער־געשרייען און געוויין פון די אומגליקלעכע. די שקצים זיינען ארויף אויך אויף אונדזער בוידעם, אראפגעשלעפט די פרויען און איבערגעגעבן די מיטגייענדע ס.ס. לייט, וואס האבן זיי אויפן ארט דערשאסן. מיר זיינען ווייטער געבליבן ליגן אין געדיכטער שטיקעניש און פאראליזירנדער

טויט־שרעק. ס׳איז שוין אוועק אינצווישן נאך א טאג מיט א נאכט, די נאכט פון ערשטן מאי צום צווייטן מאי 1942. אויפן פערטן מעת־לעת איז אריין אין אונדזער שטוב הענקע הירשל־קאפל׳ס פרוי און מיך גערופן: ״לייבע, לייבע! דיין פייגל, דיין געליבטע פרוי ליגט דערשאסןביים ארייננאנג פון שטוב!״ איך האב דערקענט איר קול, אויפגעהויבן דאס טירל און ארויסגעקראכן... איך בין אנידערגעפאלן... כ׳ווייס ניט צי אין ״חלשות״... כ׳בין ניט אימשטאנד געווען צו שטיין בלייבן אויף מיינע פיס, אלעס ארום מיר האט זיך געדרייט... אזוי אויך אלע ארום מיר. מיר האבן זיך צעלייגט אינדרויסן אויפן הוילן באדן און אפגעלעגן אין פארלויף פון א קורצער ווײַלע, ביז עס איז אונדז מעגלעך געווארן נארמאל אטעמען און געניסן פון פרישער לופט.

אויסטשוכענדיק זיך אביסל און עפענענדיק מיינע אויגן, האב איך דערזען די אימה׳דיקע און גרויזאמע רוצחישע מערדערייען און זייערע קרבנות. אין קאלוזשעס פון פארטריקנטע בלוטן זיינען געלעגן מיין פייגל, די איבערגעגעבענע פרוי און רייזלס צוויי טעכטער. אביסעלע ווייטער איז אויך געלעגן מיין פלימעניק. אויף דער גאס לענגאויס ארום און איבער די הויפן פון מיינע שכנים נחום־משה און שאול חיה־העשקע׳ס – הרוגים, קליין און גרויס, יידישע מענער און פרויען, ווי אויך קינדער. עס לויפן שעהן און טעג; מיר שטייען און גראבן קברים פאר נאענטסטע, נאענטע און ווייטערע אונטער שווייגנדע הימלען... וועלט ווו ביסטו?! אזוי האבן מיר איינציקע, איינזאמע רעשטלעך פון א קהילה יידן, באגראבן אונדזערע קרבנות פון דער אומגעהויערער שרעקלעכער שחיטה וואס האט געבושעוועט דריי טעג.

אדורך ווידער א פאר נעכט און טעג; מיר זיינען שוין ניט צוריקגעגאנגען אין אונדזער הויז. מיר האבן זיך ארייגעקליבן אין דער שטוב פון הירשל קאפל׳ס צוזאמען מיט זיי. זיצנדיק אין אוונט אין געהאקטע צרות האבן מיר דערהערט צוויי ביקס־שאסן. אט האבן מיר געמיינט שוין אז געקומען איז אויף אונדז דער סוף... מיר האבן דערהערט טענות ומענות פון ניאמקע ריער און אבא איטשע׳ס (גיטליץ) וואס האבן גערעדט מיטן שיסער, א דייטש. געפאדערט האט ער קאטעגאריש פון זיי מען זאל אים ארויסגעבן דריי יידן, צוויי מענער, און א פרוי. ער מוז זיי שיסן מיט זיינע אייגענע הענט... ער האט אליין זיי געזען גיין מיט געסטאפא־לייט אנווייזנדיק אויף יידן באהעלטענישן.

״יאוואהל! דאס איזט וואהר דאס איך דויטשע בין״, האט ער געזאגט, ״אבער קיין מערדער! איך האבע איינען פאטער

און מוטער ווי אלע לויטע... איין מענש בין איך! פינף טאגע
האבע איך קיינע רוהע פאן דעם איך געזען האבע..."

דער "יודנראט" האט פארשפראכן ברייגנען צו אים די דריי אויבנדערמאנטע אויף מארגן אינדערפרי.

כדי ניט צו האבן צרות, האט מען זיי טאקי געבראכט אויף מארגן אינדערפרי אין "יודנראט". מען האט זיי אבער ניט אויסגעליפערט צום דייטש. פארשפארט האט מען זיי אין קעלער. מען האט פארשטענדלעך זיי געמאכט גוטע פארווורפן און אפשר אויך דא און דארט דערלאנגט א פאר קלעפ, אבער ניט ווי זיי האבן אפשר פארדינט... אפהאלטדיק זיי א אויפגעהערט וועגן דעם צו דערציילן.

א צייט לאנג איז די מעשה מיטן געוויסנהאפטן דייטש דערציילט געווארן צווישן די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן. אפילו אין וואלד זייענדיק צווישן אנטלאפענע פון ארומיקע שטעטלעך האט מען ניט אויפגעהערט וועגן דעם צו דערציילן.

די ווייטערע בלעטער פונ'ם בריוו באשרייבן די וואנדערונגען פון לייבען מיט דער משפחה איבער דערפער – פון איין פויער צום צווייטן און איבער וועלדער – נאכן אנטלויפן פון געטא און שטעטל. צוויי מאנאטן אין וואלד אליין מיט צווי מיידלעך. די באגעגעניש מיט פארטיזאנער און זייער הילף, שפעטער אן אויספירלעכער באריכט פונ'ם מארש איבער די פראנט־ליניעס טיף אין רוסלאנד מיט אלע איבערקומענישן ביז נאוואסיבירסק.

דער וועג צוריק אויף דער פרייער וועלט

זומער־מאנאטן יוני און יולי 1944 זיינען שוין אלע רוסישע טעריטאריעס נאך 1939 פריי געווען פון דייטשע אקופאנטן, אויך אונדזער געגנט, ווי אויך דאלהינאוו אונדזער היימשטעטל. ס'האבן זיך דערוועקט פארלאנגען אומצוקערן זיך אין דער חרוב'ער היים. איך און נאך א פאר פארוואגלטע יידן האבן געמאכט באמיונגען, מען זאל אונדז דערלויבן אהיים צו פארן.

פלוצלונג האב איך איין טאג דערהאלטן א טעלעגראמע פון מינסק. מיין זון זעליג איז מודיע, אז ער לעבט און איז געזונט אין מינסק. טרערן האבן זיך פון מיר געגאסן, פון גרויס פרייד האב איך געוויינט... מיין זון זעליג לעבט! כ'האב מיך דערמאנט אין וועלכע אומשטאנדן איך בין געצווונגען געווען איבערצולאזן אים א קראנקן אין וואלד אליין,

נאענט צו דער פארטיזאנער־באזע. כ'האב שוין גארניט באדארפט, צוריק בלויז צו פארן שנעל אין אונדזער געגנט און אים זען. אן לאנגע שהיות האט מען אונדז דערמעגלעכט צו פארן מיטן עשאלאן ביז מינסק דערווייל, אין אונדזער סביבה האבן זיך געפירט קאמפן מיט באנדעס פון מערדער. מיר האבן זיך געשלעפט א דריי וואכן ביז מינסק – דורך דערפער, חרוב געווארענע יידישע שטעט און שטעטלעך. ווו מען האט אן אויג געווארפן זענען געווען סימנים פון חורבן, פון בלוט און פייער. פון מינסק האבן מיר זיך מיט גרויס מי, פארנדיק מיט פורן און צופוס, ענדלעך דערשלאגן אין אונדזער דאלהינאוו.

שטייען מיר איינציקע יידן, איינציקע עלנטע צווייגן פון קהילה־בוים און קוקן אויף אונדזער היים. זעליג מיינער איז שוין אויך מיט מיר. ארום אונדז איז אלעס וויסטע און חורבן. ווער קען באשרייבן וואס מיינע אויגן זעען? אלץ צעשטערט און פארברענט. דריי הייזער שטייען אויף באריסאווער גאס. דייטשן האבן זיי באזעסן און דעמאלירט. ארום און ארום קברים פון יידן ווי אויך פון פארדעכטיקטע קריסטן. אומעטום וואלגערן זיך מענטשלעכע ביינער אויפן זאמד. אויסגעהאקטע בוימער און צעשפליטערטע מצבות אויפן בית־הקברות... אלץ איז פאריתומט ווי די ברידער־קברים פון אלע קדושים!

איך האב ווידער געעפנט מיינע אויגן... עס מיר קלאר: ניטא אויף וואס צו בויען! ניטא א לעבן אויף קברים! ווידער ברענט די ערד אונטער אונדזערע פיס. מען מוז זיך אפטראגן און אוועק. קהל מ'שטיינס געזאגט, א קהל פון אפשר צוויי מניינים יידן האט זיך ווידער אין וועג גענומען. איך בין מיט מייניקע אריבער אין פוילן. אין לאדזש זיינען מיר אפגעזעסן א 6 וואכן, אומלעגאל געשווארצט דעם גרענעץ, דערשלאגן זיך קיין בערלין. דא האט זיך אנגעהויבן א נייער נארמאלער לעבן. א מענטשלעכע באציונג צו אונדז; מען עסט ווי מענטשן, מען אטעמט אפ זיכער אן פחד און שרעק. און תכלית? ווארט מען ווייטער. אין א שטיקל צייט ארום האט אונדז "אונרא" געבראכט אין הערציג. אונדזער צוקונפט? שווער צו ענטפערן. ארץ־ישראל, וווהין ס'ווילט זיך פארן, איז געשלאסן. ענגלענדער לאזן ניט צו. מירווארטן אויפן "אפידייוויט" פון מיינע קרובים אין אמעריקע. אזוי – איז אונדז באשערט נאך אזוי פיל טייכן בלוט און פייער־מבול... מיר פארן קיין אמעריקע מיטן גלויבן אז ארץ־ישראל וועט ווערן א יידישע מדינה. וועט נאך מיר באשערט זיין קומען און איבערלאזן מיינע ביינער אין דער אויפשטייענדער מדינה!

חנוך (הענעך) שפרבר (כפר סבא)

משחק שטני בין שחיטות
(סיפור אישי)

אני חנוך (הענעך) בן רחל ושמואל בדולהינוב, מבקש בזה להעלות את סיפורי האישי.

אתחיל את סיפורי מכיבוש עיירתנו ע"י הגרמנים בסוף יוני 1941. מאז כבר לא ידענו מנוח מהצקותיהם ונגישותיהם של הגרמנים, אף כי מספרם בעיירה היה מועט. אבל הם יכלו לסמוך על עוזריהם הפולנים שכונו "שוטרי־עזר". כבר בימים הראשונים נתפסו יהודים כעובדי־כפיה ונשלחו למקומות שונים. לאחר שבועות מספר – עם כינון ה"יודנראט" – נפסק המצוד ויהודים הלכו לעבודה "מרצונם הטוב" – לפי הוראת חברי "מועצת היהודים".

לא זכור לי כיום, אם היה זה בסוף פברואר או בראשית מארס 1942, כאשר נשלחנו עשרה אנשים לכפר מיקולינה לחצוב קרח מהאגם הקפוא. המשכנו בעבודתנו זו שבועות מספר. בלילות היינו ישנים בבית ה"סולטיס" – ראש הכפר. מפעם בפעם ניתנה לנו רשות לבקר בבתינו בעיירה, משך שעות מספר. אבל תמיד חזרנו לעבודה. אור ליום י"ב בניסן תש"ב – 28 במארס 1942, יום ההרג הראשון בעיירתנו, השכמנו לעבודתנו כרגיל. כמדי יום ביומו עמדנו להתפלל תפילת־שחרית, בטרם צאתנו לעבודה. והנה הגיע שוטר־עזר לפתע וביקש מ"הסולטיס" לסור עימו הצידה. הם התלחשו ביניהם קמעא וכנראה ציווה עליו לשמור עלינו כי עומדים לבוא לקחתנו. הסולטיס חזר אלינו ואמר, כי המצב רציני ביותר וביקשנו למהר לצאת לעבודה. לקחנו כלי־עבודה ויצאנו. אלא שבמקום ללכת אל האגם, נכנסנו אל היער בכיוון בודסלאב לחטוב עצים, מתוך חשבון לברוח ולהסתתר בשעת סכנה. עוד בטרם העמקנו ביער, נשמעו מכיוון דולהינוב הדי יריות ומטחי־אש עזים ונמרצים. על אף פחדינו הגוברים, החלטנו כולנו לחזור אל עיירתנו ולראות את הנעשה: להיות מול הסכנה עם בני־משפחותינו ולא להפקירם.

שני שוטרי־עזר פולנים ניקרו לקראתנו והביאונו אל תחנת־המשטרה. לאחר שאלות מאין באנו ולאן אנו הולכים, מה מעשינו? נאמר לנו לחזור

לבתינו. כל אחד המשיך בדרכו אל ביתו. בלכתי פגש בי שוטר מכר והודיענו כי משפחתי "שוחררה" ביוזמתו ויותר מזה אינו יודע דבר. המשכתי בדרך והגעתי לביתי, לשמחתם הרבה של כל בני המשפחה: של אשתי וילדי, שתי אחיותי ואחי ועוד מבני משפחתה של אשתי. הגעתי הביתה בשעות אחה"צ המאוחרות לאחר ששקטו כבר גלי ההרג, אם כי נשמעו עוד מפעם בפעם יריות. בינתיים ירד הערב ובא הלילה והסתדרנו למנוחה, לאחר שעות האימה והפחד אשר היו מנת־חלקנו במשך היום והלילה. הלילה עבר בשקט. השכם למחרת הלכנו לעסוק בקבורתם של הרוגי ה"אקציה" הגרמנית הראשונה. אין בכוחי לתאר את אשר ראיתי והרגשתי, תוך מילוי החובה הגדולה כלפי קדושינו הי"ד.

ימים מספר או שבוע לכל היותר לאחר טבח הדמים, נצטוו הנותרים לעבור לרחוב בוריסוב בו הוקם ה"גיטו" ליהודים. כמו כל הנותרים עברתי גם אני עם בני־משפחתי בהתאם לצוו שניתן. שוב נשלחתי עם חברים לעבודה למקומות שונים מחוץ לעיירתנו.

משחק הדמים בטרם שחיטה

בשעות הערב אור ליום י' באייר – 27 באפריל 1942, הודיעוני מטעם ה"יודנראט" כי בבוקר השכם עלי לצאת יחד עם עוד תשעה בחורים, לעבודה בכפר קלריאנובה. אכן, יצאנו בהתאם להוראה שניתנה והגענו לכפר. משך כל היום עד הערב גזמנו וגם עקרנו עצים שיבשו בגנים. בדרכנו לשוב הביתה, נתקלנו בשוטרים גרמנים ואנשי ס.ס. אשר נעו לקריביץ' רכובים על סוסים. הם עיכבו אותנו לשם בדיקת כרטיסי העבודה ורשיונות התנועה. היינו, כאמור, עשרה: משה קוראק, שמואל והירש גרוסביין; קופל אלפרוביץ מאיליה, גרשון פרבוזקין, ראובן קאצוביץ', ולוול (זאב), ברל אכסלרוד, אני עצמי ועוד אחד שאינו זכור לי. הם לא איפשרו לנו להמשיך בדרכנו וציוו עלינו להתיישב על האדמה בצד הדרך; כמו"כ פקדו עלינו לחלוץ נעלינו. החילונו לעשות כאשר ציוונו; קופל אלפרוביץ התרומם פתאום ותוך קריאה, "הבה נברח!" החל לרוץ בכל כוחו ושני הגרוסביינים אחריו. הם הספיקו להתרחק כיברת דרך אולי כ־500 מטר ויותר. השוטרים החלו לרדוף אחריהם כדי להשיגם. אנשי ס.ס. החלו לירות מרובים ותת־מיקלעים, אלפרוביץ' נפגע ונפל. הרודפים השיגו בינתיים את הגרוסביינים והיכו אותם נמרצות באלותיהם עד לאיבוד הכרתם. כל השאר נצטוו לקום ולעמוד על רגליהם; משה קוראק ואנוכי נצטווינו לסחוב את הנפגעים ולהביאם אל פאתי החורשה.

החילונו לעשות את אשר הוטל עלינו בפקודת הרוצחים. סחבנו את גופות הגרוסביינים המוכים ואחד מהם נשם עוד חלושות. הבאנו אותם לפאתי החורשה. כאשר הלכנו בשלישית להביא את גופתו של אלפרוביץ', היינו כבר לאים ויגעים. ביקשתי את השוטר שהלך אחרינו כי ירשה לנו לנוח קמעא, אך נעניתי במהלומת קת רובה: "מהר וסחוב, גם דמך יוגר וינתז – כדם היהודי על סכין ניתז...[1]" בשארית כוחותינו הגענו עם הגופה אל החורשה ומיד נצטווינו לעמוד עם שבעת הנותרים. כעבור דקות מספר נורו כולם בעורף וברקה. גם אני נוריתי ונפגעתי בעורפי ליד המפרקת. נפלתי פצוע וזב דם. עם זאת לא איבדתי את ההכרה. חשתי בבודקם ובנסותם להיווכח אם כולם מתים. קיבלתי מכה חזקה בקרסול אך עשיתי עצמי בלתי־רגיש ולא הגבתי כלל. כעבור זמן מה הם הסתלקו לדרכם. הוספתי לשכב עוד מחשש שעלול אני להתגלות. שיחררתי רק את עצמי מגופת ההרוג אשר עלי. כאשר נפגעתי מהיריה בעורפי, נפלתי תחת גופתו של אלפרוביץ' מאילייה. שכבתי והמתנתי; עגלות עברו בכביש וחרקו ברעשן – עד השתרר השקט בשעות בין־הערביים. רק אז קמתי מהמקום והחילותי לרוץ לכיוון העיירה. הגעתי אל בית־החולים בקצה העיירה ונכנסתי לד"ר קוטלר לשם קבלת עזרה ראשונה וטיפול כלשהו.

נשארתי שוכב בביתי מפאת החולשה משך היממה כולה – מערב עד ערב. שמועות הילכו בגיטו מבית לבית, כי הגרמנים אנשי ס.ס. וס.ד. וגרורים מגוייסים מהסביבה הקיפו אותנו וסגרו – אין יוצא ואין בא. מובן שהשתררו מיד אימה גדולה ומבוכת בהלה. אנשים התרוצצו מבלי לדעת לאן לפנות. השעות הקטנות של הלילה הגיעו ועימהן בלהות האימים. מיד נשמעו והדהדו יריות. יושה קאצוביץ' שכני (אחיה של הניה צוקרניק), הקיש על חלוני והתריע על הסכנה האורבת. מיד ירדתי עם בני משפחתי אל "מלונת המחבוא", אותה הכינונו במשותף עם כל דרי הבית מבעוד מועד. משך שלושה ימים, 29–30 באפריל ואחד במאי 1942 – היינו, י"ב, י"ג וי"ד באייר תש"ב, השתוללו הגרמנים והגרורים עושי דברם בעיירה, בעוד הטבח נמשך ואנו שרויים היינו במחבואנו. באחת מאותן שעות התעורר בני הקטן והחל לבכות. פחד ואימה אחזו את כל היושבים במלונה, שמא יגיע קול הבכי אל הרוצחים בחוץ. אחד מהם תפס את התינוק בידיו כדי להשתיקו ובמתכוון או שלא במתכוון

1. שורה משיר "הורסט וסל" – שיר נאצי ידוע לשימצה.

החניק אותו. לאחר מעשה עמד אותו אדם נבוך ומבוהל, שתי עיניו בהו ותהו בלי דעת מה עשה ומה התרחש והתינוק בידיו. לפתע קם ויצא מתוך מחבואנו; הוא לא מצא לו מקום לאחר מה שעשה... היה ברצונו לזחול אל הכוך אשר מתחת לתנור, לברוח ולהיות לבדו, לא להרגיש בעיניים שהסתכלו בו. דומה היה עליו, כי הן נוקבות אותו בכל גופו בלי הרף, אני רצתי אחריו לעכבו, למשוך אותו חזרה. חסתי עליו ביותר אף פחדתי כי עלול הוא לגלות את מחבואנו לעין זר ואז – הקץ המר לכולנו! בו ברגע נורתה ירייה ועוד אחת! תוך שנייה ראיתיו מתבוסס בדמו. חיש מהר חזרתי למלונה ואיש לא ראה אותי.

מחבואנו היה מוסווה בתוך קיר כפול, משתי שכבות של קורות־עצים. יכולנו להרגיש ולראות כל תנועה קטנה וכל הנעשה בתוך חדרי הבית בעוד איש מבחוץ לא יכול לראותנו. משך כל הזמן יכולנו לראות כיצד הולכים ובאים השודדים ומרוקנים את הבית מכל שיש בו. המזל שיחק לנו. איש מהם לא עשה מאמץ לגלותנו. אפשר שהשלל משכם והסיח את דעתם; אפשר שהסיכוי להרבות שלל במקומות ובבתים אחרים האיץ בהם ועזבו את הבית מבלי לחפש אותנו. עם דמדומי ערב ביום השלישי ל"אקציית הדמים" הורגש השקט בהשתררו. קול היריות והדהודיהם נדמו; אף קול זעקות לא נשמע עוד. צמאנו למים. יצאתי ממלונתנו אל הבאר לשאוב מים; ליטאי וליטאית ניגשו אלי, הגבר טפח לי על השכם: "הנה, יצאתם סו"ס מן החורים?!" הם שלחו אותנו אל משרד ה"יודנראט".

בעודי חוכך בדעתי אם עלי ללכת או להימנע ולהמתין, בא אלי תוך בהלה מיכאל לנקין והודיעני כי שמע מפי איש־משטרה, שהגרמנים מחפשים אותי כ"עשירי למניין" – עשירי לתשעה שנורו ונקברו. הקברנים הגויים סיפרו כי הם קברו תשע גופות בלבד וכי ראו איש אחד קם ובורח במרוצה! לא נסתמנה לפני דרך בלתי אם להסתלק שוב הפעם ולברוח. מיד קראתי לאשתי ויצאנו מהעיירה. שמנו פעמינו אל איכר אחד מכרנו מכבר אשר ישב בכפר ישקובקה ליד פוהוסט – סמוך לגבול הישן בין פולין לבריה"מ. דמדומי הערב קרבו לקיצם. החשכה התעבתה והלכה ולקראתנו הופיעו לפתע שלוש נשים. נרתענו בבהלה, אבל הן הכירונו ואף אני ידעתי מי הן. אלה היו: ליבה־חיה סגלצ'יק (אמו של יעקב) וגם יוכבד וגסיה קאצוביץ'. נשאלתי כיצד תוכלנה להגיע אל בית סקוראטוביץ'? השיבותי, כי יכולני להביאן. הלכנו עימהן למקום והשארתין שם, בעוד אני ואשתי המשכנו בדרכנו והגענו לביתו של

מכרנו האיכר מיכאש פאטר. נתקבלנו בסבר־פנים יפות על ידו ועל ידי אשתו. נשארנו שבוע ימים אצלו. אולם כבר למחרת בואנו אליהם, נודע לי כי האיכר טרחוביץ׳, מבאי ביתו של סקוראטוביץ׳, הלשין על אותן שלוש נשים מסתתרות וגרמנים לקחון משם והרגו אותן...[2] הצטערנו ביותר על כך ודאבנו על אחריתן המרה. אך לא יכולנו לעשות דבר.

לאחר שבוע ויותר חזרנו לגיטו בעיירה. בו נשארו עדיין אמי רחל, שתי אחיותי פאייה וזלדה ואחי ולוול (זאב). אותות של חוסר בטחון, אי־שקט וחששות לאשר יקרה, ניכרו כבר בשטח היטב. חשתי היטב והשתכנעתי, כי לי ולמשפחתי אין עוד דבר לעשות בגיטו. באחד הלילות יצאתי עם אשתי ואחי וחזרנו לביתו של פאטר בכפרו. תחושה פנימית אמרה לו לגיסי אייזיק קאצוביץ׳, שניצל באורח פלא מה״אקציה״, כי אנו נמצאים שם. פאטר קיבל גם אותו ושיכנו עימנו בעליית־הגג, בה היינו מוסתרים. כך ישבנו יחד עד ששוב ארבה לנו סכנה.

בשכנות למארחנו פאטר התגורר איכר אחד – שאדירין שמו. אחיו של הלה היה פארטיזן ושימש קשר עם הסביבה. הגרמנים וגרוריהם ידעו זאת והיו באים מפעם בפעם לחפשו אצל אחיו בכפר. הפאטרים החלו לפחד שמא יעלו בנסיבות אלה על עקבותינו, יגלו אותנו והם עצמם ייחשפו לסכנת־מוות מידי הגרמנים. הם לא העלימו מאיתנו את פחדם אך בשום פנים לא דרשו כי נעזוב; עלינו לחפש ביחד מוצא. החלטנו שאסור לנו לסכן את חיי מארחינו ומוטב שנסתלק ליער בהקדם.

בצעד מהיר הלכנו; כל חפצנו היה להתרחק במרחק רב ככל האפשר מבעוד חושך. הספקנו להגיע לפאת־יער מעבר לגבול – כ–700 עד 800 מטר מנהר פוהוסט המשתפך לנהר קאמיין – יובל ימני של הוויליה. מכאן ואילך נמשכים יערות עבותים עד לאיזור פלשצניץ–לאגויסק. הואיל וטרם ידענו את מוצאותיו ומבואותיו של יער זה, שכבנו יום או יומיים לנוח מעמל הדרך. שכבנו בצל העצים והסתכלנו לפנינו ולצדדים. לפתע ראיתי איש מהלך ליד חוף הנהר – חכה בידו ומנסה הוא לדוג דגים. האיש נראה מוכר לי. הוספתי להתבונן בו היטב והנה הוברר לי ללא ספק, כי הוא יוסף (יושה) קרמר. זעקתי בכל כוחי: יושה, יושה! הוא נרתע בבהלה, הסתכל לצדדים ולאחר שהתגבר על פחדיו רץ לעומתי.

2. יש אומרים: לא גרמנים רצחו את הנשים, האחים טרחוביץ׳ הם היו רוצחיהן. אילו היו הגרמנים מגלים אותן, היו מוציאים להורג גם את סקוראטוביץ׳ ובני ביתו. לעומת זאת לא אונה כל רע להם. אכן, י. סגלצ׳יק נקם נקמתן באחים טרחוביץ׳.



חנוך שפרבר וגיסו עם המשפחות ליד המצבה המאולתרת

מיד נודע לי מפיו שגם אשתו וילדיו השניים, ילד וילדה עימו ביער. גם הם ברחו לכאן מכפרו של פאטר. קמתי עימו לראותם. שני ילדיו היו נפוחים מרעב. אשתו נבהלת ומבועתת ממר־נפשו של בעלה, שלא יכול לראות בסבלות ילדיו. החילותי לשוחח עם יושה כדי להפיג את מרירותו ואמרתי לו: ״אל יאוש, יושה ידידי. עוד נזכה ונוביל את הילדים לחופה... גם בביתנו תנצנץ ותצלצל השמחה!״. ואמנם פעלו דברי. גם תחושת החיים הטבעית לא הכזיבה. הילדים חיים וקיימים, גדלו והיו לאנשים. הם נישאו וחיים בארץ וכמו שאמרתי: היינו בחתונותיהם.

המשכנו בדרכנו ואף הוספנו להעמיק אל תוך היער. פגשנו בפליטים נוספים: הנה ניקרו לפנינו: גבריאל רובין ובני משפחתו (אביו של אריה), אליקים ליכטרמן, אשתו, שני בניו ואבי אשתו זונדל שפייאר, הירשל כץ, רחל־לאה דימנטשטיין, מאריאשה איינבינדר, חיים־הרשל כץ, פייגל סוסנסקי ושמואל־יעקב רפופורט. עם רובם ככולם נמשכו גם הצטלבו דרכי נדודינו בעומקה של בריה״מ ובשטחיה הנרחבים וגם בדרכי השיבה אל עיירתנו. תם כאן גם נשלם סיפורי האישי המיוחד.

ליפא מילר ז״ל

נע־ונד — אין דאלהינעוו פארוואגלט

(פראגמענטן)

דער מחבר פון די קומענדע פראגמענטן איז א פליט (אן אנטלאפענער פון זשיראַרדאווער אומגעגנטן אין צענטראל־פולין) נאך פון 1939. שוין דאן איז ער אנגעקומען אין אונדזער געגנט און איינגעארדנט זיך ביי די סאוויעטן אלס וואלד־אופזייער (לעסניטשי) נעבן דארף רעפישצי (ביי א 25 קילאמעטער פונ׳ם שטעטל מיאדל). נאך פארשיידענע גלגולים און וואנדלונגען, צרות און ייסורים אן א שיעור, נאכן אומקומען פון זיין פרוי (דערשאסן דורך די דייטשע רוצחים אויף א בערגל אין מיאדל) געקומען קיין דאלהינעוו. בייגעווינט די שחיטה און אוועק אין וואלד - פריער אין דער פארטיזאנקע, נאכדעם אין רעגולערן דינסט פון דער רויטער ארמיי - ביז צו דער ענדע פון דער מלחמה.

מיר דריקן אויס אונדזער דאנק דעם ״ארגון נכי המלחמה בנאצים״ פארן איבערגעבן אונדז די קומענדע פראגמענטן.

רעדאקטאר פונ׳ם בוך

אין לויפנדן געיעג לעבן צו בלייבן

נאצישע ״שפילערייען און שפילצייג״

אינ׳ם דערבייאיקן דארף ברוסי האב איך א באקאנטן לערער א פאליאק; ביים סאוויעטן־רעזשים פון 1939 האבן מיר זיך גוט און פריינטלעך קעגנזייטיק באצויגן. זיין הויז איז געשטאנען עטוואס דערווייטערט פונ׳ם דארף. מיין פרוי אסתר ז״ל האט מיר געעצהט אריבערכאפן זיך צו אים ״אפשר איז ער ניט געווארן א היטלעראוויעץ״ ווי אלע דאאיקע פאליאקן. אפשר וועלן מיר ענדלעך קענען וויסן וואס טוט זיך ארום אונדז. אפשר דארף מען שוין אנטלויפן?! זיכער וועט דער לערער זאגן דעם אמת״ - זאגט מיין פרוי - ״זיכער וועלן מיר וויסן אויב ס׳איז ריכטיק וואס פויערן דערציילן אז דייטשן פארניכטן יידן...״.

אין א נאכמיטאג־שעה פארן זון־אונטערגאנג האב איך מיך גאנץ פארזיכטיג א כאפ געטון צום לערערס הויז. דורכן פענצטער האב איך באמערקט: דער לערער איז אליין אין שטוב. לאנגזאם עפן איך די טיר און פרעג צי מעג איך אריינקומען? "פראשע!" ענטפערט ער. מיט א שטארק הארץ־קלאפעניש בין איך אריין. מיר זיינען גלייך אריין אין קלענערן צימער. באלד איז אויך אריינגעקומען זיין פרוי. זי פארהענגט שנעל די פענצטער זאגנדיק קורץ: "ניעבעזפיעטשניע! איך האב מער מורא פאר די ברוסער ווי פאר די דייטשן". דער לערער דערציילט דערביי: אין דארף זיינען דא פלאקאטן: מען דארף פארהאלטן יעדן ייד וואס וועט זיך נאר באווייזן. ארעסטירן תיכף און איבערגעבן דער פאליציי... און ווייטער זעצט ער פאר:

"וואס איך זע און הער צוויי מאל א וואך אין מיאדל: יידן זיינען גאר הפקר! זיי טארן בכלל זיך ניט ווייזן אין גאס – אויסער אויף ארבעט געטריבן דורך די דייטשן. אפילו קוקן דורכן פענצטער איז פארבאטן... ווען מען כאפט ארויסקוקן דורכן פענצטער איז מען מכבד מיט שמיץ. שמיץ גיבן די זשאנדארמעריע און זיי טוען אן פיל אנדערע ווילדע זאכן. איך וואלט עס קיינמאל ניט געגלויבט. אויף יידישע הייזער איז געשריבן מיט גרויסע אותיות "יודע – צו וויסן געבן: שטרענג פארבאטן אינ'ם הויז אריינצוקומען..." אין מיטן פון זיין דערציילן די "פריילעכע מעשיות" קומען אריין ניט אנקלאפנדיק צוויי דייטשן באוואפנטע און ניט באגריסנדיק: "ווער וואהלען טעה טרינקען" – זאגן דיביידע מיט חוצפה.

"איינע האלבע שטונדע אומגעפער בראוך עס דאוערן" – זאגט דעם לערערס פרוי.

"דאס מאכט ניכט... ווער ווערדן ווארטן" – איז זייער ענטפער – "ביז טעה ווירד פערטיג קאמען זי נאך! ווער צייגן אויך עטוואס..."

ווילנדיק ניט ווילנדיק גייען מיר און פאלגן נאך די צוויי דייטשן; דער לערער נעמט מיר אן ביי מיין האנט: עס איז צו געפערלעך, איר מוזט מיטגייען... א פאר מעטער פארן הויז איז געשטאנען א וואגן מיט צוויי פערד איינגעשפאנט. שוין פונווייטן האבן מיר געהערט א פישצענדן קרעכצנדן געוויין. נאנטער צוקומענדיק האבן מיר שוין געזען א פולן וואגן – ווי קעלבער אנגעווארפענע בלוטנדיקע קליינע יידישע קינדער. בלוט האט ארויסגערונען דורך די ברעטער ווי פון געשאכטענע קעלבער. די דייטשן דערציילן דערביי: "די עלטערן האט

מען צום באן אפגעפירט. זיי די וויינענדע קינדער פירט מען אין ווילייקע – צו דער זשאנדארמעריע...״ די קינדער הערן ניט אויף צו וויינען. זיי ווערן מערדערלעך געשלאגן מיטן בייטש פון רוצחים וועלכע שרייען: רוהיג פארפלוכטע!

איך האב דעם לערער געזאגט: ״איך בין ניט אימשטאנד צוריק אריין מיט זיי אין שטוב. איך וועל ניט קענען זיצן מיט זיי ביים טיש!״ איך בין אוועק אהיים; ניט דערציילט דער פרוי וואס מיינע אויגן האבן געזען.

צומארגנס זיינען דער לערער מיט זיין פרוי געקומען צו אונדז אין רעפישצי. זיי האבן אלץ דערציילט מיין פרוי. ווען אומשולדיקע קליינע קינדער – זאגט דעם לערערס פרוי – ווערן גערעכנט אלס פארברעכער, וועלן די דייטשן טייער באצאלן! זיי וועלן נאך זייער שטראף באקומען! מען וועט זיי דאס קיינמאל ניט פארגעסן און ניט מוחל זיין!

דער לערער מיט זיין פרוי זיינען אוועק. דעם גאנצן טאג איז מיין פרוי געלעגן אויפן בעט און ביטער אומבאהאלפן געוויינט... אוממעגלעך איז געווען איר צו בארוייקן.

אן אפגעפאלענער בלעטל – פונ׳ם ווינט געיאגט

היינט איז זונטאג, דריטער דעצעמבער 1941. עס איז גאנץ פרי: נעכטן איז אוועק אין מיאדל חנה דעם מילנערס – א גאר פרישע יתומה פון טאטע־מאמען – נאך א לאנגן איינטענה׳ן מיט איר. זי האט בשום אופן ניט געוואלט גיין אן מיין פאריתומטן מנחמען, אן זיין מאמען.

ביילא – מיין פריינטלעכער ביעלארוס – נעמט מנחמ׳ען אויף נאכט צו זיך, מיך האט ער מורא צו נעמען ווי ער זאגט און כ׳פארשטיי עס גוט... אויפן וועג דערציילט ער ווי ער האט אינדערפרי זיך באגעגנט מיט דער גאנצער פראצעסיע... די מילעראווע – מיין פרוי, דעם מילנער מיט זיין פרוי – אלע דריי די הענט אין קייטן געשלאסן און איינער צום צווייטן צוגעשלאסן ווי די ערגסטע פארברעכער. זיי האבן געמוזט אראפנעמען די רינגעלעך פון די פינגער. מיין פרוי האבן זיי באפוילן אויסצוטון דאס פעלצל. דער אפיצער האט עס גלייך אוועקגענומען, זיכער פ״ר זיין ״נקבה״ קיין דייטשלאנד... מען האט זיי גלייך געשאסן און פונ׳ם [illegible]רט אוועקגענומען. ביילא מיט מנחמ׳ען זיינען אריין אין שטוב. עס טוט אים פארדרוס ווי מיין זון וואס דער טאטע מוז אין אזא

מין קעלט בלייבן אין דרויסן... ער האט זיינע שמערצן פאר זיך באהאלטן. כ׳בין טיפער אוועק אין וואלד זארגנדיק, וואס וועל איך טאן ווען זיי וועלן ניט נעמען מנחמ׳ען?!

ווי נאר ס׳איז ליכטיק געווארן בין איך אוועק אויפן אפגערעדטן פלאץ; מנחם האט שוין געוואַרט אויף מיר זאגנדיק אז ביילא האט אים געבראכט אהער און ער וועט באלד צוריקקומען פון צערקווע. ניט לאנג נאכדעם איז אויך חנה אנגעקומען מיט א בריוו, אנזאגנדיק: מנחם וועט גיין מיט איר – נאך איידער איך האב דעם בריוו געעפנט. אט אזוי האבן זיי צו מיר געשריבן:

> ליבער מילער! אייער יינגל וועלן מיר שוין גוט און זארגפעלטיק איינארדענען. די דייטשן האבן איבערגעלעזן א שריפטלעכן באפעל דער ציוויל־פאליציי פאר יעדן פרייז אייך צו כאפן לעבעדיקערהייט! פארלאזט וואס שנעלער דעם פלאץ. אייער פאטאגראפיע געפינט זיך אין דער פאליציי. שיקט באלד אפ די קינדער. פארלאזט! עס איז געפערלעך פאר אייך ווי אויך פאר אונדז אלעמען! גאט זאל אייך אפהיטן און העלפן ווייטער!

ניט לייכט איז מיר אנגעקומען די צעשיידונג מיט מין זון און מיט חנה׳לה דעם מילנערס. מנחם האט זיך ווירדיק געהאלטן, ניט געוויינט. חנה האט געלאזט א טרער און שטיל געוויינט. א צייט לאנג האב איך זיי נאכגעקוקט ווי זיי גייען ביז צום פארשווונדן ווערן אראפגייענדיק פונ׳ם בארג. שוין מער ניט צו זען! ווי לאנג וועל איך ניט זען מנחמ׳ען? צי וועל איך נאך זען דער בראווער חנה׳לע?! א דאנק איר עקשנות האט מען אויך מיין זון באזארגט. איך בין צוריק אוועק טיפער אינ׳ם וואלד. אוועקגיין פון דאנען קען איך נאר גאר שפעט ביינאכט. איך מוז ווידער אוועק אין די גרויסע רעפישצער וועלדער, וועלכע זיינען מיר גוט באקאנט ביז יעדן וועג און שטעגעלע. אהין גיין קען איך אדער דורך מיאדל אדער איבער דער פארפרוירענער מיאסטרא־אזיערע.

אזוי האב איך מיך א צייט לאנג מיט זיך אליין געיישובט און באראטן: ענדלעך האב איך באשלאסן אוועקגיין דורך מיאדל און אויסמיידן ווי מעגלעך דערפער אויפן וועג. איך דארף מיך היטן מערער פון צוויי־פיסיקע מענטשן־חיות, ווי פון פיר־פיסיקע... איז אומר ועושה: איך בין שוין געוועזן אויפן וועג... נאענטער צום שטעטל בין איך אוועק. די פראסטיק־קאלטע נאכט דרינגט מיר אדורך יעדן אבר; ס׳הונגערט מיך, איך וויל עסן. מיין טארבע ברויט אינגאנצן געפרוירן, ניט

איינצובייסן... איך האב א שטיקל ברויט אין בוזעם אריינגעלייגט אנצווארעמען אביסעלע, אפשר וועט עס אויפטייען און ווייכער ווערן. ס'איז אינגאנצן פינצטער און א שניי־שטורם מיטאמאל!

שנעל בין איך דעם בריק אדורכגעגאנגען און ארויס אויפן מיאדל־ווילייקער טראקט. פוןביידע זייטן ציען זיך גרויסע געדיכטע וועלדער. כ'גיי שוין אין וואלד; יעדע טריט מיינע ווערן שוין תיכף צוגעדעקט מיטן פאלנדן שניי. כ'פיל מיך שוין זיכערער אביסל. אנגעשפארט מיך אן א בוים האב איך א מאכארקע פארוויקלט און פארויכערט – עטוואס אפרוען און באטראכטן: מארגן, נאך פארן זון־אויפגאנג וועל איך שוין זיין אין "ווילטשי לאס" ווי די פויערן רופן אן דעם וואלד. איך באשליס צו בלייבן ביז נאכט אינ'ם וואלד. איך וועל צוגיין אין דארף פאמאראוושצינע צו א לעסניק א באקאנטן – דאנילא. ברויט און טאבאק האב איך נאך אויף א פאר טעג... וואס וועט ווייטער זיין? שפעט אין דער נאכט בין איך אוועק צו דאנילאן; אלץ האט אין דארף געשלאפן. שטיל און זאנפט האב איך אנגעקלאפט, דאנילא האט מיך אריינגעלאזן דורכן "וואלד־פענצטער" ווי ס'הייסט ביי אים. די פרוי איז אויפגעשטאנען; אפגעקאכט א סופ און כ'האב מיך דערווארעמט. נאכדעם זיינען מיר ביידע ארויס דורכן פענצטער און אוועק אין באד אריין, נעבן וואלד. דאנילא דערציילט אז ער האט אויך מורא; דייטשן און פאליציי דרייען זיך פיל ארום. זיי זוכן געוועזענע צוויי סאוויעטישע מיליציאנערן וואס האבן זיך אויסבאהאלטן. אויך מיר האט ער פארזאגט צו געבן אכטונג און שטארק זיך היטן. ווייל אויך איך ווער געזוכט דורך דער פאליציי ווי אויך דורך דער זשאנדארמעריע אין ווילייקע.

דאנילא איז אוועק אהיים פארזאגנדיק מיר ניט צו גלויבן קיינעם און קיינעם ניט צולאזן צו מיר – אזוי איז אמזיכערסטן. אויף וויפיל ער וועט קענען וועט ער מיר צוהעלפן; צוויי־דריי מאל א וואך וועט ער צו מיר קומען טיף אין וואלד, האט ער צוגעזאגט. איך בין אוועק טיפער אין וואלד; אדורך זיינען דערווײלע צווי נעכט מיט א טאג. ס'איז געווארן אומגעהויער שרעקלעך קאלט; איך בין הונגעריק און קען ניט עסן; מיינע וואנסן זיינען פארפרוירן און איך קען ממש דאס מויל ניט עפענען. איך האב געמאכט א פייערל אנצווארעמען זיך און אופטייען די וואנסן.

פינף־זעקס טעג זיינען שוין אדורך זינט ער איז אוועק; היינט איז זעקסטער פעברואר 1942. ארום פופצענטן וועט ער זיין צוריק. כ'האב

שוין דערווייל צוויי מאל מיין פלאץ געביטן, ווי איך טו צוליב זיכערקייטס טעמים יעדע פאר טעג. די פרעסט לאזן ניט אפ. שרעקלעך קאלט! איך הויב שוין אן צו פרירן, מיינע פינגער פון די הענט פארשטאפט! איך רייב זיי שטארק מיט שניי, אויף די פיס טראג איך לאפטשעס ארומגעוויקלט מיט שמאטעס. פילן אבער פיל איך גוט די פרעסט. מיין בארד, וואנסן – אלץ אין איין שטיק צוזאמענגעפרוירן. און טראץ דער קעלט פיל איך ווי די קליינע חיה׳לעך – די ״כינים״ עסן אויף מיין גוף – דריי חדשים קיין וועש ניט געביטן... טעג און נעכט גייען אדורך מיט דער האפענונג אז ס׳וועט נאך זיין זומער. פון 15 שטיקלעך ברויט וואס דאנילא האט מיר איבערגעלאזן ווערט יעדן טאג וויניקער א שטיקל, וואס כ׳לייג אריין אין א טעפל שניי אפצוטייען.

טעג און נעכט זיינען שוין אדורכגעלויפן; אומגעדולדיק ווארט איך צו הערן פון דאנילאן און פארמישט האט זיך ביי מיר די צייט פון זיין קומען... וואס איז, הויב איך אן מיין זכרון צו פארלירן? צייטן און געשעענישן ווערן אויסגעמישט... די דייטשן האבן מיין פרוי געשאסן. ווו און ווען איז עס געשען? כ׳ווייס ניט, כ׳געדענק ניט...

ווידער א פראסטיקע נאכט; קאלט, געפרוירן האב איך מיך אוועקגעזעצט ביים פארגרעסערטן פייערל און ווארט. פלוצלונג האב איך פונדערווייטן דערזען דאנילא׳ן.

״שוין א גאנצע נאכט ווי איך זוך דיך״ – זאגט דאנילא.

״פרעגסט מיך גארניט?״ זעצט דאנילא ווייטער פאר.״דיין ייִנגל איז געזונט; ער געפינט זיך ביי איינעם, א געוויסן סעגאלטשיק. עס איז רויק אין דאלהינעוו... ס׳טרעפט אמאל – מען כאפט א ייִדן וואס איז ניט געגאנגען צו דער ארבעט – כאפט ער קלעפ... די פאליציי איז דארט גוט באצאלט... דיין מישא האב איך ניט דערציילט אינגאנצן דעם אמת וועגן דיר. דעם סעגאלטשיק האב איך דערציילט דעם אמת. מישא הערנדיק וועגן דיר האט זיך צעוויינט״. גלייכצייטיק האט ער מיר געזאגט, אז פונדאנען מוז איך זיך וואס שנעלער דערווייטערן. עס ווערט אלץ מער געפערלעך. דייטשן זיינען געקומען ביז צו די ערשטע שטרעקעס פון דעם װאלד. ס׳האט זיי עמיצער צוגעטראגן אז איך דריי זיך דא אין די וועלדער. ״הער זיך צו, מילער!״ האט ער צוגעגעבן, ״סעגאלטשיק האט מיר אנגעזאגט איך זאל ביי דיר אומבאדינגט פועלן, דו זאלסט אריבער אהין אין דאלהינעוו. ס׳זיצן דארט נאך ייִדן,

אנטלאפענע פון רוסישע שטעטלער. דארט האט דער 'גערמאניעץ' פארניכטעט באלד אלעמען. איינצעלנע האבן זיך געראטעוועט קיין דאלהינעוו...".

ער איז אוועק.

ס'האט שוין אנגעהויבן צו טאגן; אט בין איך שוין ווידער אליין מיט מיינע מחשבות: "ניטא וואס צו טראכטן, כ'מוז אוועק... ס'איז ניט מער צו בלייבן דא... עס איז יעצט אנפאנג מערץ און כ'האב נאך צוויי שווערע ווינטער־מאנאטן. כ'וועל ניט אויסהאלטן אין וואלד. כ'וויל זיין נאענט צו מיין יתום מנחמ'ען..." אזוי האב איך מיך געראנגלט דעם גאנצן טאג מיט לויפנדע געדאנקען און איבערטראכטונגען. כ'גיי! איז מיין ענטפער ווען דאנילא איז געקומען צו מיר אין וואלד. כ'גיי אין דאלהינעוו. דאנילא! כ'וויל נאך צוהעלפן ברענגען די מפלה פון היטלער און זיינע מיטהעלפער! כ'נעם א פעקל זאכן וואס ער האט מיר געבראכט. איך טו מיך איבער ווי א דארפישער... "אויף יעדן טריט און שריט וועל איך מיך היטן!" און שוין זע איך אויס גאר אנדערש: א דיקע העמד א דארפישע, א יערמיאק ארומגעגארטלט מיט א שטריק; נייע לאפטשעס, מיינע פיס גוט ארומגעוויקלט מיט נייע שמאטעס; אן אלטע קוטשמע, א ארומגעשארן קיילעכיק בערדל מיט פארגליכענע וואנסן... כשר וישר צום וועג...

מיר האבן זיך צעשיידט. ער איז שוין אוועק אהיים. ס'איז באלד טאג. דעם גאנצן טאג ביז נאכט בין איך אין וואלד געבליבן.

א לעבנס־ראטע אין דאלהינעוו

א "גאסט" אין שטעטל

אט בין איך שוין סוף כל סוף אין דאלהינעוו. ס'איז א נייער לעבנס־ארט פון א "נע ונדניק". אויף ווי לאנג? ווער ווייס... אט אזוי האב איך מיך ענדלעך דערשלאגן צום נייעם לעבנס־פונקט. דאנילאס קוזין וואס האט נאך פריער מיך געקענט פון רעפישצי, האט מיך אינמיטן נאכט ארייַנגעפירט קיין קריוויטש אין א יידישער שטוב. ער איז ניט אריין מיט מיר; ער האט נאר די טיר געעפנט און געזאגט: "עס איז אייער א מענטש. באזארגט אים קיין דאלהינעוו". א מניין יידן

זיינען אין שטוב געזעסן, פארזאמלט געווען צום דאווענען בציבור. אין דער שטוב פלעגן זיי קומען יעדן פארטאג און פונדאנען גיין צו דער ארבעט...

די פארזאמלטע צום דאוונען ציטערן פון שרעק; אט קומען באלד דייטשן פירן זיי צו דער ארבעט. טאמער טרעפן זיי מיך, א פרעמדן, איז עס א לעבנס־געפאר פאר אלע... געפילט האב איך זייער אומווילן צו מיר. "**אט איז דער שאסיי קיין דאלהינעוו. ס'איז א וועג גלייך**", זאגט איינער, "**ניט צו בלאנדזשען**". "**גייט געזונטערהייט און מאכט אונדז ניט אומגליקלעך**", האבן אנדערע צוגעגעבן. "**עס איז נאך גוט פינצטער כ'זע גארניט פונ'ם וועג... ווייזט מיר חאטש ווו וווינט דא שלום פאליסקין**", בעט איך זיך מיך. קיינער האט זיך ניט אפגערופן, קיינער איז ניט גרייט געווען צו גיין מיט מיר. אזוי גרויס און אימה'דיק די שרעק... בלית ברירה בין איך אוועק און אליין געטראפן צום באקאנטן מיינעם. שלום האט מיך ניט דערקענט; נאכדעם ווי כ'האב געזאגט אז איך בין ליפא מילער פון רעפישצי האט ער זיך ביטער צעוויינט. זיין פרוי האט אויך שטארק געוויינט ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער – צי גייט ניט אן עמיצער. זיי האבן זיך געשעמט פאר מיר אוסצודריקן זייער גרויסע און אימה'דיקע שרעק, אבער זייערע בליקן און ציטער פון פנים באוועגונגען האבן מיינע אויגן גוט פארכאפט. די פרוי האט מיר דערלאנגט א הייס גלאז טיי. ס'איז מיר געווען זייער קאלט, געוואלט האב איך מיך חאטש א ביסעלע דערווארעמען און טרינקען. אבער זייער פיינלעכער ציטער און אימה פון פנימער האט מיך אפגעהאלטן.

ניט דערטרונקען בין איך אייליק פון שטוב ארויס און אוועק אין דער אנגעוויזענער ריכטונג. ס'האט שוין אנגעהויבן צו טאגן; אריבער שוין דעם בריק. אוועק מיטן שאסיי. א שטארק לעבהאפטע באוועגונג פון פוסגייער, שליטנס – אלע אויפן מארק קיין דאלהינעוו – אזוי גאר ווי קיין מלחמה וואלט ניט געווען. בלויז איך גיי באטריבט און פארנורעט; כ'באמי זיך מען זאל מיך ניט זען... "נע ונד" ווידער! פארוואס און פארוועןן? בין איך דען א קין? כ'אנטלויף דאך פונ'ם קין! האב איך ווען שלעכטס געטון? ניין, כ'האב ניט בע'עולה'עט קיינעם. כ'בין נאר א ייד, אן אנטלויפנדער פונ'ם בייזן און גרוילהאפטן היטלער־עמלק!

"**סאדיס' דיאדקה!**" – **האט מיר איינער איבערגעריסן מיינע** בויערנדע געדאנקען; א פויער האט צו מיר גוטהארציק געשמייכלט און איינגעלאדן אויפן וואגן מיטצופארן. כ'בין ניט אזוי צופרידן געווען פון

דער פויערישער גוטהארציקייט; איך האב מורא געהאט פאר זיינע פראגן, פונוואנען איך בין און צו וואס גיי איך איבער וועגן? ער קען נאך אנשמעקן אז איך בין א ייד... דער גרעסטער פארברעכן! אויך ביי געוויסע פויערן. איך האב אבער ניט געקענט אפזאגן און ארויפגעזעצט זיך בלית ברירה. זיכער האבן זיך אנגעהויבן פראגן און כ׳האב מיך באמיט רוייק און קאלטבלוטיק צו ענטפערן. מיינע דארפישע בגדים האבן צוגעהאלפן ער זאל זיך ניט אנשטויסן ווער איך בין. ביים אריינפאר אין שטעטל האב איך באדאנקט, אראפגעשטיגן און נעלם געווארן.

לויטן אנגענייטן מגן־דוד האב איך דערשפירט אז ס׳קומט מיר אנטקעגן א ייד. ווייזט אויס ער איז גוט הונגעריק, אז ער ריזיקירט ארויס אין גאס – האב איך געטראכט – געוווסט האב איך אז דווקא אין א מארק־טאג שמעקט דאס ווייזן זיך אין גאס מיט א גרויסער לעבנס־געפאר, כ׳בין צו אים צוגעגאנגען:

„איך בין א ייד; זייט אזוי גוט און זאגט מיר ווו ווינט דא סעגאלטשיק?"

„איך ווייס ניט... לאזט מיך צורו", איז געווען דער ענטפער זיינער ווי אנטלויפנדיק פון מיר. און אט קומט מיר א צווייטער ייד אנטקעגן.

„זייט מיר מוחל!" – האב איך אים אפגעהאלטן – „מיין זונעלע מנחם געפינט זיך ביי סעגאלטשיקן. איך בין נאר וואס געקומען פון די רעפישצער וועלדער; כ׳בעט אייך, ווייזט מיר אן ווו ווינט יעקב?"

„אט איצט ווייס איך אז איר זייט באמת א ייד" – שפרינגט צו דער ערשטער צו מיר – „כ׳קען אייער יינגל". אלע דריי זיינען מיר געבליבן שטיין ביים ווינקל הינטער א הויז. „אט גייט אריין דערוויילע אין שול; איך קום באלד צו אייך... איר האט ניט וואס מורא צו האבן... ס׳זיצן דארט נאך יידן – אנטלאפענע פון שטעטלעך פון איבער דער גרענעץ. דארט האבן די רוצחים גאר שנעל אויסגעפירט זייער מערדערישע מלאכה". כ׳בין אריין אין שול.

ער איז טאקי באלד צוגעקומען ווייזן מיר מיין וועג; ער איז געגאנגען א פאר טריט פארויס באשווערנדיק מיך – טאמער טרעף איך א דייטש אדער א פאליציאנט – זאל איך אים ניט רופן. אין אזא מין צושטאנד קענען מיר ביידע אריינפאלן... ס׳האט ניט לאנג געדויערט

און מיר זיינען דערגאנגען בשלום צו סעגאלטשיקן. מיר זיינען אריין אין שטוב ווו ס׳איז געווען בלויז ליבע־חיה – יעקב׳ס מאמע (איך האב דאך זי ניט געקענט בכלל).

"ווו איז מנחם?" האב איך אנגסטלעך געפרעגט – איך בין זיין טאטע" – האט מיר א ציטער דורכגעדרונגען. "האט קיין מורא!" – איז געווען דער ענטפער – "ער וועט באלד קומען. זיצט א ווײלע. ער איז געגאנגען קדיש זאגן נאך דער מאמען". א פאר מינוט שפעטער איז מנחם אריין מיטן סידור אין האנט און דערזעענדיק מיך זיך ביטער צעוויינט. אלע אנוועזנדע האבן מיטגעוויינט... נאר אין דרויסן האבן אים שכנים געזאגט: "דיין טאטע איז דא!" און מיט אים אין שטוב אריין.

א לעפעלע "חיי־שעה"

מיין ערשטע נאכט אין דאלהינעוו האב איך איבערגעשלאפן ביי סעגאלטשיקן, אויף מארגן אינדערפרי האט ער מיך איבערגעגעבן צו דער קאמיסיע וואס האט געהאט אן אויפגאבע צו באזארגן מיט א קווארטיר אלע ניי־צוגעקומענע – אנטלאפענע פון דערבייאיקע רוסישע שטעטלעך – אין דאלהינעוו.

"מנחם בלייבט ביי אונדז" – האט יעקב דערקלערט – "מיין מאמע וויל אז מנחם זאל אומבאדינגט יעדן טאג קדיש זאגן נאך דער מאמען זיינער". יעקב׳ס פרוי האט מיר דערלאנגט צוויי געלע מגן־דודס אנצונייען אויפן אויבערשטן בגד, לאזנדיק דערביי א היבשע ביסל טרערן...

איך האב מיך אפגעשיידט פון אלע אנוועזנדע, אויך פון מנחמ׳ען, און אוועק צו מיין צוגעטיילטער נייער קווארטיר – ביי דער אלמנה פעשקע גינצבורג מיט 4 דערוואקסענע קינדער. איר שטוב איז באשטאנען פון א קליין צימערל (אן אלקער) מיט א גרויס צימער; אן אויוון געבויט איבערן שטח פוןביידע צימערן טאקי – אבער אין גרעסטן טייל פארנומען דאס קליינע צימערל. געהייצט האט מען אין גרויסן צימער דווקא, אבער די גאנצע ווארעמקייט איז פארשלונגען געווארן אינ׳ם אלקער.

נאך לאנג האט די פרוי ניט אויפגעהערט באקלאגן דעם יידישן גורל, באהויפטנדיק ניט איינמאל אז די דייטשן וועלן אונדז אלעמען אומבאדינגט אויסהרג׳ענען – ווער שפעטער ווער פריער... דער גזר־דין

איז שוין געחתמ'עט. **אפילו האפט עמיצער צו אנטרינען פונ'ם גורל – שמירנדיק מיט גאלד – נארט ער זיך אליין... "יא, וויניק האט איר זיך אנגעפרווירן אין וועלדער, דארפט איר נאך ביי מיר אויך פרירן..."** זאגט זי ווידער צו מיר.

אזוי איז אדורך שוין דער ערשטער טאג אין מיין "נייער דירה" – זיצנדיק אין פארלויף פון דער גאנצער צייט מיט אלעמען צוגלייך אויף די בעטן. מנחם איז אויך געקומען צו מיר אויף א "וויזיט" און נאכדעם אוועק צוריק. "זייט האטש צופרידן מיטן פאקט וואס אייער יינגל הונגערט ניט און פרירט ניט", זאגט די פרוי, "נו – ווער עס קען און ווער עס האט לעבט נאך ווי פאר דער מלחמה".

די דעמערונג־שעה פון "בין השמשות" איז אוועק. אויפן גאס איז טונקל געווארן. פינצטער אין שטוב. אוונט־שעה'ען. איבערן גאנצן ארום רוייק און שטיל; אלע זיצן נאך אויף די בעטן, לאנגזאם פירט זיך א שמועס. אט בין איך שוין איבערגעקומען דעם טאג, מיטן צוגעטיילטן ברויט פון קאמיטעט. איך בין שוין גרייט אויף נאכט. כ'שטיי ביים אויוון זיך אנווארעמען א ביסל פארן שלאף. דער פראסט אויפן גאס אזוי שטארק אז אפילו אין קליינעם אלקער איז די ווארעמקייט צו וויניק... "ס'איז אומגעהויער קאלט... הערט איר די טשוועקעס אויף די דעכער קנאקן?" – רייסט איבער די אלמנה, די מאמע פון די קינדער, דאס אלגעמיינע שושקען זיך.

מען רעדט און מען דבר'ט און זי איז די הויפט־רעדנערין. זי דערציילט אין אלגעמיין וואס עס טוט זיך; 10 דייטשן זיינען שטענדיק דא אין שטעטל – טעלעפאניסטן רופט מען זיי. אז מען קומט זיי ניט אויפן אויג טשעפען זיי ניט קיינעם. ווען זיי טרעפן אבער א יידן ווערט ער מורא'דיק געשלאגן. דערווייל גייען זיי נאך ניט אין די הייזער... אלעס וואס זיי ווילן באקומען זיי דורך זייערע פאראָרדנונגען צום "יודנראט" און טיילמאל אויך מיט דער הילף פון דער לאקאלער ציוויל־פאליציי. שטענדיק מוז דער "יודנראט" אלעס באזארגן – געשטויסן און געצווונגען דורכן טעטיקן קלעם און צוואנג פונ'ם דייטש. אזוי האט דאס שטעטל געמוזט זיי באקליידן פונ'ם קאפ ביז די פיס; אפילו פעלצן, ווארעמע היטלען און שטיוול האט מען געמוזט צושטעלן. ניט נאר פאר זיי, אויך פאר זייערע פרויען, שפיל־חבר'טעס – שיקסעס און אנדערע "נקבות" האט מען געמוזט אלעס צושטעלן.

ענדלעך בין איך ארײַן אינ׳ם גרויסן צימער. מײַן באנק־געלעגער צוגערוקט וואס מער נאענטער צום אויוון; מײַן דארפישע קליידונג, וואס דאנילא האט מיר געבראכט אין וואלד, געלייגט ווי א קישן צוקאפנס. מין פעלצל מײַן האלבן גוף מיטן קאפ צוגעדעקט – מײַנע פיס האב איך ארײַנגערוקט אין אויסגעברענטן אויוון. אזוי בין איך אין קאלטן צימער – דרימלענדיק ניט דרימלענדיק – אדורכגעלעגן די ערשטע נאכט אין מײַן ״דירה״.

ארום 12 אזייגער בין איך געגאנגען עסן מיטאג אויפן אנגעוויזענעם און באשטעלטן ארט דורכן קאמיטעט. כ׳האב געמוזט דורכגיין איבערן גאנצן מארק־פלאץ. די מאמע בעל־הבית׳טע האט מיט מיר דורכגעמאכט א אויספירלעכע לעקציע – ווי אזוי כ׳דארף מיך פירן אויפן וועג: בשום אופן אונטער קיין באדינג ניט ארומגיין אויפן טראטואר – און גיין בלויז אויפן ברוק אינמיטן וועג. ווען מיר פונווייטן קומען א דײַטש, דארף איך אראפּנעמען מײַן היטל נידעריק צו דער ערד און לאנגזאם גאר לאנגזאם זיך גיין מײַן וועג. ווען א דײַטש רופט מיך, טאר איך ניט אנטלויפן; כ׳מוז צוקומען נאענטער און שטיין בלײַבן גלײַך, ביז ער וועט מיר הייסן אוועקגיין...

כ׳בין אדורך בשלום ניט באגעגנדיק קיין דײַטש. כ׳האב טאקי געגעסן א גוטן מיטאג אבער כ׳גיי ניט אהין און וועל ניט גיין. אזוי האב איך באשלאסן מיט זיך אליין. איך וועל זיך באגנוגענען מיטן צוגעטיילטן ברויט פון קאמיטעט. אזוי האב איך אויך געזאגט דער בעל־הבית׳טע. ״אין צווייטן הויז – אדורכצוגיין נאר דעם הויף – וווינט דער שוחט מייזעל״, זאגט זי מיר, ״בײַ אים קומען זיך צונויף יידן יעדן אוונט צו מנחה־מעריב דאווענען בציבור – גייט אויך ארײַן אהין. איר וועט דארט הערן נײַעס. אפשר וועט מען אײַך דארט שאפן אן אנדער ארט צום עסן און איר וועט ניט דארפן גיין דורכן מארק. זײַן זון עליע איז דאך פרעזעס פון קאמיטעט״.

״ניין און ניין!״ איז געווען מײַן ענטפער, ״איך וועל אין ערגעץ ניט גיין עסן. כ׳האב גענוג דאס ברויט. כ׳וועל ניט זוכן קיינע מיטאגן. דער ערשטער דײַטש וואס טרעפט מיך אויפן וועג, וועט מיך זיכער דערשיסן. כ׳וועל בשום אופן זיך ניט בוקן פאר אים... פרעג איך אײַך זאל איך לייגן מײַן קאפ צוליב א גוטן מיטאג? זאגט מיר ביטע!״ קיין ענטפער. זי האט געשוויגן.

אין זעלבן אוונט בין איך אריין צום שוחט. ס׳האט זיך מיר פשוט געוואלט ענדערן א ביסעלע די געפרעסטע אטמאספער. ביי פארהאנגענע פענצטער זיינען פארזאמלט געווען ביי א צוויי מניינים יידן. צווישן מנחה און מעריב האבן יידן אויפן אלטן שטייגער גערעדט פאליטיק – פונקט ווי קיינע אנדערע דאגות האבן זיי ניט... ווו מיר יידן האלטן בכלל און ווי אזוי יידן אין שטעטל שטייען אין שרעקלעכער געפאר – האט אפילו קיינער ניט דערמאנט... אלעס האט געאטעמט מיט "חיי שעה", מיט די לויפנדע מינוטן; מען האט געטריבן "פאליטיק און סטראטעגיע" – ווי ווייט איז שוין דער דייטש? "אט אט נעמט ער שוין מאסקווע..." און נאך פוסטע נארישקייטן לעכערלעכע.

פארן ארויסגאנג האט מיך דעם שוחט׳ס פרוי געבעטן איך זאל אריינקומען אינדערפרי. כ׳האב געפרעגט אויפן זון, אווו איז ער? זי האט געענטפערט אז ער וועט קומען שפעט. ער מוז צוגרייטן ברויט פאר אלע נייע־צוגעקומענע אין שטעטל. אינדערפרי וועל איך אים זיכער קענען זען. דערווייליע האט קיינער פון די פארזאמלטע ניט ארויסגעוויזן צו מיר א וועלכע ניט איז פאראינטערעסירונג: אפילו איינער האט מיך ניט געפרעגט פונוואנען איז א ייד? אמת טאקי; איך בין ניט אן איין־איינציקער אין שטעטל. ס׳זיינען דא נאך יידן ניט פון דאלהינעוו, אבער דאך האב איך געהאפט אויף עפעס... גיי איך אין שטוב. ווידער איז אדורך א נאכט אין קאלטן צימער – אויפן שמאלן און ענגן געלעגער. דאס מאל נאך ערגער געשלאפן ווי די פריערדיקע נאכט... איך בין ווידער אריין צום מניין ביים שוחט; עטלעכע יידן זיינען שוין געזעסן ווארטנדיק דאוונען. "אינדערפרי קענען ניט קומען אלע" – דערקלערט מיר ר׳ שלום מייזל – "מען מוז דאך גיין אויף ארבעט און פארזאמען איז דאך א לעבנס־סכנה!". ער האט מיר דערלאנגט א טלית מיט תפילין און גלייך האט מען זיך געשטעלט דאוונען. נאך "שחרית" האט מיך דעם שוחט׳ס פרוי געבעטן אנצוהאקן א ביסל האלץ. ס׳איז פרייטיק ערב־שבת; מען דארף קאכן און באקן חלות. נאכדעם בעט זי מיך עסן דעם אנבייסן. איך האב אנגעהאקט האלץ און אריינגעטראגן אין שטוב. דאן גיט מיר די פרוי צו עסן. כ׳פרוב עסן און איך קען ניט... "ווערטע רעביצין" – זאג איך – "איך קען נאך איצט ניט עסן". "טרינקט־זשע חאטש א קאווע", ענטפערט זי און דערלאנגט א גלאז קאווע, ווענקנדיק דערביי דעם זון עליע – ער זאל וואס שנעלער אויפשטיין. כ׳טרינק און קוק מיך ארום; אין שטוב און אין קיך דערקענט זיך ערב־שבת.

מיינע געפילן און זכרונות זיינען פלוצים איבערגעריסן געווארן דורך ר׳ שלום: ״איך בעט אייך קומט אריין מקבל שבת זיין. כ׳וויל אז איר זאלט ביי אונדז עסן שבת׳דיק״. כ׳האב צוגעזאגט אז איך וועל אריינקומען און אוועק אהיים. ״וואס האט איר אויף שבת?״ האב איך געפרעגט דער בעלעבאסטע.

״דערווייילע האב איך נאך גארניט...״ איז דער ענטפער. ״כ׳דארף נאך אפנעמען ברויט אויף שבת פונ׳ם קאמיטעט״.

דורכן פענצטער זע איך פלוצלונג א געלויף, כ׳הער אויך א געפילדער. ״וואס איז?״ פרעג איך דערשראקן.

״יעדעס מאל ווען ס׳פארן אן דייטשן דרינגט אלעמען דורך אן אימה און שרעק... ווער ווייס צי איז ניט אנגעשטאנען די לעצטע שעה?״ איז דער ענטפער. ״מען ווייס דאך קיינמאל ניט, נאך וואס זיי קומען. אזוי גייט אויס די נשמה יעדן טאג ביז מען ווייס שוין וואס זיי ווילן״.

די אילוזארישע זארגלאזיקייט

פרייטיק צונאכט בין איך געקומען מקבל שבת זיין. יידן פארזאמלטע זיינען שוין געזעסן און געמיטלעך געשמועסט ״פאליטיק״, ניט דערמאנענדיק אפילו וואס ס׳האט זיך בייטאג אין שטעטל געטון.

דער שוחט האט גערופן צו קבלת שבת און מעריב. ״לכו נרננה״ – האט זיך קוים געהערט זיין שטימע. אלע האבן זיך באמיט צו דאווענען שטילער און אזוי האט מען פארענדיק מעריב. אלע זאגן צו די אנדערע ״גוט שבת!״ און מען צוגייט זיך איינציקווייז אהיים. מיר דערמאנט ר׳ שלום נאכאמאל, כ׳זאל ניט אוועקגיין. זיין זון עליע פרעגט מיך: ״פאר וואס זייט איר ניט געקומען היינט עסן ביים גאלדשמיד? איר וואלט דארט געגעסן און זיך מחייה געווען מיט א גוטן מיטאג״. ״יא הנאה האבן ניט הנאה האבן״ – זאג איך – ״כ׳קען ניט און וויל ניט בוקן זיך וויפיל מאל א טאג פאר די נאציס וואס דרייען זיך אופן גאס און דערביי נאך כאפן קלעפ. ס׳איז מיר גענוג בלויז ברויט... שוין 8 חדשים לעב איך מיט גאר ווייניק עסן און איך לעב. אין דעם קאלטן צימער וווּ איך געפין זיך איז ערגער ווי ווייניק צו עסן. נאכן קומען פונ׳ם וואלד האב איך מיך נאכניט דערוואַרעמט... זאל דאס זיין דאס ערגסטע וואס כ׳דארף דורכלעבן!...״

ר׳ שלום מייזעל גיט מיר און עליען א סימן, מיר זאלן אפהאקן דאס רעדן. דייטשן דרייען זיך אין דרויסן אונטערן פענצטער – ווייזט ער אן שווייגנדיק. עליע האט גענומען דעם קליינעם קנויט־לעמפל און אוועקגעשטעלט אים אונטערן טיש. ״עס איז סכנת־נפשות און פיקוח נפש. מעג מען...״ האט עליעס פאטער געשעפטשעט. מען האט זיך אוועקגעזעצט עסן. גאר שטיל האט דער שוחט אפגעזאגט די קידוש־ווערטער; געזען האט מען בלויז זיינע ליפן באוועגן זיך. מען האט אויף גיך אפגעגעסן און ווידער ווער איך געבעטן נאכניט אוועקצוגיין. ר׳ שלום האט מיך צוגערופן אין א ווינקל, פונוואנען עס איז מעגלעך געווען אבסערווירן די דייטשן – צי זיי דרייען זיך נאך. א שעה אומגעפער איז אדורך און זיי זיינען אוועק. ווידער האט מען זיך צום טיש געזעצט און דעם שוחט׳ס פרוי האט געגעבן טיי. ״זאל עס זיין אלס אפקומעניש...״ – זאגט זי – ״מען מעג שוין רעדן שטיל״.

״איך האב אייך געוואלט עפעס פרעגן, רבי״ – ווענדע איך מיך – וועט אייער שטעטל זיך קענען אויסקויפן ביי די רוצחים? האבן דען יידן אין אנדערע שטעטלעך ניט געשאטן מיט גאלד? און דאך האט מען זיי אלע אומגעבראכט און אפגעמעקט? קען דען דאלהינעוו ווערן א יוצא מן הכלל?״ כ׳וואַרט אויפן ענטפער. דער שוחט טראכט איבער און שווייגט... איך קען אבער ניט שווייגן. איך הער ניט אויף צו פרעגן: ״צי וואלט ניט געווען בעסער אויסצוזוכן אנדערע אויסוועגן? לאזט זיך ניט אריין אין אילוזארישער פארפירנדער זארגלאזיקייט. קלערט טיפער אריין, ר׳ שלום! די געפאר איז אומגעהויער נאענט און שארף... ס׳איז אן אלגעמיינע אחריות, אבער אויך אייערע רבי! ביי א 2500 יידן זיינען אין שטעטל... מען מוז ראטעווען זייער נאקעט לעבן! די וועלדער וועלכע סעגאלטשיק און איך קענען זיינען בכוח אויסצובאהאלטן צענער־טויזנטער יידן. מען דארף אנטרינען, מען מוז אנטלויפן: פארן גאלד וואס מען גיט דעם דייטש קען מען דאך קויפן עסן...״.

ר׳ שלום האט ניט אויפגעהערט צו שווייגן: בלייבן מיינע פראגן אומפארענטפערט. מיר בענטשן ״ברכת המזון״ אין א ״מזומן״. מען שטייט אויף. איך גיי אהיים. ״שלאפן״ – אויסליגן און פארטרייבן נאך א קאלטע און שלאף־געשטערטע נאכט.

שבת אינדערפרי בין איך געקומען צו ״שחרית״. ווידער זיצן (ביי פארהאנגענע פענצטער ווי שטענדיק) פארזאמלטע יידן צום דאווענען און מען שמועסט דערוויילע. איך בין שוין אביסל היימישער געווארן

און זיך אנגעשלאסן צום אלגעמיינעם געשפרעך.

ענדלעך האט מען זיך געשטעלט דאוונען; אפגעדאוונט "שחרית", די וואך־סדרה געלייענט פון א חומש און אפגעזאגט "מוסף". גלייך נאכן דאוונען איז מען זיך צוגאנגען שטיל... געבליבן זיינען בלויז די "בני בית". דער שוחט בעט מיך צום טיש. מען האט זיך געזעצט ארום דעם שיין־געדעקטן טיש און מיר מאכן קידוש אויף א גוט ביסל בראנפן. ביי "ושמרו בני ישראל" האט זיך ר' שלום מייזעל דער שוחט צעוויינט... ער קען ניט אפהיטן שבת ווי אמאל! ער זאגט מיר מוסר: אז איך כ'האב זייער וויי‌ניק אמונה... מען דארף גלויבן. ביז איצט האט מען געפאסט מאנטיק און דאנערשטיק. איצט האט ער בדעה מתקין צו זיין א פיר־טאגיקן תענית יעדע וואך... "רבי!" – זאג איך – "איך גלויב אז אין אלע שטעטלעך ארום – נאנטע און ווייטע, האט מען געזאגט תהלים און מען האט אויך געפאסט".

אויף מארגן, זונטיק אין אוונט – נאך אפארבעטן א טאג אויפן וויטעבסקער שאסיי מיט נאך 50 מאן – בין איך אריין צום שוחט הערן נייעס און וויסן צי איז אין שטעטל רוייק. דער רימער – וועמען איך האב פארביטן און אויף זיין נאמען געארבעט – איז שנעל צוגעקומען צו מיר, פרעגנדיק ווי אזוי האט זיך געארבעט. נאך מיין ענטפער האט ער שטיל געזאגט: "כ'האב געהערט נעכטן אלעס וואס איר האט געטענה'ט. אלץ איז טאקי אמת אבער שווער גאר שווער איז אלעס איבערלאזן און אנטלויפן. ווען איר פארלאזט ווערט אלעס צעראבעוועט און א חורבן פון דער ווירטשאפט. איר, מילער, האט שוין ניט וואס צו פארלירן". "יא!" – איז מיין ענטפער – "כ'האב שוין לאנג פארלארן מיין ווירטשאפט, אבער דאס דווקא טוט מיר ניט וויי... א ווירטשאפט – אז מען לעבט – לאזט זיך אויפסניי אויסבויען. אבער אז מען פארלירט נפשות, איז עס דאס טרויערדיקסטע! זיי קומען שוין ניט צוריק".

מען האט שוין אפגעדאוונט מנחה ווי אויך מעריב. איך און נאך עטלעכע יידן בלייבן זיצן. דעם שוחט'ס פרוי איז אונדז מכבד מיט טיי. ס'פירט זיך א שמועס. איינער קומט אריין און דערציילט: דער יודנראט האט באקומען א ידיעה דורך זיינע שליחים – אלע שטעטלעך ארום, ווי ווילייקע, איליע, דונילאוויטש, פאסטאוו, קאבילניק ווי אויך סווענטשיאן זיינען שוין כמעט ניטא... אלעס כמעט "יודנריין"... אלע אנוועזנדע זיינען געבליבן געפלעפט און נידערגעשלאגן. שלום מייזל ברעכט אויס מיט א טיפן זיפץ פונ'ם הארץ... אלע – ווי פארשטיינערט.

פאַרשפּעטיקט אויף דעם לעצטן טערמין

מנחם מאַכט "לך לך"

קומענדיק אין שטוב גיבן מיר איבער מאַמע און טעכטער אַז כ'מוז מאָרגן אינדערפֿרי מעלדן זיך אין "יודנראַט". פֿון דעם ווייס איך, איז אוממעגלעך זיך אַרויסצודרייען; ניט קומען אַהין – הייסט ברענגען אויף זיך פּאָליציי אָדער אַ דירעקטע אינטערווענץ פֿונ'ם דײַטש. די אַלמנה און אירע קינדער הערן ניט אויף צו פֿרעגן: וואָס וויל פֿון מיר דער "יודנראַט"? כ'ווייס ניט וואָס זיי צו ענטפֿערן. איך דערצייל נאָר וועגן מײַן באַשלוס, צוריקקערן אין וואַלד. טראָץ די פּרעסט מוז איך אַוועק מיטן קינד; עס איז קיין תּכלית ניט צו פֿאַרבלײַבן. איך ראַט אויך דער אַלמנה און קינדער אָפּצוטראָגן זיך. מען וועט אין וואַלד ניט שטאַרבן חלילה פֿון הונגער. ס'זײַנען דאָ אויך פֿרײַנטלעכע דערפֿער, וווּ גויים גיבן ברויט און קאַרטאָפֿל אָבער כ'וויל ניט רעדן קיין סך. פּלוצים איז מיר אַדורך אַ שרעק: אפֿשר איז עפּעס אַ "מסירה'לע" דערגאַנגען אין "יודנראַט"? אפֿשר עטוואָס פֿון מײַנע רייד ביי ר' שלום מײַזעל אין שטוב?... און אפֿשר ווער איך צוליב דעם גערופֿן?

נאָך אַ שלאָף־געשטערטער נאַכט לויף איך אינדערפֿרי דורך הינטערגעסלעך פֿריער צו סעגאַלטשיקן. ער דאַרף דוכט מיר עפּעס מער צו וויסן. זײַן פֿעטער איז דאָך פּרעזעס!... כ'בין אַרײַן אין שטוב און דערציילט יעקבֿ'ן מײַנע אַנגסטן און שרעק. ער ראַט מיר צו גיין אין "יודנראַט" און בלײַבן נאָכדעם ביי אים – ביזן אָוונט. "הערט זיך ניט אָן צופֿיל צו אַלע פּוסטע מעשׂיות, וואָס ווערן דערציילט דאָרט ביים שוחט".

מיר האָבן געגעסן פֿרישטיק, יעקבֿ איז אַוועק אין "יודנראַט". מנחם רעדט מיר צו איך זאָל ניט גיין אַרבעטן; ער וועט צו מיר קומען יעדן טאָג. ער דערציילט מיר דערביי – ווען ס'איז קיינער ניטאָ אין שטוב – אַז יעדע נאַכט הערט ער קלאַפּן און גראָבן אינ'ם פֿאָדער־הויז. ווי ס'ווײַזט אויס גרייט מען עפּעס צו... איך בין באַלד נאָכדעם אַוועק צום "יודנראַט" – מיטנעמענדיק אַ שטיקל ברויט אין קעשענע – אויף יעדן פֿאַל און יעדע פּאַסירונג. זיי קענען מיך פֿאַרשיקן ערגעץ אויף טעג אָדער וואָכן און איך וועל אפֿילו ניט צוריקקומען. אויפֿן וועג טרעף איך נאָך אייניקע וועלכע ווערן גערופֿן. כ'האָב מיך באַרוייקט דערווײַל; כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַז עס האָט ניט צו טון מיט די שמועסן ביים שוחט.

צום פּרעזעס איז מען אַרײַן איינציקווײַז און באַזונדער. דער

ערשטער האט ארויסגייענדיק גארניט איבערגעגעבן און גלייך אנטלאפן. אויף מיין פראגע: "וואס וויל ער דארט?" – האט ער שנעל געזאגט: "איר וועט שוין באלד וויסן..." אזוי האבן אויך אנדערע רעאגירט און זיך געהאלטן. ענדלעך בין איך שוין אויך אריין. א דייטש ימש"ו איז געזעסן נעבן פרעזעס. נאכן פארשרייבן מיינע אויפגעגעבענע פרטים האט דער פרעזעס מיר באפוילן: מארגן 6 אזייגער פרי גרייט זיין אפצופארן פונדאנען קיין ווילייקע.

מנחם האט געבעטן, פארזוכנדיק מיך צו איבערצייגן, אז איך זאל מארגן פרי ניט קומען אין "יודנראט" און ניט פארן קיין ווילייקע... שוין לאנג האט יעקב דערציילט, אז דער "יודנראט" האט געשיקט יינגלעך און יונגטלעכע קיין ווילייקע און קיינער פון זיי איז מער ניט אהיים געקומען. כ'האב זיך צוגעהערט צו די ווארענונגען פון מיין זון און אנגעזאגט ער זאל מארגן ניט קומען צו מיר. כ'וועל מיך אויסבאהאלטן אין פארלויף פונ'ם גאנצן טאג.

די נאכט בין איך ניט געשלאפן. אפילו ניט געדרימלט. ביים אויפגאנג פונ'ם מארגנשטערן האב איך מיך ארייגעשארט שטילערהייט אין א פארלאזענע שטאל – פארמאסקירנדיק זיך זארגפעלטיק... ביזן אוונט אפגעלעגן און אוועק אין שטוב. מען האט מיר דערציילט אז א פארשטייער פון יודנראט מיט פאליצייי האבן גענומען מענטשן פון די הייזער און געשיקט קיין ווילייקע. קיין לאנגע שהיות האב איך שוין מער ניט געמאכט. איך האב מיך געלייגט שלאפן, שלאפן אבער לאזט זיך ניט... ליג איך מיר אויפן באנק און טראכט...

אין א פריער מארגן־שעה איז מנחם אריינגעלאפן און דערזעענדיק מיך א "חי וקיים", האט ער זיך פריידיק צעוויינט. "טאטע מיינער!" – האט ער געזאגט – "שכנים אונדזערע האבן דערציילט, אז מען האט דיך אפגעזוכט און אוועקגעשיקט... ס'איז היינט דאנערשטיק. אפשר גייען מיר שוין זונטיק אין וואלד אריין? מיר טארן דא ניט בלייבן. שטענדיק כאפט מען דא יידן צו שיקן אין ווילייקע און שיסן זיי דארט... מיר מוזן אוועק!" א שכנה איז פלוצלעך אריינגעקומען מיט פארוויינטע אויגן. צוויי אויטאס דייטשן שטייען אויפן מארק... יידן לויפן, ניט וויסנדיק וווהין... "וואס טוט מען?" – פרעגט זי און פארברעכט די הענט.

"מנחם, גיי עסן. א ביסעלע שפעטער וועל איך צו דיר קומען. אפשר וועלן מירווארטן ביז זונטיק... די היינטיקע דייטשע שפיל געפעלט מיר ניט... הלוואי זאל איך מיך טועה זיין!" מנחם איז אוועק. איך בין ווידער

אין שטוב ארײַן. די אלמנה און אירע קינדער האבן ניט אויפגעהערט צו פרעגן: "וואס זאל באדייטן די היינטיקע שפיל פון די דייטשן אויפן מארק?" איך האב ווירקלעך ניט געוווסט וואס צו ענטפערן און באטאנט מיין מיינונג אז דאס איז ניט צום גוטן.

איך בין אוועק צו מנחמ'ען. אויפן וועג איז מיין באשלוס אפצוטראגן זיך פון דאלהינעוו שטארקער און אנטגילטיקער געווארן.

"מנחם, דו גייסט שוין מארגן אוועק אין קריוויטש צו שלום פאליסקין. דו קענסט דאך אים פון רעפישצי. זאלסט מארגן אינדערפרי ניט גיין דאווענען. זיי גרייט, איך קום דיך באגלייטן א ביסל. איך וועל קומען אהין זונטיק. עס איז בעסער דו זאלסט גיין אליין, ווייל דיך וועט קיינער אויפן וועג ניט פרעגן 'וווהין?' ווען איך וועל צו דיר קומען, וועלן מיר גלייך אוועק אין וואלד".

דעם זעלבן אוונט בין איך ארײַן צו שלום מייזעל צוהערן זיך, וואס יידן האבן נאך צו דערציילן נייעס. איינער האט דערציילט פון "א זיכערער און קאמפעטענטער קוועלע", אז ס'וועט זיין א געפאנגענ־לאגער אין שטעטל; דייטשן וועלן שטעלן פאטראלן אויף די דעכער. א צווייטער דערציילט – מען גייט בויען א פעסטונג. האבן דייטשן מיט לארנעטן אבסערווירט ארום און ארום... איך שטיי ביי מעריב־"שמונה־עשרה" און באקוק ארום די אלע אנוועזנדע; א קריכנדע שרעק און א לויפנדע אימה דריקן זיך אויס אויפן פנים פון יעדן... דאך וואגט ניט קיינער צו טאן עפעס. דאך פארלאזט מען זיך אויף "צוזאגענישן און פארזיכערונגען".

אין שטוב פון דער אלמנה ווו איך געפין זיך, האט קיינער ניט פארזוכט צו שלאפן. איך אויך ווי אלע זיינען מיר געזעסן ביים אויוון אין שטייגנדער און וואקסנדער מורא פון מינוט צו מינוט. אזוי ביזן פרימארגן. די נאכט איז אבער אדורך רויק. אינדערפרי האט דער פראסט געלאזן א ביסל; עס האט אנגעפאנגען דאס קאפען פון די דעכער. איך בין אוועק תיכף צו מנחמ'ען. ער האט געווארט אויף מיר גרייט צום מארשרוט. מיר זיינען גלייך ארויס אין וועג. און אט זיינען מיר שוין ביים וועג קיין קריוויטש. אנווייזנדיק אויפן גלייכן שאסיי האב איך ווידער פארזאגט מיין זון, ווי אזוי זיך צו פירן אנקומענדיק אהין. גייט אזוי א יינגעלע, א צעניאריק קינד אליין אויפן וועג. ער שפרייזט די ערשטע טריט צו אנטלויפן פון דייטשע רוצחים.

אזוי בין איך געבליבן נאכקוקנדיק, ביז עס איז שוין ניט מער מעגלעך געווען אים צו זען. עס איז געווען פרייטיק – א טאג פונ׳ם סוף מארס 1942. אויפן וועג בין איך אריין צו סעגאלטשיקן כדי עפעס הערן פון יעקב׳ן. יעקב איז ניט געווען. ווי פריער איז אין שטוב געזעסן יעקב׳ס מאמע. אויף מיין פראגע אווו ער איז, האט זי געענטפערט אז ער וועט היינט קומען גאר שפעט. איך וועל זיך ניט דערוואַרטן. זי האט אבער ניט פארגעסן לויבן מיין באשלוס וועגן מנחמ׳ען – באטאנענדיק אז איך האב געטאן ווי ס׳דארף צו זיין. "ווער ווייס וואס עס גרייט זיך דא און וואס עס וועט זיין מיט אונדז?!" האט זי פארענדיקט מיט א טיפן גוט ווייעגדן זיפץ, נאענטער צום געוויין. איך בין אוועק צו מיר אהיים. כ׳האב נאך ניט באוויזן זיך צו זעצן אויפן בעט אינ׳ם אלקער, האט מיך א שכן גערופן צו זיך אין שטוב – איך זאל עפעס אנקוקן... דורכן פענצטער האב איך פונוווייטן געזען אויפן מארק יעקב׳ן מיט לייבען מיט פעק אויף זייערע פלייצעס – אין "פולער אויסשטאטונג". דער פאליציי־קאמענדאנט מיט א לאנגער נאגייקע אין האנט שטייט איבער זיי און הערט ניט אויף צו דרעסירן זיי און איבן: "פאדני!" (פאל!), פאווסטאן! (שטיי אויף!)". ער פירט זיי צו אין א קאלוזשע וואסער און נאכאמאל דאס זעלבע... זיי טונקען זיך אין וואסער נאכאמאל ביז מען האט זיי אוועקגעפירט. "ניט גוט" – האב איך געזאגט. "זארגט ניט צופיל" – זאגט דער שכן – "מען וועט זיי שוין אַויסקויפן פאר גאלד...". "אויסקויפן, ניט אויסקויפן, מען דארף פון דא אוועק. עס זאל אזוינס ניט פאסירן! אין וואלד וועט עס ניט זיין און קען ניט זיין!" – איז געווען מיין ענטפער. אינצווישן איז כמעט פארגאנגען דער טאג. איך בין ווידער אין שטוב אריין. די מאמע האט אויסגעשפרייט א טישטוך אויפן טיש און אוועקגעשטעלט די צוויי גרויסע מעשענע לייכטער. "איר וועט איצט בענטשן ליכט?" האב איך געפרעגט פאראינטערעסירט – "איך האב אייך נאך ניט געזען ליכט בענטשן". זי האט מיך אנגעקוקט און געענטפערט: "איך האב ניט געהאט קיין ליכט... אבער היינט איז מיר געגעבן געווארן א מתנה, צוויי ליכט. איך וועל בענטשן... איך וועל זיי ניט באהאלטן. אין דער וואכן קען מען זיצן אין דער פינצטער. עס איז סיי ווי סיי פינצטער..." זי האט אנגעצונדן די ליכט און פארהילט איר פנים אין די הענט, אירע ליפן האבן געמורמלט און פלוצלונג האט זי זיך צוזאמענגעבראכן אין א יאמער־געוויין – ניט צו שטילן און לינדערן...

ביסלעכווייז האט די מאמע זיך בארוייקט; זי האט געבעטן

אנטשולדיקן, צוליב איר בין איך ניט געגאנגען צום מניין. איך האב געענטפערט אז איך האב איצט מלכתחילה ניט געהאט קיין חשק צו גיין... "אויב אזוי, מילער, עסט מיט אונדז יעצט" – בעט זי מיך – "איך האב היינט געקריגן אויף שבת צוויי ברויט. אויך פאר אייך האט מען געגעבן א ברויט". מיינע בליקן זיינען געווענדעט צום טיש; ס'איז א "לחם־משנה" געגרייט, צוגעדעקט מיט א שבת־קודש־טישטעכל. "ליבער מילער" – זעצט פאר די מאמע – "נעמט עס ניט פאר איבל און זאל עס ניט זיין פארדריסלעך, אויב איך בעט אייך צו מאכן קידוש, שוין לאנג ווי איך האב ניט געהערט קידוש... און אפשר איז עס דער לעצטער קידוש...ביים דייטש איז אלעס מעגלעך. אז יעקב האט שוין געוואלט אוועק, ווי מען דערציילט, קאכט זיך שוין עפעס. זיכער האט אים זיין פעטער דער פרעזעס אינפארמירט. מיר און אייך וועט ער גארניט דערציילן. מאכט אבער יעצט קידוש!" זאגט זי. "אויב א 'לחם־משנה' ליגט שוין אויפן טיש, וועל איך אוודאי מאכן קידוש", האב איך געענטפערט.

איך האב אפגעזאגט די קידוש־ברכות. ווידער האבן די מאמע און טעכטער שטיל אין זיך געוויינט. די עלטערע טאכטער האט יעדן געשטעלט א טעלערל. מיינע בליקן פרעגן פארוווּנדערט: וואס דארף עס זיין? די מאמע דערציילט, אז פארן אוועקגעבן א קישן האט זי באקומען א זעקעלע קאשע... דאס וועט מען עסן "לכבוד שבת". נאכן עסן האב איך מיך צוגעלייגט אויפן באנק־געלעגער אין גרויסן צימער. שלאפן קען איך ניט. איך האב ניט אויפגעהערט צו טראכטן... וועגן מנחמ'ען. וועגן בראנקען... אווו קען זי זיין איצטער?

שבת אינדערפרי בין איך אוועק צום מניין; יידן האבן שוין געווארט אויפן דאווגען. עס איז שטיל געווען. קיינער האט ניט געוואלט רעדן. קיינער האט ניט דערמאנט וועגן דער דראענדער געפאר... ס'איז אריינגעקומען א ייד און מיר איבערגעגעבן, אז שוין נעכטן אין אוונט האט ער באקומען א גרוס: מנחם איז אנגעקומען בשלום אין קריוויטש. עליע מייזעל פרעגט מיך: "איר האט שוין אייער יינגל אוועקגעשיקט?" "יא, נאכן 'באזור' זייערן פון דאנערשטיק האב איך מורא געהאט, אז עס איז שוין גאר נאענט..." האב איך אים געענטפערט – "איך וועל אים פון קריוויטש אויך ארויסנעמען...".

שבת'דיקער טאג איז אדורך שטיל און רויק. מוצאי שבת – שבת צו נאכט, האט אויך אויסגעזען צו זיין רויק... אויך דער זונטיק איז געווען רויק. ווי אויבנדערמאנט האב איך שוין פרייטיק באשלאסן ווי אויך צוגעזאגט מנחמ'ען, אז זונטיק אונט וועל איך מיך אפטראגן פון דאלהינעוו און זיין אין קריוויטש. עס איז אבער ניט אויסגעקומען; איך האב נאך בדעה געהאט איבערצורעדן מיטן רימער אין שכנות – אפשר וועט ער מיט זיין קליינער משפחה אויך מסכים זיין פארלאזן דאס שטעטל.

ווידער האב איך מיך געלייגט זונטיק ביינאכט אויפן הארטן באנק־געלעגער אין גרויסן צימער, באטראכטנדיק און פלאנירנדיק אלע מיינע שריט צו פארלאזן דאלהינעוו, אויפן וועג צוריק אין וואלד. געמיינט האב איך אז ס'וועט מיר געלונגען רעאליזירן מיין פלאן און ס'וועלן ניט זיין קיינע שטערונגען...

א שטארקער 'בראזג' אין טיר האט מיך א ריס געטאן פונ'ם געלעגער. דער שכן רופט מיט שרעק: "געוואלד יידן! די שחיטה האט אנגעפאנגען..." אלע זיינען שוין וואך און שטייען ראטלאז. איך האב מיך גאר שנעל אנגעטאן מיינע גויאישע מלבושים און ארויסגעלאפן אין דרויסן שרייענדיק: אנטלויפט! פון גאס האבן זיך שוין געטראגן וויי־געשרייען און געוואלדן פון יידן. און אט האבן מיינע אויגן געזען ווי יידן ווערן געכאפט און געשלעפט פון זייערע הייזער דורך די דייטשע צוויי־פיסיקע חיות מיט זייערע מיטהעלפער פון שטעטלשע קריסטן. יידן האלב אנגעטאן, פרוביען נאך אין נאכט־וועש, וויינענדע קינדער – ווערן ארויפגעטריבן אויף צוגעגרייטע אויטאס וועלכע פארן גלייך אוועק. אויף די דעכער שטייען דייטשן און שיסן מיט פולעמיאטן און מאשין־געווער אויף אנטלויפנדע יידן. דער טומל איז גרויס. געוואלדן און וויי־געשרייען ווערן שטארקער... דאך בין איך ווייטער געגאנגען צום קריוויטשער שאסיי, כדי צו פארלאזן דאס שטעטל. נאכגעפאלגט האבן מיך אייניגע דארפס־פויערן, וועלכע זיינען מיטגעגאנגען געמיטלעך. זיי זיינען פון די אנטלאפענע "אבאזניקעס" וואס האבן געלאזן אויף הפקר זייערע פערד און וועגענער, אויפן וועג קיין וויטעבסק ווערנדיק געיאגט פון שרעק, בעת דעם אומדערווארטעטן פארטיזאנער־אנגריף. אנגעטאן אין מיינע גויאישע דארפס־מלבושים, האב איך אויסגעזען ווי איינער פון זיי.

די "אבאזניקעס" זיינען אוועק אין דער אנדערער ריכטונג; בלויז איך אליין גיי שוין ווייטער אויפן קריוויטשער שאסיי. אבער ס'איז אוממעגלעך געווארן צו גיין נאך ווייטער. א שטארקע ביקסן־שיסעריי האט זיך ווי אויסגעשאטן אויפן גאנצן וועג... קוילן פליען איבער מיין קאפ. ממש א לעבנס־געפאר! איך האב מיך גענומען אויף צוריק... איך האב געמוזט אומקערן זיך אין שטעטל.

כ'גיי צוריק, ניטא קיין ברירה. איך ווייס בכלל ניט ווי אזוי און ווו מיך צו פארשטעקן... אומעטום, אין אלע הינטערגעסלעך אפילו – דרייען זיך ארום ציוויל־באוואפנטע קריסטן מיט מעסער, שטעקענער און אייזנס – אויפפאסן אז קיין ייד זאל ניט אנטלויפן און ארויסראטעווען זיך. איך שפרייז אזוי ווייטער און נאענט שוין צום מארק... "זיי פארזיכטיק, גיב אכטונג!" הער איך דעם רוף צו מיר. קיינער־שטייט ניט נעבן מיר, קיינער רופט ניט... כ'פארשטיי, אן אינערלעכער אלארם ווארנט מיך: עס איז גארניט שווער צו אנטדעקן ווער איך בין... און דא – קוויטשערייען און געוואלדן פון אומגליקלעכע פארהילכן דאס שטעטל. יידן ווערן ארויסגעשלעפט פון זייערע וווינונגען, "סכראנען" און באהעלטענישן... קריסטן ראבעווען און ברעכן. פיל יידן שוין צוזאמענגעקליבן ביי דער מארק־האלע, דייטשן ארום און ארום; אויטאמאבילן פול־געפאקט מיט יידן פארן אפ און קערן צוריק ליידיק – פארזעצן זייער מלאכה.

אנטלאפן בין איך צוריק אין שמאלע ענגע געסלעך. ארייגעקוקט אין עטלעכע הייזער, יידן – שוין ניטא... א פחד פאלט אריף און באהערשט מיך. ס'וויל זיך שרייען דא, אינ'ם גרויסן מענטשן־מדבר: אין פארוויסטע הייזער וואס מיט א פאר שעה'ען פריער האבן נאך לעבנס געאטעמט פול דאגות, זארגן ווי אויך געהאפט, געגלויבט אז מען וועט דערלעבן אויך בעסערע טעג... איך האלט איין מיין וויי־אויסברוך און געשריי. ביי א קליינער "שאפ" בין איך שטיין געבליבן. א לייטער דערנעבן. לאנג ניט געקלערט, שנעל ארויפגעקראכן אויפן בוידעם און ארויפגענומען דעם לייטער. גאר שנעל האב איך מיך אין שטרוי טיף איינגעגראבן ביי א הילצערנער וואנט מיט גרויסע שפארונעס. דור'ך די שפארונעס האב איך אלעס געזען.

צווישן די ווארטנדע אויפן מארק איז געשטאנען א פרוי האלטנדיק אויף די הענט א פיצעלע קינד. א דייטש האט דאס קינד פון אירע הענט ארויסגעריסן און דורכן פענצטער ארייגעווארפן אין דער ליידיקער

מארק־האלע. די אומגליקלעכע פרוי רייסט זיך נעביך אומזיסט אין דער האלע נאכן קינד. דער דייטש דערלאזט ניט און שלאגט מיט דער ביקסן־קאלבע... "מיין קינד, מיין פיצעלע קינד!" – הילכן אירע געשרייען. זיי לעכערן און בויערן מיינע געהירן א לאנגע צייט נאך.

אזוי האט די דייטשע בעסטיע געווילדעוועט אין פארלויף פונ׳ם מאנטיקדיקן טאג. אזוי טיף איינגעגראבן אין שטרוי בין איך געלעגן אין מיין באהעלטעניש אין פארלויף פון דער גאנצער צייט און צוגעקוקט אויף אלעס... א פראסטיקער ווינט האט געריסן און געשלאגן דורך די שפארונעס. א קעלט האט מיך אדורך גענומען...

אזוי האבן אויך דאלהינעווער יידן געווארט אויפן "אולי ירחם..." – וואס האט ניט געוואלט זיך דערבארעמען. אזוי האט מען פארזאמט און פארשפעטיקט יעדן טערמין צו ראטעווען זיך. אזוי פארשפעטיקט אויך דעם לעצטן טערמין... אזוי האבן אנגעפאנגען גסיסה־צאפלען און לעצטע לעבן־קאנוולסן פון אן אלטער איינגעווארצלטער קהילה.

מיין געזעגענונג מיט דאלהינעוו און קריוויטש

ויהי ערב ויהי בוקר יום שלישי. אנגעקומען איז שוין דער פרימארגן פונ׳ם דינסטיק; איך בין נאך געווען איינגעגראבן אין שטרוי און מורא געהאט ארויס פון דארט און אנטפלעקן זיך. פלוצלונג האב איך אויפגעכאפט געוויסע שארכן אין דער "שאפ" אונטן אין שטרוי ווי אויך געהערט א שטילן רופן אויף יידיש מאמע־לשון. דורך די שפארונעס האב איך געזען צוויי יידישע בחורים און פון א ווינקל ערגיץ ווו זיינען ארויס עטלעכע מענער. זיי האבן יעדן געגעבן ברויט. "גיט מיר אויך א שטיקל ברויט", האב איך פון אויבן אויסגערופן. די בחורים דערציילן אז די רוצחים זיינען אוועק. אבער מען דארף נאך ניט ארויסגיין. זיי וועלן אונדז קומען צו וויסן געבן וועגן דעם.

פון צווייטן בוידעם־עק האבן זיך געהערט קרעכצן... "ווער איז דארט?" האב איך שטיל געפרעגט. קיינער האט ניט געענטפערט... "זיכער א ייד!" האב איך פארשטאנען און דערנענטערט זיך אהין. איך האב אראפגענומען דעם שטרוי־איבערדעק – אן עלטערע פרוי... זי האט קיין כוח ניט צו רעדן. זי ווייזט מיר שטום אויפן ברויט וואס איך עס. זי וויל אויך עסן. איך האב מיין ברויט געטיילט מיט איר. ביסלעכווייז האט זי זיך בארוייקט און צו זיך געקומען. "איך האב גוט געהערט ווען איר

זייט ארויף און ארויפגענומען דעם לייטער", האט מיר די פרוי געזאגט. "איך האב קיין כוח ניט געהאט ארויפנעמען אים. האט מיר גאט אייך צוגעשיקט... ווען די רוצחים וואלטן געזען דעם לייטער, וואלטן זיי זיכער ארויף..." דערווייל זיינען שוין צוריקגעקומען די בחורים און געזאגט, אז מען קען שוין ארויס. פון באהעלטעניש אבער מען דארף אויפפאסן און היטן זיך אין גאס.

איך בין ארויס פון בוידעם־באהעלטעניש און געוואלט אריינגיין צו סעגאלטשיקן. כדי צו קומען אהין האב איך געדארפט אדורכגיין עטלעכע געסלעך, ביי דער צייט וואס פאליציי־לייט האבן ניט אויפגעהערט זיך ארומצודרייען. כדי אויסצומיידן מען זאל זען בין איך אריין אין א יידישער שטוב. עטלעכע יידן זיינען דארט געזעסן ווי אויך דער פרעזעס פון "יודנראט". לויט די נייע פאראארדענונגען האבן אלע געבליבענע געמוזט זיך רעגיסטרירן אין "יודנראט" אויפסניי. ביי דער רעגיסטראציע האט יעדער געמוזט איבערלאזן עפעס פאר דער פאליציי – ווי א גוט שטיקל טואלעט־זייף, "קעלנישע וואסער" א.א. אן דער "מתנה" האט מען קיינעם ניט רעגיסטרירט. ביי די הערשנדע אומשטאנדן האט דאס ניט רעגיסטרירן געהייסן פארמשפט'ן צום טויט...

דער "יודנראט" האט אויך פון מיר פארלאנגט א "מתנה". איך האב אבער ניט געהאט... ס'האבן ניט געהאלפן מיינע טענות, אז איך בין א פליט שוין פון 1939 און איך האב גארניט. אפילו מיין קאטעגארישע דערקלערונג, אז דעם קומענדן זונטיק וועל איך שוין ניט זיין אין שטעטל, ווייל איך וועל אוועק אין וואלד, האט אויך ניט געהאלפן. איך בין געבליבן ניט רעגיסטרירט...

ארויסגעגאנגען פון "יודנראט"־אמט בין איך אוועק אנטוישט און פארביטערט, ניט וויסנדיק ווו און ביי וועמען איך וועל מיך אויפהאלטן ביז זונטיק 10 אזייגער אין אונט. ניי־אויפגעהאנגענע פלאקאטן האבן געמאלדן, אז אלע געבליבענע יידן אין שטעטל מוזן אין פארלויף פון 24 שעה זיך קאנצענטרירן אין דעם ניי־אפגעזונדערטן "געטא", וועלכער באדארף ביז זונטיק זיין ארומגעצאמט ארום און ארום. אויף מארגן – מיטוואך אינדערפרי – זיינען אלע געבליבענע יידן אויפגעפאדערט געווארן צו באערדיקן די קרבנות פון דער שחיטה. די טראגיש־טרויעריקע קבורה האט געדויערט צוויי לאנגע טעג – פון פינצטער ביז פינצטער.

אין פארלויף פון די פאר טעג בין איך געגאנגען פון שטוב צו שטוב און געזוכט, מען זאל אוועק מיט מיר צוזאמען אין וואלד. איך האב אויף

זיך גענומען די אחריות און פארפליכטונג צו שאפן דארט עסן. איך האב געטענה'ט, אז דער ניי־געשאפענער געטא איז בלויז א מיטל צו א פולשטענדיקער ליקווידאציע פון יידן אין דאלהינעוו. עס איז מיר געלונגען צו ארגאניזירן א גרופע פון 16 יונגע בחורים אין פארלויף פונ'ם שבת'דיקן טאג און באשטימט – זונטיק 10 אוונט אפצוטראגן זיך אין וואלד אריין. אנגעשלאסן צו דער גרופע זיינען געווען אויך א פאטער מיט צוויי דערוואקסענע קינדער – א זון מיט א טאכטער. אין דער פאראויס־באשטימטער שעה האט מען זיך אפגערעדט זיך צו טרעפן אין דער בעקעריי אויסערן געטא. בלויז דארט איז דערלויבט געווען צו באקן. ביז זונטיק האבן די 16 בחורים חרטה געהאט און צוריקגעצויגן זיך פונ'ם באשלוס, אונטערן תירוץ אז עס איז נאך צו קאלט אין וואלד...

סוף כל סוף שוין זונטיק. אלע מיינע צוגרייטונגען צו פארלאזן דאלהינעוו זיינען שוין אויך צו ענדע. איך האב מיר איינגעשאפן א טארבע ברויט ווי אויך טאבאק און שוועבאלעך. איך בין צופרידן ביז גאר, וואס איך בלייב געטריי דעם באשלוס אבער אומגעדולדיק... דער טאג זעט מיר אויס צו לאנג... ווי ניט ווי איז דאך דער טאג אויך צו ענדע. עס איז שוין פינצטער געווארן. איך בין שוין אויך אויפן ארט אין דער בעקעריי. דער בעקער האט מיך שנעל באהאלטן אויפן בוידעם, ווייל פאליצײ־לייט דרייען זיך אריין און ארויס און גאט זאל באהיטן ווען זיי טרעפן א פרעמדן... ער האט מיר פארזיכערט אז פונקט 10 אזייגער וועט ער מיך רופן. ס'האט ניט לאנג געדויערט און דער טאטע מיט די קינדער זיינען אריין אין דער בעקעריי און זיך פארשטעקט. איך האב זיי דערציילט אז די בחורים וועלן ניט מיטגיין.

מיר ווארטן אומגעדולדיק אויף דער אנקומענדער שעה. ענדלעך רופט דער בעקער. עס איז שוין צען. אין דרויסן א רעגן מיט א שניי צוזאמען. עס בושעוועט אויך א שטארקער ווינט. יעדער האט אנגעטאן זיין טארבע מיטן ברויט. מיר האבן באדאנקט דעם בעקער און זיך געזעגנט. דער טאטע, א פרומער ייד, האט אפגעזאגט "תפילת הדרך". מיר זיינען ארויסגעגאנגען קעגן ווינט וואס שמייסט אונדז אין פנים דעם רעגן און שניי. עס איז אינגאנצן פינצטער, ניט צו זען גארניט... מיר מוזן זיך האלטן ביי די הענט. פארזיכטיק, טריט ביי טריט האבן מיר אדורך געשליכן די הינטערגעסלעך. שטיל אינגאנצן, אפילו הינט שווייגן און באהאלטן זיך צוליבן שלעכטן וועטער. אט זיינען מיר שוין אויפן קריוויטשער שאסיי. דורכמאכן מוזן מיר אין פארלויף פון דער נאכט א 17 קילאמעטער – איידער ס'וועט ליכטיק ווערן.

מיר האבן זיך אפגערוט א האלבע שעה אומגעפער, און ווייטער געשפרייזט אין דער פינצטערניש פון דער נאכט. געמוזט האבן מיר אנקומען אין שטעטל פארן טאג־אויפגאנג. מיר זיינען אדורך שוין דעם לעצטן דארף אויפן וועג און געבליבן איז נאר א מהלך פון א קילאמעטער. אט זיינען מיר שוין כמעט דערגאנגען צום בריק אויפן סערוועטש; מיר זיינען גאר גאר נאענט. עס איז אבער שטארק פינצטער. וואסער און אייז־שטיקער קאפן זיך שטורמיק אן דעם בריק. מיר זעען גארניט און מיר ווייסן ניט אפילו, צי איז דער בריק באוואכט. צי היט אים עמיצער, צי איז ער פריי אדורכצוגיין... רעכטס פונ׳ם בריק אויף א העבענע פון א בערגל, א ״צמענטאזש״. מיר גייען ארויף אהין אויף א באראטונג – צי דורכגיין ווען ס׳איז נאך פינצטער און טרעפן מעגלעך אויף א וואך, ציווארטן ביז מען וועט קענען זען וואס עס טוט זיך אויפן בריק. די עצה פון טאטן איז אפצוווארטן.

מיר זיינען אראפ פון בערגל צוריק אויפן שאסיי. אויפן בריק איז ניט צו זען קיינעם: ״אלע שנעל צוזאמען!״ רופט דער טאטע. מיר זיינען שנעל אדורך דעם בריק. פלוצים – ווי פון אונטער דרערד לויפט אונדז נאך א קריסט מיט קולי־קולות: ״פארטיזאני זשידאווסקע, לאפייטשע!״ (״יידישע פארטיזאנער, כאפט!״). מיר האבן פארשנעלערט אונדזער לויפן און גיך אריין אין א יידישער שטוב. דער נאכיאגנדער גוי איז שוין געווען אויפן הויף און ווי משוגע ארומגעלאפן. געוואלט האט ער אונדז כאפן. אין שטוב בעט זיך ביי אונדז דער ייד: ״וואס ווילט איר? איר ברענגט אויף אונדז אן אומגליק! כאפט מען אייך דא, וועט מען אונדז אלע מיט אייך צוזאמען דערשיסן״. מיר זיינען שנעל ארויס פון שטוב אויפן הויף און אריין אין קעלער. פון דער בעקעריי קעגנאיבער דעם קעלער האבן אונדז באמערקט ״שקצים״ און זיי האבן אונדז פארשלאסן פון דרויסן אין קעלער. פון אלע זייטן הערט מען געשרייען ״פאליציא!״. עס איז ניט געבליבן וואס צו טראכטן; מיר האבן שנעל אויפגעריסן דעם שטרוי־דאך און זיך צולאפן – יעדער איינער אין אן אנדערער ריכטונג. איך בין אריין אין א קלאזעט און אראפגעווארפן מיין קוטשמע פונ׳ם קאפ. ארויס פון דארט און ארויף אויפן קריוויטשער מארק.

קריוויטשער יידן זיינען שוין געוויר געווארן, וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין דאלהינעוו ווי אויך געוווסט האבן זיי וועגן אונדזער אנטלויפן. אויפן מארק האב איך שוין געטראפן מיין באקאנטן שלום פאליסקין מיט עטלעכע בחורים. ער האט מיר אנגעוויזן סימנים אז איך זאל שנעל אריין צו אים אין שטוב. באלד בין אין שוין געלעגן באהאלטן

אונטערן בעט ביי אים אין שטוב און געוואַרט. מנחם האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און דערזעענדיק מיך אונטערן בעט, האָט ער זיך צעוויינט. "וויין ניט מנחם" – זאָגט פרוי פּאַליסקין – "דו וועסט שוין פון איצט אויף ווייטער זיין מיטן פאָטער". ער האָט זיך באַרויִקט און שלום איז אַריין פון גאַס.

מיינע געדאַנקען הערן ניט אויף פון זייער שנעלן לויף. איך ווייס זיכער אַז די איידעלע און ענערגישע קריוויטשער בחורים ווי אויך פאַמיליע פּאַליסקין האָבן ניט גערוט און וועלן ניט רוען כדי אונדז צו העלפן, "זיכער איז די פּאָליצי גוט באַצאָלט..." בליצט אויף אַ געדאַנק בגניבה. "ווען זיי וואָלטן ערנסט געזוכט, וואָלטן זיי אונדז זיכער אַנטדעקט און געפונען. דאָס וועט אפשר אויך לייכטער מאַכן אונדזער ווייטערן וועג". דאָך קען איך ניט רוען. אַפילו אויף איין מינוט בלויז האָט מיין געוויסן ניט געקענט פאַרגעסן די שווערע לאַסט פון זאָרג און אחריות לגבי די פּאַליסקינס. זייער מורא און שרעק צוליב אונדז האָבן מיר פּשוט פיזיש וויי געטון. "צוליב מיר קען חלילה וחס אַ גאַנצע פאַמיליע אומגעבראַכט ווערן!".

די איידעלע פרוי פּאַליסקין איז אָבער געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע ביי דער בעט וווּ איך בין געווען באַהאַלטן. זי האָט ווי געלייענט אַלע מיינע געדאַנקען און מיך געטרייסט. זי האָט מיך געבעטן צום טיש. "עס איז דאָך פּסח אויף דער יידישער וועלט! און מיר לעבן דאָך..." אויס מורא און אחריות האָב איך ניט געוואָלט זיך זעצן צום טיש. "איך וועל עסן אונטערן בעט... ניט מעגלעך זיצן ביים טיש ביי פאַרהאַנגענע פענצטער און אין קריוויטש, ווייס איך, טאָרן פענצטער ניט זיין פאַרהאַנגען...". בלית ברירה האָט מען צוגערוקט דעם טיש צום בעט. הייסן זאָל עס אַז מיר עסן צוזאַמען... אַזוי געגעסן. דאָס עסן איז געמישט מיט טרערן, מנחם קען ניט עסן, ער איז איבעראַשט... צוויי בחורים זיינען אַריין און מיך אַרויסגערופן פון אונטערן בעט. זיי האָבן מיטגעטיילט אַז דער טאַטע מיט די קינדער זיינען שוין באַזאָרגט. ווי נאָר עס וועט פינצטער ווערן וועלן זיי שוין וואַרטן אויף מיר אין דער לעצטער שטוב – אויף מיאַדלער גאַס פון דער רעכטער זייט.

שלום גיט צו נאָך אַ פּאָר ווערטער און ראָט אונדז, אַז ווי עס וועט נאָר פינצטער ווערן זאָל איך מיט מנחמ'ען אַרויס און אין אַ רואינירטער שטוב, וואָס איז אָפּגעזונדערט אינם עק וועג אָפּוואַרטן. קריוויטש דאַרפן מיר פאַרלאָזן שפּעט אין דער נאַכט... אַזוי איז אויך אָפּגערעדט

געוואָרן מיט די אַנדערע דריי – מיטן טאַטן און די קינדער. דערווײַלע איז די צײַט געלאָפן. באַלד איז שוין נאַכט. עס איז אָבער נאָך ניט פֿינצטער. געוואַרט האָבן מיר שוין מיט שפּאַנענדער אומגעדולד ס׳זאָל שוין פֿינצטער ווערן! עס איז די פּאַסיקע שעה!" – זאָגט שלום אַרומקוקנדיק אין דרויסן צי זעט ניט קיינער, צי מען זעט ניט קיינעם. עס איז שטיל אַרום און אַרום. ס׳איז גאָר פֿינצטער. מיר געזעגנען זיך. די פֿרוי פּאַליסקין קושט מנחמ׳ען און באַגיסט זיך מיט טרערן. מיר זײַנען אַרויס אין וועג.


מיר האָבן אָפּגעזוכט די רואינע, מיר זיצן שוין אײַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל. מיר וועלן וואַרטן ביז פֿייערלעך פֿון אומעטום ווערן אויסגעלאָשן. דאָס וועט ווײַזן דעם צייכן אַז אַלעס שלאָפֿט, אַפֿילו די פּאָליציי. "שוין לאַנג ווי מיר זיצן?" – פֿרעגט מנחם. "אין וואַלד און אַרום, מנחם, וועל איך דיך רופֿן שטענדיק מישאַ" – איז מײַן ענטפֿער.

ווידער שוין אין קאַלטן און פֿינצטערן דרויסן. אַ שטאַרקער רעגן פֿאַלט; טריט בײַ טריט גייען מיר בײַ די הײַזער. מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט די גרעסטע העלפֿט פֿון דער גאַס... פּלוצלינג אַ געשריי: "סטאַי, סטאַי!" מיר הערן אויך עטלעכע שיס־זאַלפֿן פֿון ביקסן. "ניט מורא געהאַט!" – גענומען מישאַן פֿאַרן האַנט און מיר שפּרייזן ברייט און שנעל. דער "סטאַי!" און שיס־זאַלפֿן קומען ווייט הינטער אונדז. קיינער יאָגט אונדז ניט. עס איז שטיל. בײַם סוף פֿון דער גאַס אַ קליין וועלדל. מיר וואַרטן אָפּ אין וועלדל. כ׳לאָז איבער מישאַן וואַרטן און גיי צוריק אַ ביסל צו דער שטוב וווּ די דריי דאַרפֿן זײַן וואַרטנדיק אויף אונדז. שוין דריי מאָל געפֿײַפֿט – קיינער איז ניט אַרויסגעקומען. געוואַרט נאָך אַ ביסעלע... לענגער טאָר מען ניט וואַרטן... שנעל זיך אומגעקערט צו מישאַן. "זיי האָבן מורא באַקומען פֿאַר דער שיסערײַ און אַנטלאָפֿן" – זאָגט מישאַ – "מיר וועלן זיי זיכער טרעפֿן אויפֿן וועג. ווײַל אַנדערש האָבן זיי ניט וווּהין צו לויפֿן".

מיר זײַנען געגאַנגען ווײַטער; אַריבער שוין אויך די גרויס־געדיכטע וועלדער וואָס ציען זיך לאַנג און ווײַט... סוואַטקע וועלדער, פּושטשאַ ווילייסקאַ – דערפֿער ווי אָלסעוויצע, פּאַמאַרוטש, ברוסי און אוזלאַ ווי אויך רעפּישצי. איך בין דאָ אויף דער גאַנצער און ברייטער ווײַטעניש ווי בײַ זיך אינדערהיים. אַלע וועגן און סטעזשקעס זײַנען מיר גוט באַקאַנט. מיר גייען שנעל. דער רעגן שטאַרקער געוואָרן. אַ מבול! מיר האָבן זיך צוגעזעצט אונטער אַ בוים, כּדי דער רעגן זאָל אונדז אין פּנים

ניט שמייסן... עס איז שוין ניטא וואס מורא צו האבן פארן דייטש און זיינע נאכשלעפער. ביסלעכווייז האט שוין אנגעפאנגען צו טאגן. מיר גייען וווייטער. מיר זיינען אדורכגענעצט פון קאפ ביז די פיס. עס קאפעט פון אונדז ווי פון א דאך... עס איז פשוט שווער צו גיין... אט זיינען מיר דערגאנגען שוין ניט ווייט פון א "חוטאר". "דארט וועלן מיר קענען אנווארעמען זיך אביסל" – זאגט מנחם – "זיך אויסטריקענען א ביסל און אפשר אויך א ווארעמע סופ עסן. דא וווינען ארעמע ווייסרוסן; גוטע מענטשן... זיי טוען ניט און וועלן אונדז קיין שלעכטס ניט טאן". נאך א קורצע ווײלע: "טאטע, א ביקס דארף מען זיך שאפן... מיר וועלן אויך זיין פארטיזאנער"... אזוי זיינען מיר ענדלעך דערגאנגען צום ערשטן "חוטאר" אין וואלד.

עס זיינען אדורך שיינע וואכן און עטלעכע חדשים. אין וואלד האבן אונדז שוין אנגעיאגט די ביטערע ידיעות: יידיש דאלהינעוו ווי אויך קריוויטש זיינען שוין ניט מער געווען. איך האב מיר שוין געשאפן א ביקס... איך בין א פארטיזאן ווי אויך מישא מיין עלפיאריקער בחור'ל... איך גיי אויף "זאדאניעס"; איך פיר אויס "ווירטשאפטלעכע אויפגאבן" ווי אויך מיליטערישע פליכטן. א קעמפער, א פארטיזאן! איך העלף מיט און וועל מיטהעלפן צו היטלערס מפלה! עס איז שוין די צייט פון נקמה! פאר מיין ליבער געטרייער אסתר! פאר חנה'לען, פאר חנה'לעס עלטערן, פאר מיאדל! פאר דאלהינעוו און קריוויטש! ניט פארגעסן וועט אויך דער צענטער דור – – נקמה!



דויד שיניוק (ראשון לציון)

משערי ברלין לקיבוץ עליה

עם פלישת הרוסים ארגן אבא קומץ צעירים וביניהם אחי אידל ואנשל אכסלרוד והלכו למכבי־אש, הצטיידו במכשירים לשמור על הקסרקטינים.

הצבא האדום מינה אותו למפקד המשטרה ואחר־כך נתמנה רשמית, לאחר שעברו קורס וזכה לדרגת מאיור, כסגן מפקד משטרת המחוז והועבר לקריביץ'. בתוקף תפקידו הוטל עליו להוציא לפועל את הגירושים. על רקע זה התפטר באחד הימים מהמשטרה וקיבל תפקיד אחר כמנהל מאפיה וספק ראשי.

עם פרוץ המלחמה והמיתקפה הגרמנית, קיבלו פקידי השלטון הוראה לפנות את בני המשפחות אל מעבר לגבול ולהישאר בתפקיד עד הרגע האחרון. אמי לא הסכימה לכך ועברנו שוב יחד עם אבא לדולהינוב. שמעון גיטליץ, קרובנו מדולהינוב בא עם עגלתו והעבירנו לשם.

אבא התפנה עם הצבא האדום והגיע לסביבות גלובוקי–ז'בקה ובסופו של דבר החליט לחזור לדולהינוב. גידל זקן, הרכיב משקפיים וחבש כומתה שחורה ופיברק לעצמו מיסמכים כאסיר מדיני. אבא הגיע לנחל; הגשר היה נתון למשמרות גרמניים ושוטרי־עזר; הוא עבר את הנחל והגיע רטוב לבית נורמן. הם פחדו להחזיקו ובאו אלינו בריצה הביתה לספר על שובו של אבא. בלילה העברנו את אבינו לשמעון גיטליץ קרובנו והוא הסתתר בשבועות הראשונים.

בסוף יולי נכנסה סיירת גרמנית ואז עצרו כ–10־12 אנשים בקירבת ביתנו וגם אחי אידל ביניהם. כיוון שהודיעו שהרוסים מבודסלב חזרו, הם ברחו והאנשים השתחררו. הטנקים הרוסים הופיעו, הסתובבו וירו בבוזזים ופצעו פצעי מוות איכר אחד שמת לאחר מכן.

לאחר לינת לילה אצל ש. גיטליץ, ניסה לברוח לווילייקה עוד לפני העוצר והחזירו אותו. באותו יום יצאו לקורניץ. ידענו שאבא נשאר בקורניץ.

לאחר כמה חודשים הגיעה הלשנה לשוטר מאסלובסקי שי. שיניוק מסתובב חופשי בקורניץ. מאסלובסקי הודיע לש. גיטליץ על הדבר הזה וביקש להודיע על כך לשיניוק כדי שיברח. אמא בתחפושת איכרה באה לקורניץ ועוד באותו יום יצא אבי עם ל. פלנט לברוח מהמקום. הם הגיעו לסול לגיטו המקצועניים שם עבד בבית־החרושת למוצרי לבד. שם גם נפרד מפלנט ונשאר בסול עד הסוף המר.

התושבים המקומיים בדולהינוב, פולנים ובוילורוסים, החלו להלשין עלינו בפני הגרמנים ואף הציקו לנו. רכושנו נשאר בקריביץ' ונשארנו כמעט בחוסר כל. ה"יודנראט" נצטווה לשלוח עובדים לגרמנים ואני הייתי למעשה מפרנס המשפחה. נשלחתי על ידי ה"יודנראט" לעבוד בכפרים: בעבודות נקיון, בחטיבת עצים וכו'. אחי אידל, בוגר הטכניון בווילנא ובעל ידע הנדסי, נשלח לווילייקה ועבד שם כמקצוען בבניית הארמון של מושל המחוז. באקציה הראשונה בדולהינוב בי"ב ניסן, 28.3.42, הוצאו ורוכזו כל היהודים בשוק ונעשתה סלקציה. נרשמתי בשם אידל אחי כמקצוען. השקצים הסתובבו ורמזו שאני בן קצין המשטרה הסובייטית, אך הליטאים והגרמנים לא הבינו ולא התייחסו לכך. המקצוענים נלקחו הצידה תחת משמר והספקנו לראות כיצד הובלו כל האחרים לעבר הנהר. יותר מאוחר הרגשנו בריח שריפות ויריות. ידענו על הנעשה. אמי היתה במחבוא ולא נתגלתה.

בין האקציה הראשונה לשנייה היינו בגיטו. גרנו בבית עם משפחת פליטים מפלשצניץ. אחי מווילייקה חזר הביתה לאחר תום העבודה. אידל אחי היה בקשר עם א. פרידמן. אידל עבד בזמנו ב"סובחוז" בניהולו של טימצ'וק ועל סמך היכרות זו נתקבל ל"אטריאד" כפארטיזן קרבי. הוא היה למקשר בין האטריאד "מסטיטל" למאסלובסקי. אידל בא לילה אחד לעיירה בקשר למגפיים. זה היה בערב הטבח השני. הסתובבנו. ובבוקר היה הכל מוקף ולא היתה דרך לצאת. חזרנו לגיטו. אחי ויצחק נורמן סידרו בתחומי הגיטו בבית משפחת גורביץ' בו גרו מחבוא בקיר כפול (בחנות) ושם הסתתרה אמי והילדים יחד עם משפחת אייזנברג.

מחבואנו לא נתגלה. אני הסתתרתי במחבוא אחר יחד עם פליטים מפלשצניץ. הפצרתי כי יכניסו גם את אידל אחי וסרבו בתואנה שאין אוויר... האקציה החלה ואחי, באין מקום להסתתר, התחבא בערימת עצים חטובים... נוצרי בעיירה גילה אותו דרך הגג והביא גרמנים. הוציאו אותו מהמחבוא – כבן מפקד משטרה סובייטי – והוא נורה במקום בכדור דומדום. כאשר יצאתי ממחבואי לאחר גמר הטבח (שלושה

ימים), גיליתי את כובעו ורסיסי מוחו שנשפכו. גופתו כבר לא היתה.

למרות הבטחות הגרמנים באמצעות ה"יודנראט" כי לא תהיינה שחיטות, התחלנו לחפש דרכי בריחה. שוב התקשרתי עם שני פליטים בודדים מפלשצניץ וטיכסנו עצה ותכנית לברוח. באחד הלילות – כשבוע לאחר האקצייה השנייה – ברחנו דרך פירצה בגדר, עברנו את הנחל והגענו לכפרים ומשם ליער. אמי נתנה לי כמה חתיכות אריגים שהספיקו ל–3 חליפות. הסתובבנו ביער כ–3 ימים בקירבת קרייסק–פלשצניץ. בבוקר התעוררתי ושני חברי נעלמו עם האריגים והשאירוני לבדי. המשכתי להסתובב ביערות כ–3 ימים נוספים עד שבא יום אחד לאפי ריח של עשן. הלכתי לכיוון מתוך הרגשה שאלה פארטיזנים. מעל עץ צעקו לי: סטאי! עצור! ציוו לשכב על הארץ והפנים לאדמה. קפצו מהעצים, קשרו לי את עיני ולקחוני לחקירה. נחקרתי משך שעה ונלקחתי אל המפקדה בתוך היער. כאשר סיפרתי שאני מדולהינוב, הביאו את המאוכסנים לזהות אותי והם זיהו אותי. נתקבלתי לעבודה במטבח (צעיר מדי, בן 15, ליחידה קרבית).

באחד הימים נתקבלה פקודה להעביר את המשפחות והצעירים אל מעבר לקווי החזית. השיירה נתארגנה ויצאה לדרך. הגענו לפודיצ'י ושם הותקפנו בבוקר והתפזרנו לכל הכיוונים. רבות הלכנו עד שהגענו לרכבת ובנסיעתנו הגענו לאופה בירת בשקיריה. שם ניתנו לנו – לי ולמוטק רדושקוביץ – מיסמכים כפארטיזנים. המשכנו ברכבת וירדנו בצ'קאלוב ושם נתקבלנו לבי"ס טכני.

סיימנו את ביה"ס ונשארנו לעבוד בביה"ח על יד בית־הספר עד לגיוסנו לצבא האדום. ב–1943 – לאחר ארבעה חודשים – הועברתי לצבא הפולני, ארמיה לודובה, מיסודה של ואנדה ואסילבסקה בסומי שבאוקראינה. עם צבא זה המשכתי תוך לוחמה בקרבות עד ברלין. פעמיים נפצעתי ברסיס רימון בעין ובלחי ובפעם השנייה בכדור בידי. הגעתי עם היחידה לקו אודר–נייסה. שם נסתיימה המלחמה ונתפרסמה הודעה על כניעת גרמניה. הוחזרנו כעבור שבועות מספר ללובלין לגרניזון ואירגנו אותנו כ"קומנדות" לטהר את היערות ממתנגדי השלטון הפולני א.ק. ונ.ז. נלחמנו משך חדשים רבים. הייתי בדרגת סגן. ב–1946 שוחררתי ונכנסתי לקיבוץ עליה "גורדוניה" בלודז'.

הייתי כבר למעשה רחוק מיהודים ויהדות. הקצין המפקד שלי רשם אותי כקתולי בשם טדיאוש. בחופשה בשטטין פגשנו את אלי מייזל והוא שהחזירנו ליהודים וליהדות.

נשלחתי לקורס מטעם ה"הגנה" כמדריך בנשק. התחלתי לאחר מכן לעבוד כנהג ב"בריחה". ב־1948 הגיעה פקודה לסגור את המחנה באינסברוק, בגבול גרמניה־אוסטריה־איטליה. עליתי עם אנשי המחנה בקאסרטה והגענו ל"מחנה יונה". חויילתי ונשארתי בצה"ל.

חיה קצוביץ'

התפטרותו של יוסף

כשברחה הפקידות הפולנית מפחד הרוסים, נשאר בעיירה רק מזכיר הגמינה והוא הזמין אליו כמה אנשים יהודים וגויים ואמר: נקים מיליציה מקומית עד שיגיעו הרוסים, ומינו את יוסף שיניוק כמפקדה וכשהגיעו הרוסים אמרו: אין דבר, תישאר מפקד המיליציה.

בזמן הפולנים היה להם בית־קפה. יוסף, שהיה איש תמיר ויפה־תואר ומוצאו מווילנה, ידע פולנית טובה וכל ה"אוסדניקים" היו הלקוחות שלו והוא ידע גם לדבר אתם וגם לזרוק שיכור מהמדרגות.

והנה יום אחד נכנסתי הביתה וראיתי את אשתו מסתודדת עם אמא (שהיו בנות דוד). שאלתי מה הסוד, והיא אמרה לי: יוסף הולך להתפטר מהמשטרה. אמרתי: מה פתאום? הלא בעיירה הנידחת שלנו אין עבודה והוא במשרה כל כך גבוהה. אמרה אשתו: אם תבטיחי לי לא לספר לאף אחד אגלה לך סוד. ציוו על יוסף להכין רשימות לגירוש אנשים לסיביר, וביניהם יהיו כל ה"אוסדניקים". איך הוא יכול לאסור אותם? הרי כל חייו התפרנס מהם. וכך התפטר מהמשטרה ויצא את העיירה וקיבל מישרת מנהל מאפיה בקריביץ'.

(בת דודתו של דויד שיניוק)

בן־ציון בן בצלאל ואידה פיינזילבר

על חטא

בדולהינוב היינו קבוצת בית"רים: אנשל מאירסון, נחום לנקין, אריה זילבר. למדתי בווילנא בסמינר "תרבות".

הגעתי לוורשה בשנת 1936 אל אחי אברהם. רציתי להשתייך לפרולטריון. בהשפעתו של אחי אברהם גיבשתי השקפת־עולם מרכסיסטית במהדורה קומוניסטית. התחלתי לעבוד בחברה מסחרית פרטית. עסקתי בהפצה ובשיווק של עטים נובעים. השתייכתי לאיגוד מקצועי יהודי. האמנתי כי הבעיה היהודית תיפתר עם התגשמות המהפכה העולמית. משפטי מוסקבה והיחס של מוסקבה אל המפלגה הפולנית לא היו גורם משפיע.

עם פירוק המפלגה הפולנית טרם היו לי היסוסים מצפוניים ותהיות רעיוניות.

ב–1936–1937 נכנסתי למפלגה הפולקיסטית (כקומוניסט בהתאם לקו המפלגה לחדור לכל מקום לשם רכישת השפעה וגרימת דזאוריינטציה). בעיני נוח פרילוצקי היה זה חשוד ביותר, אבל הוא החריש מטעמי נוחות בחפצו להקים תנועת־נוער ליד המפלגה.

ב–1 באוגוסט לקחתי חופשה ובאתי לדולהינוב. היה זה חודש לפני פרוץ המלחמה. נשארתי בדולהינוב תחת השלטון הסובייטי. אחי עזב ב–1938 את וורשה, נשא אשה והסתדר בעיירה פוהוסט על יד ברסלב. ביום כניסת הסובייטים, ב–17 בספטמבר 1939, הייתי אצל אחי. לאחר זה חזרתי לדולהינוב והתנדבתי לאקטיב של השלטון. ב–7 בנובמבר 1939 התקיימה אסיפת־עם ב"דום לודובי" והייתי אחד הנואמים המרכזיים. נאמתי פולנית.

בעצרת־העם הראשונה באחד במאי 1949 בכיכר השוק על במה מיוחדת הופעתי ונאמתי רוסית. היו פעילים גם חיים קרמר, אהרן גורדון, ראש העיר, אחותו של יושה קרמר, יעקב קנדלר (נורה עם בוא הגרמנים).

נכנסתי ל"קומסומול" כמארגן וכאקטיביסט. באחד הימים הודיעו לי כי מזכיר האיזור בקריביץ' קורא לי להתייצב ב"סל-סובייט" הדולהינובאי. זה היה בבניין הגמינה (שבועיים לפני כן הגיעה יחידת נ.ק.ו.ד. קצינים וחיילים). היו הרבה אנשים ובתוכם אנשי היחידה הנ"ל, מפקדה וגם פקיד האיזור. נודע לנו כי יוצאים למשימה מיוחדת. טרם נכנסתי, ראיתי עשרות עגלות מגוייסות מכל הסביבה. הוקראה רשימה המכוונת כל אחד ליעד מסוים. קיבלתי עגלה ועמי קצין וחייל. פרטי המשימה לא ידועים.


נסענו ונכנסנו לאיזה כפר. התדפקנו על דלת והקצין עמי נכנסנו והוא הודיע לאיכר על העברתו תוך 20 דקות לסביבה מרוחקת. האיכר התחנן ובכה וזה השפיע עלי מאוד, אך לא היה בידי לעשות דבר.

בחורף 41 נקראתי שוב למשימה דומה והלכתי. נאמר לי כי ישנן 2 כתובות, אחת בכפר ואחת בדולהינוב. נכנסתי לבית בדולהינוב. היה זה סמל פולני, מאמן ה"סטשלץ" לשעבר, אוהב יהודים וידידם.

ארגנתי חתימות לטובתו תוך הבטחה לבוא ולבקרו בטרם יישלח. לא יכולתי לקיים את הבטחתי, כי הדבר נודע ואיימו עלי כי אשלח יחד עמו.

בשנת 1941 נודע לי על גירוש חדש והפעם עומדים גם יהודים להישלח. על מנת שלא אצטרך להשתתף, התנדבתי לעבוד ולארגן את העבודות בשדה־התעופה בבודסלב. ישבתי במשרד ורשמתי כמויות של חומר וכו'.

השילוח נתקיים יומיים לפני המלחמה (לפי השמועה). נשלחו אז משפחות יהודיות: מנדל חפץ, א. פורמן, זליג חדסביץ' פעיל בית"ר.



פולינה ברקוביץ

ביקור בדולהינוב

הזכרונות המרגשים של העבר אינם נותנים לי מנוחה. לבי מתכווץ בעצבון וצמרמורת עוברת בי כשאני נזכרת בכל מה שעבר עלינו בזמנים של היטלר. רעב, השפלות ועבודות־פרך מעל לכוחותינו. הו, אלי! מה ארוכה היתה דרך הסבל בזמן הקצר של ילדותנו.

אני רוצה לכתוב על עצמי ובעצם זה לא רק על עצמי, כי כל זה היה גם גורלם של הרבה ילדים באותה תקופה. הרבה סבל בזמן קצר. בתוגה אני נזכרת בזמנים הטובים והיפים שעברו עלי בזמן הלימודים בסמינר למורים בגרודנו עד התחלת המלחמה. כמה רעננים ויפים היו השושנים! לפני עיני מהבהבת תקופת הנעורים כשעזבתי את דולהינוב ונסעתי ללמוד בגרודנו. העולם היה כל כך טוב, חדש, מלא זוהר, שמחה ויופי. הזכרונות על מורי, חברים וידידים ולימודי כל כך חזקים ואינם נותנים לי לשכוח אותם.

כפי שהזכרתי כבר, נסעתי לפני המלחמה לגרודנו ללמוד. שנת הלימודים כמעט נגמרה. עברתי את כל הבחינות בהצטיינות פרט למתמטיקה, בה ציפתה לי בחינה ביום שני הבא, ואחרי זה הייתי אמורה לנסוע לחודשי החופש הביתה. אך ביום ראשון לפנות בוקר קרה הדבר הנורא. הגרמנים הפציצו את גרודנו. המלחמה התחילה. המלחמה תפסה אותנו במרכז המגורים של התלמידים. הלומים ונבוכים. פתאום נגוזו כל המחשבות על מה שהוא טוב ויפה בחיים. מצאתי את עצמי בודדה, רחוקה מהורי, מאחי, בקיצור, התחילה "דרך היסורים" האופיינית להרבה אנשים בזמן ההוא. נדודים ביערות, בכפרים, שינה מתחת לשיחים בקור עז. פתאום אין לי בית. חורף קשה וקר והשמש אינה מחממת לא את הגוף ולא את הנפש. בדידות.

הרגשתי שאני בודדה ועזובה. מה לעשות? מה לעשות? המחשבה שצריכים משהו לעשות הולכת וגוברת בי. אנסה ללכת לדולהינוב ברגל ויצאתי. הרבה ברחו מגרודנו. הדרכים מלאים פליטים. הלכנו דרך יערות, בלי אוכל ובלי מים, וביער שרפות, כי הגרמנים מפגיזים כל הזמן. אחרי שהתנסינו בהפגזות וביריות גברה בי עוד יותר הרגשת היתמות.

עד מאורעות הדמים האלו הייתי אדון לעצמי. נולדתי. הייתי קיימת! חשבתי שכל זה חשוב לא רק בשבילי, אלא לכל הסובב אותי. אני פולינה קיימת. הרגשתי את עצמי חזקה. התכוננתי לחיות חיים טובים וארוכים והאמנתי בזה. ובסודי סודות חשבתי כמו הרבה ילדים ואנשים צעירים, שאני אחיה חיי נצח, שדווקא אתי יקרה נס ואני אף פעם לא אמות. עד כדי כך הרגשתי את עצמי מלאת חיים וכוח.

והנה, ראיתי איך בקלות מתים אנשים. המוות היה הדבר הכי קרוב לכל אחד ואחד. כל אחד מההרוגים – כמה רגעים לפני המוות – חי את חייו, היה צעיר חי וחושב מחשבות, אוהב את אשתו או את כלתו, והנה כהרף עין ואיננו. הייתי מדוכאת. החיים נראו חסרי תוחלת. השתדלתי לקחת את עצמי בידיים כדי להישאר בחיים למעני ולמען אחרים.

מגרודנו הגעתי למקום מגוריו של אחי נחום ברקוביץ' שנפל כגיבור. אני הייתי גאה בו, הוא היה מורה לפיסיקה ומתמטיקה. הוא היה מקור גאוותנו. תמיד הייתי גאה בידיעותיו במתמטיקה. הידיעות שלו היו דבר מיוחד במינו. הרוצח שרצח אותו היה חיה מס.ס. ונחום נפל חלל ואני עמדתי עכשיו על קברו.

הרוצחים השמידו את כל האינטליגנציה היהודית בעיר לפני שהקימו את הגיטו, כי הם פחדו שהאינטליגנציה היהודית תארגן את ההמון היהודי.



עם גמר המלחמה נסעתי עוד הפעם לגרודנו והמשכתי את לימודי שם. מצאתי את המורים שלימדו בסמינר לפני המלחמה.

לאחר שסיימתי את הסמינר היה ברצוני לראות את בית הורי, המקום בו גדלתי. התגעגעתי אל מקום הולדתי דולהינוב ונסעתי לשם בזמן החופש. בקריביץ' פגשתי את אלי בונישביץ' שעזר לי לסדר תעודות ומסמכים, כי בזמן המלחמה חייתי לפי תעודות אריות על שם סטניסלבה סרגייבה.

בדולהינוב, כמו במקומות אחרים נראו עקבות המלחמה. הרס וחורבן ופני האנשים מלאי יגון. והכל כאילו מת. חשבתי, האם קיים הבית שלנו? האם קרה לו נס והוא נשאר? פניתי למרכז העיירה ונעמדתי והרגשתי שעיני דומעות. הבית עמד כמו שהיה פעם. התקרבתי אליו והזדעזעתי והפעם באמת בכיתי. הנה הרחוב שלנו, מרכז העיירה, שהזכיר לי את ימי ילדותי. הנה הבית עומד בודד. הפגישה מאוד מרגשת. ישבתי על אבן כשעה והסתכלתי מסביב. מחשבותי עברו אל העבר וחשבתי פתאום, שבין העבר וההווה עבר יובל שנים. לפני עיני קמו הורי, קרובים, שכנים ונזכרתי עוד הפעם בגופות הילדים והאנשים המבוגרים שראיתי בדרך הנדודים בזמן המלחמה. כמה דמעות, צרות, תקוות אבדו, מוות. כל זה עבר בזכרוני ולא נתן לי מנוחה. הרגשתי צורך לפגוש מישהו להיוודע יותר פרטים על אשר עבר. הייתי בודדה, מלאת יגון ובכל לבי קיבלתי בהתרגשות כל סימן של השתתפות בצערי. חשבתי, האם אוכל לעבור על כל זה ולהתגבר. מראה העיירה עושה רושם קשה מאוד. הנה זאת דולהינוב, דולהינוב היקרה לי עם היערות, הנהרות והשדות שלה. פחדתי שכוחותי לא יעמדו בכל הסבל. בכיתי. הלב מתכווץ. מלא תוגה. רציתי לצעוק.

הייתי שבוע בדולהינוב ונודעו לי פרטים על מות הקרובים והימים האחרונים של תושבי העיירה. הראו לי את קבר האחים, בו נקברו האנשים שנורו במקום, ביניהם אמי ובת דודי שנפלו בזמן הבריחה.

גמרתי את הביקור בדולהינוב ובלב שבור נפרדתי מהמקום היקר לי ונסעתי לגרודנו להמשיך בלימודים. היו אלה שנים של עקשנות ומאמץ. התגברתי על הכל וגמרתי את לימודי ועל זה עלי להודות למורי ולחברים. אחרי גמר הלימודים התחלתי לעבוד בתור מורה בבית־ספר תיכון.

מיר פאראייניקן זיך סימבאליש
(קטעים ממכתבים מברית־המועצות)

6.09.81

דב היקר,

...אין טאג פון גילוי המצבה אין זכר פון דאלהינאווער קדושים דינסטאג דעם 22.09, איך און אלע דאלהינאווער "שארית הפליטה" אין רוסלאנד, וועלכע איך האב מודיע געווען: שמואל שפריירעגען, בערל חדש פון שול־הויף (חייט'ס דעם שוסטערס זון), עלקע גארדאן, בוניע קאפלאן מיט אירע צוויי זין פון נייעם מארק, עליע בונימאוויטש און אנדערע, אברהם־יצחק דימענטשטיין פון שול־הויף, ער האט א ברודער אין ישראל – ירחמיאל, פאראייניקן זיך "סימבאליש" מיט אלע אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל, און אונדזערע הערצער און מחשבות וועלן זיין אין דעם טאג מיט דעם קהל אויף דעם בית־הקברות, כדי צו באערן דעם זכרון פון אונדזערע טאטעס, מאמעס, ברידער, שוועסטער, מומעס, פעטערס, קוזינען און אנדערע קרובים וואס זיינען אומגעקומען אין די שחיטות פון די נאצים, און אין קאמף קעגן זיי מלחמה צייט, און מיר בעטן אלע אויסדריקן אונדזער מיטלייד בסמך זה.

די קומענדע וואך וועט בא מיר זיין צו גאסט מיין שולע־חבר שמואל שפריירעגען פון סווערדלאווסק. ער פארט קיין דאלהינאוו אויף א באזוך – קבר־אבות. מיר האבן געדארפט פארן צוזאמען, נאר פון א סיבה קען איך יעצט ניט פארלאזן די שטוב.

...דא אין מאסקווע איז יעצט אן אינטערנאציאנאלער יריד – אויסשטעלונג פון ביכער, ווו ס'איז פאראן דער ישראל פאוויליאן "ישראל עולם הספר", וועלכן איך האב נעכטן באזוכט, און געהאט א געשפרעך מיט דעם פקיד פון ישראל־פאוויליאן. ער לעבט אין רמת־גן. זיינע עלטערן שטאמען פון קורעניץ און געבעטן איבערגעבן אייך א לעבעדיקן גרוס.

אין די קומענדיקע בריוו וועל איך דיר אנשרייבן זכרונות פון אונדזער שטעטל דאלהינאוו אין דער צייט פון דער מלחמה, איך צוזאמען מיט שמואל שפריירעגען ווען ער וועט זיין ביי מיר צו גאסט,

וועלן מיר זיך צונויפקלייבן מיט אונדזערע מחשבות און געדיינקען צו העלפן דיר ארויסגעבן דעם זכרון־בוך...

באהבה,
דב

שמיץ אנשטאט א קויל

10.1.1982

דיין לעצטן קורצן בריוו אויף עברית מיט די צוויי תמונות פון מצבה־זכרון פון די דאלהינאווער קדושים האב איך באקומען אין אקטאבער מאנאט 1981 יאר, פאר וועלכע איך דאנק דיר זייער.

...איין תמונה פון דער מצבה האב איך איבערגעשיקט קיין סווערדלאווסק מיין פריינד שמואל שפריירעגען. ער איז דיר זייער דאנקבאר. מיר ריידן אפט דורכן טעלעפאן.

...ליבער דב, וואס הערט זיך ביי אייך, ווי גייט די ארבעט מיט דעם ארויסגעבן דעם יזכור־בוך לקדושי עירנו. די זעלבע זכרונות וואס איך קען דערציילן פון אונדזער שטעטל אין קריגס־צייט, קען דערציילן מרדכי ליפשיץ פון ווילנע, מיינער א קרוב פון דער מאמעס צד, וועלכער האט געלעבט אין דאלהינאוו אין דער מלחמה־צייט. מיר זיינען צוזאמען מיט אים אין דער צווייטער שחיטה געלעגן ביי אייך אויפן בוידים, אין קיך אין אייער שטוב אין דאלהינאוו (דעם פעטער גרשון׳ס שטוב) דעם 30–טן אפריל און דעם 1–טן מאי 1942 יאר. צוזאמען געווען אין לאגער אויף דער סטאנציע קניאגינינא, און פון דארטן אנטלאפן צו די פארטיזאנער דעם 25–טן סעפטעמבער (ערב סוכות) 1942. ער איז געווען א לערער אין א שולע פון שווערע קינדער, און האט געשריבן מעמוארן אין יידיש...

איך דערמאן זיך דעם 12–טן אקטאבער 1941–טן יאר (שמיני עצרת). אין אוונט זיינען געקומען צו אונדז אין שטוב צוויי דייטשן (פעלדפאליציי) זשאנדארמען און געזוכט ווארעמע זאכן פאר דער דייטשער ארמיי. אין מאטראץ ווו איך בין געשלאפן און אויך מיין ברודער ווולוועליע עה״ש זיינען געווען איינגענייט אונדזערע ווינטערדיקע זאכן, פעלצלעך, סוועטערס א.א.וו. און זיי האבן דאס געפונען. די זשאנדארמען האבן מיר און דעם ברודער וווליען עה״ש אוועקגעלעגט נעבן טיש אויף דער פאדלאגע נאקעט און האבן אונדז געשלאגן מיט א

גומע־קאנציק 25 שמיץ. דער מאמען מיט די שוועסטער האבן זיי פארמאכט אין שלאף־צימער. איינער פון די דייטשן האט ארויסגענומען זיין פיסטאליעט און געזאגט: "פאר דעם וואס איר האט באהאלטן די זאכן און ניט פרייוויליק אפגעגעבן פאר דער דייטשער ארמיי וועלן מיר אייך שיסן". די מאמע עה"ש מיט די שוועסטער האבן אנגעהויבן וויינען און בעטן, און איינער פון די דייטשן האט געזאגט: "זיי זיינען נאך יונגע בחורים. מיר וועלן געבן נאך שמיץ און אויף דעם וועט זיין געענדיקט".

ווען די זשאנדארמען זיינען ארויס פון שטוב, זיי זיינען געווען עטוואס שיכור, האבן זיי פארגעסן מיט זיך צו נעמען א לאדישיק מיט האניק און א לאדישיק מיט בראנפן, וואס זיי האבן מיט זיך געבראכט אין שטוב און אוועקגעשטעלט אויפן טיש. איך מיטן ברודער זיינען געווען בלוטיק פארוואונדעט, און אויף מארגן האבן די זעלבע דייטשן געשאסן 5 יידישע דאלהינאווער בחורים, צווישן זיי איז געווען אונדזער א שכן, שלמה שרייבמאן. די פאליציי אויף מארגן, דאס איז געווען שמחת־תורה, האבן געוואלט שיקן מיר מיט דעם ברודער עה"ש אויף ארבעט צו די דייטשן, נאר זעענדיק אונדז פארוואונדעטע און פארבלוטיקטע, האבן זיי אונדז דערלויבט צו בלייבן אין שטוב. אזוי איז באשערט געווארן אונדז צו בלייבן לעבן, און די 7 מאן וואס זיינען געווען ארויסגעטריבן אויף דער ארבעט צו די זשאנדארמען זיינען דערשאסן געווארן. דאס איז איינער פון מיינע זכרונות אין דער צייט פון די נאציס...

באהבה, להתראות בקרוב
דב

(המכתבים נתקבלו על יד דב עדין מאת בן־דודו דב־בערל בן לאזשע איידעלמאן)



ש. שמגר (רמת־גן)

אחים נידחים

אסון בית־ישראל באירופה בימי מלחמת העולם השנייה, השואה וכל ספיחיה המיט, כמובן, הרס וחורבן בכל מקום, כולל גם עלות הכורת על קהילתנו, רובה ככולה. הנותרים שמילטו עצמם אחד מעיר ושניים ממשפחה עלו ברובם לישראל, בה בנו ביתם ובה הקימו מחדש את הריסות משפחותיהם. מיעוט מהשרידים שם פניו לארה״ב ושם מצאו בית והיכו שורשים. בין מרכזם של יוצאי עיירתנו אשר במדינת־ישראל ובין שארית הפליטה בארה״ב קיימים קשרים איתנים הן בחילופי מכתבים והן ע״י ביקורים הדדיים חוזרים ונשנים. אולם אין כיום שום קשרים עם יחידים ובודדים מבין השרידים, הפזורים במרחבי בריה״מ ובמספר ארצות אחרות.

אעפי״כ ולמרות העדר הקשרים, חי ופועם לב־אחים נידחים אלה עם מרכזנו בישראל ומפעם בפעם נשמע קולם ממרחקים, תוך געגועים וכיסופים להיצמדות הדדית ולו גם רגעית. להלן נביא רשימה חלקית של פליטי עיירתנו (לאחר השואה) ברחבי תבל – פרט לישראל וארה״ב, אשר נודע על קיומם:

1. גיטלין מרדכי, בעל־משפחה – טשקנט, בריה״מ.
2. שפרירגן שמואל – סברדולובסק (חוצקה), בריה״מ.
3. מנפיל אליהו (לא נודע מקומו כיום) – היה בבריה״מ.
4. איידלמן דוב (ברל בן לודז׳ה איידלמן) – מוסקבה, בריה״מ.
5. שפרבר ליבקה (כיום בל), בעלת־משפחה –אוסטרליה.
6. חפץ מיכלה ואלקה (אחיות בלי משפחה) – צ׳רנוביץ, בריה״מ.
7. גורדון אלקה (פרטים לא ידועים) – בריה״מ.
8. גורדון אהרון (פרטים לא ידועים) – בודסלב, בריה״מ.
9. גורדון שפרה (אין פרטים) – פולין.

10. בקשט יוסף ודבורה – דולהינוב, בריה"מ.

11. דימנטשטיין – דולהינוב, בריה"מ.

12. בונימוביץ' אליהו – דולהינוב, בריה"מ.

13. דוקשיצקי רעיה וזליג – וילנא, בריה"מ.

14. ליברמן בתיה, אלמנה וילדים – בריה"מ.

15. ראובן (ברס) בעל משפחה – שבדיה, ביקר בארץ.



חברה בית אברהם אנשי דאלהינאוו

224 העגרי סטריט, ניו יארק

מיין שטעטעלע

דאלהינאוו מיין שטעטעלע ווי שטארק איך בייגק נאך דיר
מיין ארים שטעטעלע ווי טייער און ליב דו ביזט ביי מיר
דיינע שולען, דיינע הייזער, דיינע גאסען, דיינע קראמען,
דער מיל מיט'ן טייך, וואו איך האב זיך געלערנט שווימען
דער גרויסער בית המדרש מיט די אלע שולען ארום,
וואו אידען האבען געלערנט און געדאווענט גאנץ פרום.
דער מארק מיט די קראמען שטייט מיר קלאר פאר די אויגען
וואו אידען האבען געהאנדעלט און זייער חיונה געצויגען.
דעם קאמיאנקער וואלד וועל איך קיין מאל ניט פארגעסען,
וואו איך מיט מיינע חברים זיינען אין די קוסטעס געזעסען
שבת, און די בוימעלער זיינען אלע געגאנגען שפאצירען

אינגלעך מיט מיידלעך פלעגען דארטען ליבעס פירען
א טרויעריגען גרוס פון דיר ערהאלטען עס נעמט א גרויל,
ווי קען מען עס גלויבען, ווי קען מען עס זאגען מיט'ן מויל.
דיינע שולען, דיינע הייזער חרוב, פארברענט צושטערט,
די הייליגע ספרים צוריסען וואלגערן זיך אויף דער ערד.
אויסגעקוילעט יונג און אלט, לעבעדיגערהייט פארברענט
בלויז געצעלטע, האבען זיך געראטעוועט פון מערדערס הענט
פארשוואונדען מיין שטעטעלע וואו איך האב מיין יוגענד
פארבראכט
ניטא מער מיין שטעטעלע וואו איך האב זיך געפרייט
און געלאכט.

איש חכיב:

חערמהע שוועסטער און ברידער

איהר זייט העפליך געלאדען צו קומען **דיזען שבת, אפריל** דעם **27טען** 1946

אום 8 אוהר אווענט, צום


דזשענעראל מיטינג

אין אונזער לאקאל, 224 הענרי סטריט, ניו יארק

צוועק: ערשטע איינצאהלונג פון קווארטאל אפריל, 1946.

שוועסטער און ברידער, אייך איז אלעמען באוואוסט, דער חורבן וואס האט געטראפען אין דער שטאט דאלהינאוו, אונזערע ליבע און טייערע זיינען אלע אויס־געקוילעט געווארען פון די נאצים, און די וואס זיינען על פי נס ניצול געווארען פון טויט, זיינען פיזיש און גייסטיג צובראכען, פול מיט צער און ווערטאג, נאך זייערע ערמארדעטע פאמיליעס, זיי קוקען מיט האפענונג און צוטרוי צו אונז, אז מיר זאלען זיי העלפען צוריק אויפבויען זייערע לעבענס, און איהר ווערט געבעטען ברייגגט אייערע דאנייטשאנס צום מיטינג אדער שיקט צום סעקרעטער ליבערמאן.

בשבילי מולדת


ב"ס
תרבות

דב עדין

עולים ובונים

הקהילה של יוצאי דולהינוב בארץ מונה כ–300 נפש אשר באו ברובם מארבעה מקורות: עולים – חלוצים מתנועות הנוער הציוניות, "תיירים" ל"מכביות" – שנשארו בארץ, מנישואים מדומים (פיקציעס) שצורפו לבעלי זכות עלייה ומשארית הפליטה – לאחר מלחמה העולם השנייה והשואה שבאה על עמנו בעקבותיה.

שנות ה–20 וה–30 של המאה הן השנים של העליות החלוציות. בשנים אלו חלו שינויים כבירים במצבם של יהודי פולין. מהפכות אידיאולוגיות בהשפעת גורמים חיצוניים שהתרחשו באירופה, כתוצאה מההתפתחויות של מלחמת העולם הראשונה ושינויים כלכליים סוציולוגיים עם הרעת המצב הכלכלי בפולין, בשנות השלושים, שרישומן ניכר בעיקר בציבור היהודי. הנסיגה מהמדיניות הליבראלית בפולין עודדה את שנאת ישראל. היחס העויין וגזרות השלטונות על המסחר היהודי ועל בעלי־המלאכה, הגבירו את הרגשות האנטישמיים שהיו מלווים לעתים בפרעות ובחרם מאורגן על המסחר היהודי.

האפלייה לגבי המיעוט היהודי מצאה את ביטוייה בתחומים נוספים. באוניברסיטאות קיימו את ה"נומרוס קלאוזוס" ואת ספסלי הגיטו, קשה היה להתקבל לגימנסיות הממשלתיות, יהודים בודדים נתקבלו למשרות ממשלתיות ועוד כהנה וכהנה. כל אלה הגבירו את השאיפות לעזיבה ולהגירה והצמיחו את האירגונים ברחוב היהודי, תנועות של מרד לאומי וסוציאלי כאחד.

העיירה היהודית היא שעמדה בראש המרד הזה ובני־הנוער שבעיירה הם שהיוו את צבא המורדים.

עם היווסדן של תנועות הנוער הציוניות בעיירה, ובראשן ה"חלוץ" וה"חלוץ־הצעיר", התעוררו החלכאים לחיים וליצירה. תנועות אלה נתנו תשובה למאוויים ולגעגועים של צעירים מקופחים. פה מצא הנוער פורקן לחיי חברה, לפיתוח התודעה הפוליטית, לתרבות, לשיחת־רעים

ובעיקר לשאיפה הגדולה והצודקת של עקירה מיוון המצולה ובניית בית לעם נרדף, בית שיהיה בכוחו לשחרר את הנוער והעם כולו מאפליות וממצוקת השיעבוד.

והעיקר – לעלות! להיחלץ מהשממון של העיירה, ולעלות – פירושו סרטיפיקאט, וזה יקר־המציאות נוכח המכסות העלובות שהפרישה ממשלת הוד־מלכותו.

רבים יצאו ל"הכשרה", זה המוסד שהכשיר את החלוצים חסרי הנסיון לעבודת כפיים יצירתית, לתפיסה חדשה של ההווייה ולאורח־חיים שונה בהחלט מהמציאות הקיימת. זו היתה מהפכה ממש; צעירים יהודים חוטבי־עצים! זו מרידה במוסכמות, מרידה בבית ופריצת חומות וסייגים מקובלים מדורי־דורות. והיו ש"חמקו" להכשרה באישון ליל, כשההורים ישנים, כי התנגדות ההורים למעשה זה היתה בטוחה.

כעולה הראשון, לאחר מלחמת העולם הראשונה נחשב ניסן קפלן ע"ה, מורה וסופר, יליד העיירה, גר בווילנה, בקובנה ובשאבלי ומשם עלה בשנת 1925.

בשנת 1926 עלו מספר חלוצים. הראשונה – חיה אקסלרוד. היה זה יום קיץ בהיר, והעיירה כולה יצאה ללוותה בדרך המובילה לבודסלאוו, היא תחנת־הרכבת שלנו. חיה הגשימה את הרעיון החלוצי–ציוני במלואו, הצטרפה לקיבוץ, עברה את התלאות של הסתגלות לחיים של עבודת כפיים, שיבה לאמא־אדמה, התנקשות הסביבה העויינת, הגנה ובנייה. מי שיזדמן היום לקיבוץ רמת־הכובש יוכל לשמוע מפיה את הסיפור האותנטי של ארץ־ישראל שקמה לתחייה ולראות במו עיניו את פרי ההגשמה. ברמת־הכובש נמצאת גם חיה אלפרוביץ, שותפה למפעל הגדול של התחדשות העם והארץ.

